STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06282

TSURIK TSU ZIKH

H. Bassen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צוריק צו זיך

דראַמע פון אידישן לעבן אין ניו יאָרק

פון

חיים בן בת-יה

הויפטפּאַרקויף:
621 בראָדוויי, ניו יאָרק, נ. י.

Copyright, 1923, by H. Bassen

181

געווידמעט מיין ליבן ברודער

נ י ס ן   ב א ס י ן

געמעם קורצער לעבן איז געווען א פאעמע

פון ארבייט און שאפן.

אַמעריקאַנער אידנטום ! זע, איך גיב דיר דאָ דעם שפּיגל
פון דיין א י ד , קוק זיך איין און זיי שטאָלץ.

אַ מיינונג

„די רוימישע אימפעריע איז געווען אויף דער העכסטער שטופע פון איר בליאונג. אירע שאַצקאַמערן זיינען געווען פול, איר מאַכט — וועלט־באַדייטנד, איר ליטעראַטור — גלענצנד . . . איר קונסט — פּרעכטיג . . . דאָך איז די וועלט געווען טיף אומגליקלאַך. ווי ענלאַך דאָס בילד איז צו אונזער אייגענער צייט, באַזונדערס אין די נייסטע באַוועגונגען, וועלכע רעפּרעזענטירן אומאַכטונג צו רעליגיאָן און גלייכגילטיקייט צו דער געטלאַכקייט. זיי זיינען ערדיש און תאווה'דיק; גיעריג נאָך מאַטעריאַלן גענוס, און שטעלן אויף זייער פּיזישן נצחון; געשוואָלן פון לוקסוס און אויסגעצערט פון גייסטיגע פאַרלאַנגען; פרעך, גראָב און אומרואיק. ווי ווינציג אמת'ע פרייד איז פאַראַן אין אונזער אומעדיק־רעאַליסטישער ליטעראַטור! ווי ווינציג אמת'ע שיינקייט אין אונזער קונסט! גט'ן און זעלבסטמאָרדן — די צוויי סמנים פון פאַרצווייפלונג, הערשן און פאַרמערן זיך. קראַנקהייטן, קאָנספּיראַציעס, אינטריגעס, געהיים־מאָרדן, ווידערשפּעניקייטן און גרויזאַמע מלחמות רינגלען אונז אַרום. און דורך דעם אַלעם באַוועגט זיך די זעלבע ציניִשע פיגור. ניט דער אמת'ער איד — דער איזראַעליט, וועמען יעזוס האָט געליבט, — נאָר דער אַנטרונענער און גאָטלאָזער איד־אַטעאיסט, פאַרשווערער, רויבער — דער געפערלאַכסטער מענטש אין דער וועלט...

רעוו. דר. הענרי וואַן דייק.

(„דזשואיש טריביון" יאַנואַר 5, 1923)

דערקלערונג.

איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו געבן אויסדרוק די געדאַנקען וואָס האָבן מיך די לעצטע יאָרן געפּייניגט מיט דעם זעלביקן אימפּעט ווי אַן „אַפּריטאָר" פּלעגט זיך צוכאַפּן צו אַ „באַנדל" מיט אַרבעט נאָך אַ לאַנגער „סלעק" אין די צייטן פון שטיק אַרבעט, ניט האָבנדיג דעם מינדעסטן באַגריף ווי אַזוי אַ דראַמע דאַרף געשריבן ווערן. ערשט, ווען איך האָב די דראַמע אָנגעשריבן און איר געוויזן צו מבינים, בין איך געוואָויר געוואָרן אַז מיין דראַמע איז ווייט פון פּאָלקאָמען, סיי פון דעם קינסטלאַכן, סיי פון דעם טעכנישן שטאַנדפּונקט, און האָב זיך ערשט דאַן גענומען ערנסט לייענען דראַמען און אויך ביכער וועגן דער דראַמאַטישער קונסט כדי צו לערנען ווי אַזוי אַ דראַמע דאַרף געשריבן ווערן.

אויף דער עצה פון מבינים האָב איך די דראַמע שטאַרק געקירצט און איר פיל מאָל איבערגעשריבן, וואָס, ווי עס דאַכט מיר, איז פיל שווערער ווי אָנשרייבן אַ נייע. עס איז מיר געווען זייער שווער זיך שיידן מיט געוויסע געדאַנקען און כאַראַקטערס, און כאָטש איך ווייס איצט גאַנץ גוט אַז אין אַ דראַמע טאָר מען ניט פּריידיקן אָדער פילאָסאָפירן, אַז אַלץ דאַרף אַרויסוואַקסן פון דער האַנדלונג פון די כאַראַקטערס אַליין, גלויב איך אָבער, אַז מיין דראַמע האָט אַ באַדייטנדיקן ווערט ווי אַ ווערק אין וועלכן איך האָב פאַרזאַמלט אַלערליי מענלאַכע טיפּן וועלכע זיינען אַזוי גוט באַקאַנט אויף דער אידישער גאַס, און אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אַזוי בולט אָפּ די געפילן, אידעען און האָפנונגען פון די פאַרשידענע כאַראַקטערס, וועלכע קומען פאָר אין דער דראַמע.

עס איז ניט פאַר מיר זיך אַריינצולאָזן אין אַ גענויעם אַנאַליז פון די כאַראַקטערס וואָס איך שילדער דאָ. איך ווייס, איך וועל שטאַרק קריטיקירט און אָראָפּגעריסן ווערן. אָבער דאָס שרעקט מיך ניט אָפּ. איך זאָג עס מיט דער גרעסטער אויפריכטיגקייט אַז

דערקלערונג

איך וועל זיין זייער צופרידן וואָס שטאַרקער, שניידנדער די קריטיק וועט זיין, זאָלאַנג זי וועט זיין אויפריכטיג און וועט עפּעס בייטראָגן צו דער אויפקלערונג פון דער פּראָבלעם, אָדער די פּראָבלעמען וואָס איך באַריר אין דער דראַמע.

עס איז אַ פּראָבלעם־דראַמע, און פאַר מיר איז געשטאַנען די אַלטע גרויסע און אייביקע פראַגע: וואָס איז אַזוינס אַ איד? די פראַגע האָב איך געשטעלט זיך אַליין און האָב איר פאַרענט־פערט מיט דעם כאַראַקטער — סילווערמאַן.

און נאָך מער האָב איך זיך געשטעלט די פראַגע מיט דעם אויפשוואונג פון׳ם אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע.

איך בין אַן אַרבייטער, און אַזוי זיינען דער גרעסטער טייל אידן דאָ אין אַמעריקע — אַרבייטער; פּראָדוצירער אויף פאַר־שידענע געביטן פון לעבן. און ריידנדיק פאַר זיך, ווייס איך, אַז איך בין געקומען קיין אַמעריקע מיט אַ ריינעם האַרץ און מיט אַ ווילן צו אַרבעטן און צו זיין נוצליך.

פּריוויליג, באַוואוסטזיניג און מיט ליבע האָב איך זיך אָנ־געשלאָסן אָן דעם מעכטיקן פאָלק פון בויער און שאַפער. בין געוואָרן אַ בירגער. און אין שטילע מינוטן פון דאַנקבאַרקייט צו דעם אַלמעכטיקן האָב איך געדיינקט, אַז איך האָב ענדלאָך געפונען די געווינשטע היים, וואו איך בין פריי און זיכער אַלס איינ־צעלנער און ווי אַן אָנגעהעריגער צו אַ גרופּע לויט מיין פּריוויליק־גען און באַוואוסטזיניקן אויסוואַל, וואָס איז גאַראַנטירט פון דעם העכסטן געזעץ פון׳ם לאַנד.

אָבער פּלוצלינג, אין מיטן מיין אימפּעטדיקער אַרבעט, שאַפנ־דיק נוצלאַכע זאַכן פאַר מיינע מיט־בירגער אין מיין לאַנד, האָב איך דערהערט דאָס אַלט־באַקאַנטע לידל: נידער מיט די אידן! האָב מיט שרעק געזען, ווי דער מעכאַניק פון דעטראָיט פאַרשפּרייט באַוואוסטזיניג און מיט אַ פּלאַן האַס געגן מיר! און אַז דער שטאָלץ פון די אוניווערזיטעטן פון מיין לאַנד זוכט מיטלען ווי

ד ע ר ק ל ע ר ו נ ג

צו באגרעניצן דאס אריינקומען פון מיין זון אין זיין היילינקייט צו טרינקען פון זיינע קוואלן פון וויסן נאך וועלכע ער דורשט אזוי!

איך, אלס יחיד, בין ניט נאר פאראנטווארטליך פאר די איינענע מעשים, נאר איך בין אויך פאראנטווארטליך פאר די מעשים פון אנדערע, וואס באטראכטן זיך אלס אידן, כאטש איין גאט אין הימל ווייסט, פיליכט, ווארום.

איך האב זיך פארטראכט און געפרעגט: ווער בין איך? א איד. אבער וואס איז אזוינס א איד? און שטודירנדיק די דאזיגע פראגע בין איך געקומען צום פאלגענדן שלום:

יעדער איינער וואס באגרעניצט זיך לטובת זיין שכן איז א איד. אידנטום איז אן אידעאל, וואס האט זיך געשטעלט אלס אויפגאבע דורך פאסנדע געזעצן אויסאיידלען און פארפיינערן דעם מענטשן כדי ער זאל מיט דער צייט ראוי זיין אריינטרעטן אין דער מלוכה פון גאט, ד. ה., פון אייביקן פרידן, פרייהייט און גערעכטיגקייט.

אין אנדערע ווערטער: יעדער יחיד זאל דערגרייכן אזא שטופע פון גייסטיגקייט, וואו ער זאל רעגירט ווערן — אין פאלקאמענער פרייהייט — פון זיין אייגענעם געוויסן, אן אידעאל, דער העכסטער צו וועלכער דער מענטשלאכער געדאנק האט זיך געקאנט דערטראכטן.

און באטראכטנדיג וואס פאר א גרויסע באדייטונג מיר, די אידן פון דער וועלט, האבן געהאט פאר דער געשיכטע און פראגרעס פון דער מענטשהייט, און מיט וואס פאר א ליבע און מסירת נפש מיר האבן געטראגן דעם דאזיקן אידעאל דורך די פינסטערע און קריטישסטע צייטן פון דער מענטשלאכער געשיכטע — בין איך געפאלן אויף מיין פנים און געדאנקט גאט וואס איך האב די זכיה צו

דערקלערונג

זיין אַ מיטגליד פון אָט דעם גרויסן פאָלק און וואָס איך האָב די עהרע און דאָס גליק צו שטרעבן און צו רעאַליזירן דעם גרויסן אידעאַל וואָס הייסט — אידנטום.

דאָס אמת'ע, ריינע, אומבאַפלעקטע אידנטום, — גאָט'ס קעניגרייך אויף דער ערד — האָט זיך ענטוויקלט אין אַ משך פון פילע דורות און האָט געפונען זיין העכסטן אויסדרוק אין די נביאים. אַ פּרואוו איז געמאַכט געוואָרן פּראַקטיש צו רעאַליזירן דעם אידעאַל נאָך דעם גלות בבל, וואו דאָס אידישע לעבן האָט געזוכט זיך איינצואָרדנען אויף תורה און עבודה — ווי אַ גייסטיגע געמיינדע וואָס איז פאַראַנטוואָרטליך צו גאָט און זייער אייגענעם געוויסן און האָט געפונען זיין העכסטן אויסדרוק אין דעם קאָמוניסטישן און געמיינדע־לעבן פון די ערשטע אידן־קריסטן. די רוימישע באַרבאַרן מיט זייער לוסט נאָך מאַכט האָבן דעם אידעאַל — אידנטום — ניט באַגריפן. צו איידל און פיין איז געווען דער אי־דעאַל פון גאָט'ס קעניגרייך אויף דער ערד פאַר זייער מאַכט־איז־רעכט־באַגריף און האָבן אַרויפגעלייגט זייער געצענדינערשן פּרצוף אויף אָט דעם שיינעם אייגנאַרטיגן אידישן חלום און אים צו־שטערט — צושטערט אָבער ניט פאַרניכטעט, ווייל מיר געפינען, אַז ווען אמת פרייע דיינקער הויבן זיך אויף צו דער העכסטער שטופע פון דיינקען, קומען זיי צום זעלבן שלום.

עס איז גענוג צו דערמאָנען אַזאַ ריז און פריי־דיינקער, ווי קאַנט, וועלכער איז נאָך אַלע זיינע טיפע אויספירונגען געקומען צום שלום אין זיין „קריטיק פון דער פּראַקטישער פאַרנונפט", אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע געבאָטן, ד. ה. קאַטעגאָרישע אימפּעראַטיוון וועלכע זיינען אַ מוז פאַר אַלע מענטשן אונטער אַלע אומשטענדן און וואָס קענען ניט שטאַמען פון דער אויסער־רער וועלט און אויך ניט פון וועלכער עס איז קירכע, שטאַאַט, אָדער רעליגיאָן, נאָר זיינען טיף איינגעבוירן אין דעם נאָרמאַל־

דערקלערונג

דיינקענדיקן מענטשן און זיינען אַן אַבסאָלוטער חוב פאַר אים.

דער גרויסער אַמעריקאַנער פּסיכאָלאָג און פילאָזאָף, ווּם. דזשיימס, איז אין זיין באַרימטער עסעי: „דער מאָראַלישער פילאָזאָף און אַ מאָראַליש לעבן" געקומען צום פאָלגענדן מערקווירדיגן שלום: מיר זעען, דאָס ניט נאָר אַן אַ פאָדערונג ווירקלאַך געמאַכט פון עמיצן קאָן ניט זיין קיין פאַרפליכטונג, נאָר עס איז דאָ אַ פאַרפליכטונג וואו נאָר עס איז דאָ אַ פאָדערונג".

און אפילו די פאַזיטיוויסטן, די „ריינע" וויסנשאַפטלער, קומען נאָך פיל פשט'לאַך און דריידלאַך אויף צום זעלביגן שלום, כאָטש עס איז ניט פאַראַן קיין שום פאַרוואָס, קיין שום מאָראַלישער חוב, וואָרום דער מענטש דאַרף „דינען" דער „מענטשהייט".

און וואָס איז דען בערגסאָן אויב ניט אַ מעכטיגער פּראָטעסט געגען דער האַרצלאָזער וויסנשאַפט וואָס האָט אונז רעדוצירט צו איינפאַכע אויטאָמאַטן, גוט גענוג פאַר קאַנאָנען־פלייש פאַר פאַרשיידענע דעמאַגאָגן? עס איז ווירקלאַך דערפרישנד לייענעגדיק בערגסאָנ'ען, צו וויסן, אָדער אפילו צו גלויבן אַז מיר זיינען אַ טייל פון דער שעפּפונג וואָס איז נאָך ניט פאַרענדיגט. עס גיט זין און חשיבות צו אונזער לעבן און אַן אָנרעגונג פאַר ווייטערן פאָרשן און שאַפן.

און דאָס וואָס אָט די אַלע גרויסע און טיפע דיינקער זאָגן אין אַזויפיל ווערטער, דריקט דאָס ביבעל אוים קורץ און פשוט אין עטלאַכע ווערטער: „וואָרים דאָס דאָזיגע געבאָט וואָס איך גיב דיר היינט, דאָס איז ניט שווער פאַר דיר, און דאָס איז ניט צו ווייט. ניט אויפן הימל — — — און ניט פון יענער זייט ים

דערקלערונג

איז דאָס — — — נאָר דאָס וואָרט איז נאָענט צו דיר, אין דיין מויל, אין דיין הארצן דאָס צו טאָן. (דברים ל. יא.)

איך גלויב, ס'איז געקומען די צייט דאָס מיר, די אידן פון דער וועלט, דארפן ווידער קומען צו זיך, זיך באטראכטן און טיף אריינקוקן אין אונזער אייגענער נשמה, אויפריכטיג און מור־טיג מאכן א חשבון הנפש פון אונזער זיין און מעגליכקייט, אויס־רייניקן דאָס אידנטום פון אלע פעטישיזמען און ווילד פלייש וואָס איז אָנגעוואָקסן אויף זיין טויזנט יאָריקן קערפער, און באהויפטן אזוי קלאָר און אזוי קרעפטיג ווי מעגלאָך אז די איינציגע רעטונג פון דער מענטשהייט פון אלע אירע ליידן ליגט אין אננעמען דאָס אידנטום אלס א רעגולירנדן באזיס אין דער געזעלשאפט.

מיר מוזן מאכן א סוף צו דעם חשד מיט וועלכן די פעלקער קוקן אויף אונז. און דארפן אויך אויפהערן ריידן צו די פעלקער מיט אומוועגן און תחנונים. די ברוויזנדע ליידנשאפט פאר גע־רעכטיגקייט וואָס די גאָטהייט האָט אין דער אורצייט אָנגעצונדן אין אונזערע הערצער: די אייביגע גרייטקייט פון די אידן אין אלע צייטן זיך ווארפן אין די ערשטע רייען פון קאמף, אז גערעכ־טיגקייט זאָל געשען: די אלע „איזמס" וואָס קריגן אזא געהעריקן אָפּקלאנג אויף דער אידישער גאס און צינדן אידישע הערצער, זיינען צו בולט מיר זאָלן דאָס קאָנען פארבאָרגן אָדער לייקענען און דארום איז נויטיג ערשטנס: מיר זאָלן נאָך אמאָל רעווידירן, אויסשיילן, אויסלייכטערן, דאָס אלטע־אויביג־יונגע אידנטום, — צווייטנס — דאָס פ ר א ק ט י צ י ר ן — און מיר וועלן ווידער, אויף דאָס ניי עראָבערן די וועלט, און דאָס מאָל — אויף אלע מאָל.

באטראכט דאָס ציטערן און פלאטערן פון די סילווערמאנס פאר דאָס מעגלאָכע באקלאָגן זיך פון א שכן און זייער וועלן פארידן, באָרואיקן זייער געוויסן, אין דעם ערשטן אקט. די אמת'ע ענ־טוישונג פון סילווערמאן, בעת די מלחמה האָט אויסגעבראָן און

דערקלערונג

זיין זוכן צו געפינען טרייסט אין מעטאַפיזיקס אין דעם צווייטן בילד פון דעם ערשטן אַקט. זיין זיכערקייט, מיט וועלכער ער פאַרוואַלטעט זיין געשעפט; זיין פעסטער גלויבן, אַז ער איז אַ שאַפער, און ניט קיין פּאַראַזיט; זיין גרייטקייט צו נעמען אויף זיך וואָס מער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט, און זיין אויפריכטיקער קאַמף מיט זיינע אַרבייטער, פאַר די אינטערעסן פון פאָלק אין צווייטן אַקט. דער גרויסער אומגליק וואָס אים באַפאַלט. דאַן די טראַגעדיע, דאָס דערמאָנען א י ם , דעם אויפריכטיקן אַסימיליאַטאָר און קאָסמאָפּאָליט, אים מאַכן פאַראַנטוואָרטליך פאַר די האַנדלונגען פון אַנדערע מענטשן וואָס רופן זיך אידן און זיין קומען צו זיך אין דריטן אַקט. דער אומגליק און די טראַגעדיע האָט אים ניט געמאַכט ווייך, זיס, סענטימענטאַל, פול מיט חרטה, ווי בערטאַ'ן, נאָר נאָך שטאַרקער און שטרייִנגער. ער שטעלט זיך מיט זיין גאַנצער קראַפט קעגן איבערגעבן די הייזער צום פאָלק ווייל ער ו ו י י ס , אַז דאָס איז ניט דער ריכטיקער וועג. זיין רוף: צוריק צו גאָט, קומט צו אים ניט אויס פאַרצווייפלונג, נאָר אויס איבערצייגונג. זיין בייִנקעניש נאָך אַן ערלייזער, נאָך דעם גרויסן פּשוט'ן מענטשן איז אַ פּועל יוצא פון זיין טיפן אַריינקוקן אין זיין אייגענער נשמה. ניט טעאָריעס, ניט דער שטאַאט, ניט אַ פאַלשע דעמאָקראַטיע קאָן העלפן באַפרייען דעם מענטשן, נאָר די טאַט — די טאַט וואָס קומט פון דעם אויפריכטיקן געפיל, קלאָרן געדאַנק און אומווידערשטייליכן ווילן דיקטירט פון געוויסן און פאַראַנטוואָרטליכקייט.

סילווערמאַן איז אַ פּאַסיפיסט, אָבער ניט פון די וואָס שטעלן אונטער די צווייטע באַק ווען מען שלאָגט זיי אויף דער ערשטער. ער איז אַ פּאַסיפיסט ווייל ער איז אַ טיפער דיינקער און ער איז פּראַקטיש גענוג ניט צו וועלן פאַרגיסן קיין איין טראָפּן בלוט פאַר אידעאַלן, וועלכע, ער איז איבערצייגט, קאָנען ניט ברייִנגען דעם מענטשן איין טראָט נענטער צו זיין באַפרייאונג.

ד ע ר קְ ל ע ר ו נ ג

וועז זיין עלטסטער זון, נעד, קומט פלוצלינג פון האַרוואַרד,
בעטן די ברכה פון זיינע עלטערן צו זיין פריייוויליקער אַריינטרע־
טונג אין דער אַרמיי (אין דעם אָריגינעלען צווייטען אַקט) איז
סילווערמאַן דאַגעגן. און ווען דער געבילדעטער זון דערמאָנט
זיין געבילדעטן טאַטן אַז בשעת ער איז געוואָרן אַ בירגער האָט
ער געשוואָרן און געגעבן אין ערבות זיין לעבן, זיין אייגנטום.
און זיין הייליגע עהרע, ענטפערט אים סילווערמאַן די פאָלגנדע,
פאַר אים זייער כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „יאָ, איך האָב גע־
געבן, אָבער איך האָב ניט געגעבן אין ערבות מיין געוויסן. איך
האָב רעכטן, וועלכע קיין מאַכט אין דער וועלט קאָן ביי מיר ניט
צונעמען. איז דאָס דער איינציגער בעסטער און ערנהאַפטסטער
וועג צו דינען מיינע מיט־בירגער מיט דעם, וואָס איך וועל שרייען
הוראַ, ווערן היסטעריש און טאָן דאָס, וואָס אַלע טוען? האָט
דער דאָזיגער וועלט־טייל געוואַרט טויזנטער יאָהרן, באַהאַלטנדיג
אין זיין שוים זיינע אוצרות פאַר אונז מיר זאָלן ווערן רייך און
מעכטיק כדי צו גיין אין אַלטע, אַלטע, אויסגעטראָטענע וועגן?
זיינען מיר ניט ש ט אַ ר ק און מ ע כ ט י ג גענוג צו זיין
אַ נ ד ע ר ש? צו ג י י ן אוּ נ ז ע ר א י י ג ע נ ע ם
ו ו ע ג? וואָס, אום גאָט'ס ווילן, וועט אונז די מלחמה ברייגנען,
פרייהייט? דעמאָקראַטיע? אַ נייע וועלט אָרדנונג? אָבער
ק אָ ן דאָס געשען איבער נאַכט? זיינען דאָס זאַכן, וואָס מען
קען אויסשטרעקן די האַנט און דאָס נעמען? דאָס זיינען דאָך
באַגריפן א י ן א ו נ ז. זיי געשען מיט אונזער איינ־
שטימיגקייט. ווילן מיר דאָס? זיינען מיר דערצויגן דערצו?
וויז מיר! איבערצייג מיר! מאַך מיר דאָס צו זען! (פויזע) די
וועלט איז אַן עקאָנאָמישע איינהייט, ד ו ווייסט דאָס! די
וועלט איז אַ פּראָבלעם פאַר אינזשינירען! ד ו ווייסט דאָס!
ז י י נ ע ן מ י ר ו ו י ל י ג ז י י ג ע ב ן אַ מ אַ נ ־

דערקלערונג

דאַרף אַ ייִד זיך אונטערוואַרפן זייער ענטשיידונג?

די דאָזיגע ווערטער זיינען אַזוי פּשוט, אַזוי קלאָר, אַז זיי קאָנען אַפילו פאַרשטאַנען ווערן פון אַ בושמען, אָבער ניט פון די הויך ציוויליזירטע „נאָרדיקס“, און די יעניגע, וועלכע פאַרשטייען דאָס יאָ, ווארום זאָלן זיי דאָס טאָן? אויס וועלכע עטישע אָדער מאָראַלישע מאָטיוון זאָלן זיי דאָס טאָן? דאָס איז דאָך אייגנטלאַך דער גרונד אונטערשייד פון אַ אידן ביז ניט אַ אידן. דער איד גייט אַרויס פון אַ געבאָט, ד. ה. פון אַ קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו: כה אמר יהוה, — אַזוי זאָגט גאָט, דער גאָט וואָס איז ביי דיר אין האַרצן, אַ דאַגמאַ, אויב איר ווילט, וואָס איז דער העכסטער ראַציאָנאַליזם פאַר די, וואָס קאָנען דיינקען, דער ניט איד גייט אַרויס פון זיך אַליין — דער מענטש — די מאָס פון אַלע זאַכן. אַ גרויסער טייל פון די ניט אידן, האָבן כלומרשט אָנגענומען די אידישע דאַגמאַ. האַנדלען אָבער לויט זייער אייגענער דאַגמאַ. עס איז בעסער, באַקוועמער, מען קאָן טאָן אַלץ וואָס דאָס האַרץ גלוסט, מען איז „פריי“, הפקר פּעטרישקע.

דער באַוואוסטער גייסטרייכער פּובליציסט דר. א. קאָראַלניק, האָט אַמאָל אַרויסגעזאָגט אַ טיפן געדאַנק. די ניט אידן — האָט ער געזאָגט, — האָבן אונז פיינט ניט בלויז אויס רעליגיעזע אָדער עקאָנאָמישע מאָטיוון; עס איז פאַראַן אַ טיפערע סיבה. זיי האָבן אונז פיינט ווייל מיר האָבן זיי געבונדן צו געזעץ, צו אַ מאָראַל און עטיק וועלכע זיי האָבן אינערליך פיינט. ווייל עס האָט אַ ביסל געצאַמט זייערע באַרבאַרישע אינסטינקטן.

עס איז איינער פון די גרעסטע אמתן וועלכע זיינען ווען עס איז אַרויס געזאָגט געוואָרן. די דאהערטי׳ס, די לודענדאָרף׳ס די קראַסנאָשטשאָקאָוו׳ס, וואָלטן וועלן געמבלען, פעלשן, פּאַראַטן,

דערקלערונג

צושטערן און קיינמאָל ניט געכאַפּט ווערן. אָבער מיר, די אידן שטייען שוין איבער דריי טויזנט יאָר אויף דער סצענע פון דער וועלט, קוקן זיי אין די „נאָרדישע" אויגן און זאָגן: דו זאָלסט ניט, דו טאָרסט ניט, ווייל עס איז דאָ אַ גאָט און דערפאַר אַ מאָ־ראַל, אַן אויג וואָס זעט, אַן אויער וואָס הערט, און אַ האַנט וואָס שטראָפט, און די פּרוכט פון אייערע הענט װעלן װען עס איז אויפשטיין און אָפּווישן אייער געדעכעניש פון דעם פּנים פון דער ערד.

אין דעם דאָזיקן ווערק ווערן צום ערשטן מאָל — אַן מורא אָדער חניפה — געוויזן די אידן ווי זיי זיינען מיט זייערע מעלות און חסרונות ווי איך זע זיי און קאָן זיי.

געוויס איז סילווערמאַן דער אמת'ער איד, סיי אין זיין דיינ־קען, סיי אין זיינע האַנדלונגען. די איבעריגע זיינען אויך אידן, ד. ה. אַזעלכע, וואָס קאָנען ווערן אידן ווען זיי זאָלן קומען צו זיך. איך שעם זיך ניט מיט זיי. איך קאָן מיין פאָלק און ווייס, אַז איבער נאַכט קאָנען זיי ווערן אידן, ד. ה. אמת'ע פרייע מענטשן ווען זיי וועלן אָנפאַנגען באמת ווייסן אָדער באמת גלויבן.

די מערסטע פון זיי זיינען פיליסטער, וואָס דיינקען געוויינט־לאַך ניט, און די וואָס ווילן „איבערקערן די וועלט" זיינען זייער אומוויסנד, פאַרפירט און שכור פון פראַזן. סילווערמאַן אָבער איז דער אמת'ער איד. אגב ער אַליין ווייס דאָס ניט, ער איז גאָר אַן אסימילאַטאָר. ער איז דער ברייטער פרייער בירגער פון דער וועלט, דער איד פון דער פאַרגאַנגענהייט און דער מענטש פון דער צוקונפט.

דערפאַר, כדי בולטער צו פאַרשטיין זיין כאַראַקטער, האָב איך געפונען פאַר נויטיג צו לאָזן דרוקן נאָך דעם אָריגינעלן 2טן אַקט, אויך אַ צווייטע ווערזי פון דעם ערשטן אַקט. איך טו דאָס, ניט דערפאַר ווייל איך דיינק, דאָס די געדאַנקען וואָס איך

דערקלערונג

דריק דאָ אויס זײַנען ניי אָדער אָריגינעל, נאָר כדי צו ווייזן, ווי אַזוי דער איד דײַנקט, ווען ער איז אַליין מיט זיך און האָט ניט מורא צו געבן אויסדרוק זײַנע אמת'ע געפילן.

איך האָב אויסגעמיטן דעם אָריגינעלן צווייטן אַקט, ווײַל מ'האָט מיר געזאָגט, אַז קיין טעאַטער דירעקטאָר וועט ניט שטעלן אַ דראַמע, וואָס ענטהאַלטן עפּעס וועגן דער מלחמה, און אַ חוץ דעם איז דאָרטן פאַראַן אַ כאַראַקטער — סאָנהיים, וואָס לויט די געזעצן פון אַ דראַמע, דאַרף ער דאָרט ניט זײַן. עס איז דאָרט אויך ניטאָ קיין סך האַנדלונג, און איך האָב די געדאַנקען אַרײַנגעאַרבײַט אין דער צווייטער ווערזיע פון דעם ערשטן אַקט און אויך אין דעם איצטיגן צווייטן אַקט.

די צווייטע ווערזיע פון דעם ערשטן אַקט האָב איך אָנגעשריבן כדי עס זאָל זײַן מער פאַרשטענדליך סילווערמאַנ'ס פאַרוואַנדלונג אין דעם דריטן אַקט, אָבער אויך אין ד ע ם אַקט איז ניטאָ קיין סך האַנדלונג און איז אביסל צו אַבסטראַקט פאַר דעם געוויינלאַכן טעאַטער באַזוכער. דערפאַר אָבער איז די דראַמע אין דער פאָרם ווי איך האָב איר ענדלאַך אָפּגעשלאָסן טעכניש אויסגעהאַלטן און לויט אַלע רעגלען פון דער דראַמע. דאָ איז פאַראַן אַן ענטשטייאונג, אַן ענטוויקלונג, אַ קלימאַקס און אַן איבערצייגונג פון דעם טעזיס פון דער דראַמע — די מאַסן אין זייער אומוויסנהייט אומגלייביגקייט וואָס האַלט די וועלט געשמידט צו זייערע אַנטיסאָציאַלע אינסטינקטן און שלעפּט מיט זיך אין אָפּגרונד זײַנע בעסטע פרײַנד — די שאַפנדע אינטעליגענץ.

דעם איינציקן רעגל וואָס איך האָב ניט געפאָלגט לויט ווי אַ אַזוי אַ דראַמע דאַרף געשריבן ווערן איז דער, וואָס סילווערמאַן דאַרף ערשיינען אין דעם פערטן אַקט. אָבער ווען מען נעמט אין אַנבאַטראַכט סילווערמאַנ'ס בילדונג, שטאַרקייט פון כאַראַקטער, זײַן באַקאַנטשאַפט מיט די מאַסן און זײַן פעסטן גלויבן, אַז רעוואָלוציעס דאַרפן ערשט פאָרקומען א י ן א ו נ ז אין

דערקלערונג

קיין חידוש ניט, וואָס ער איז ניט געגאַנגען צום פאָלק אים אי־בערגעבן די הייזער. ער האָט געוואוסט אפריער, וואָס עס וועט פּאסירן.

אינטערעסאַנט וועט אפשר זיין פאַר דעם לייענער צו וויסן, דאָס ניט זייענדיג קיין פּראָפעסיאָנעלער שרייבער, האָב איך די דראַמע אָנגעשריבן אין זעקס וואָכן צייט, פון דעם ערשטן סעפּטעמבער ביז דעם פופצנטן אָקטאָבער ניינצן צוויי און צוואַנ־ציג, אין די אויפדערנאַכטן נאָך דער ארבעט און אין די זונטאָגס און דעם דרייסיקסטן אָקטאָבער בין איך שוין געזעסן ביי דעם דיכ־טער פון דער אידישער פובליציסטיק, דר. קאַראַלניק, אין הויז און האָב פאַר אים פאַרגעלייענט צוויי אַקטן פון דער דראַמע (דעם איצטיקן צווייטן אַקט וואָס קומט פאַר אין סילווערמאַנ׳ס פאַב־ריק אין „שאָו־רום“, און דעם אָריגינעלן צווייטן אַקט, וואו דער עלט־סטער זון נעד, קומט פּלוצלינג פון הארוואַרד צו בעטן די על־טערנ׳ס ברכה צו זיין וואָלונטירן אין דער ארמיי. די ביידע ער־שטע אַקטן האָב איך אָנגעשריבן אין די וויטערדיקע אַכט חדשים און האָב אין איר אויסגעדריקט דאָס, וואָס ס׳האָט פּאסירט מיט דריי חדשים שפּעטער.

אויב עמיצער האָט דאַן געקאָנט צווייפלען, אז אזעלכע זאַכן ווי איבערגעבן הייזער אָדער פאבריקן צום פאָלק קאָנען פּאסירן, האָט דער פאַל מיט הער הענרי דיקס — א רוסישער איד, וואָס האָט איבערגעגעבן זיינע פאבריקן צו זיינע ארבייטער, באוויזן, אז אַזעלכע זאַכן קאָנען פּאסירן און די מעשה הארוואַרד האָט פּאַ־סירט נאָך שפּעטער. דאָס באווייזט, אגב אורחא, די ריכטיגקייט פון בערגסאָנ׳ס באַרימטע באהויפּטונג — דאָס מיר ענטהאַלטן אין זיך די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט און קאָנען אפילו פאָראויס זאָגן די צוקונפט . . .

. . . . און אויך מערקווירדיג איז דער פאַקט, וואָס דער הויף געבילדעטער און מאָדערנער סילווערמאַן קומט אין זיין לעצטן

ד ע ר ק ל ע ר ו נ ג

שלום צו דעם אַלטמאָדישן פּאַטריאַרך, גאָטליב'ס געדאַנקען, און דאָס באַווייזט די אמת'דיגקייט פון נאָך אַ באַרימטערע באַהויפּטונג פון איינשטיין, אַז די פאַרגאַנגענהייט איז אונזער צוקונפט . . .

יאַנואַר, 1924.

נ. ב. איך וויל דאָ באַמערקן, אַז נאָכדעם ווי פיל מבינים האָבן מיר געזאָגט אַז די דראַמע איז ניט טעכניש גענוג פאַר דער ביהנע און איז בלויז גוט צום לייענען, האָט מיך הערר מאָריס שוואַרץ, דירעקטאָר פון אידישן קונסט טעאַטער, אַנגענעם איבער־ראַשט מיט אַן איינלאַדונג אים קומען זען, און דעם 19 יאַנואַר, 1925 האָב איך זיך מיט אים געטראָפן אין זיין טעאַטער און ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז די דראַמע געפעלט אים און ער וועט איר שפּילן דעם קומענדן סעזאָן, ד. ה. אין הערבסט 1925, נאָכדעם ווי ער וועט איר צוגרייטן פאַר דער ביהנע.

איך בין זיכער, אַז ווען הער שוואַרץ וועט גוט שטודירן די דראַמע און וועט באַגרייפן וואָס איך האָב באַצוועקט מיט מיין ווערק, און וועט עס קינסטלעריש אַרויסברייגנען, וועט ער האָבן ניט נאָר אַ גרויסן קינסטלערישן ערפאָלג, נאָר אויך אַ פינאַנציעלן און וועט דערמיט דערמוטיקן די אידישע דראַמאַטורגן צו שאַפן עפּעס גרויס.

מיר, די מזרח־אייראָפּעאישע אידן, לעבן שוין אין אַמעריקע פופציק יאָר — צוויי דורות. דער עלטערער דור איז מיט ווייניג אויסנאַמען — פאַר אונז געשילדערט געוואָרן אויף דער בינע, וואָס איז אָבער מיט דעם אינגערן דור? וואָס דיינקען זיי? ווי פילן זיי? וואָסערע אידעאַלן טראָגן זיי אין זייער הארצן? איז עס ניט די אויפגאַבע פון אונזער ליטעראַטור אין אַלע אירע פאָרמען פאַר אונז דאָס צו אַנטפּלעקן?

דערקלערונג

וואָס ווילן אונזערע ארבעטער ? וואָס דיינקען זיי ? וואָס זיינען זייערע אידעאַלן ? דעם קליינבירגערס ? דעם פּאַבריקאַנטס ? דעם דזשאָבערס ? דעם קאָנטראַקטאָרס ? דעם באַנקירס ? דעם פּראָפעסיאָנאַלס ? דעם רעוואָלוציאָנערס ? דעם אַמעריקאַנער כלי קודש ? ? וואָס דיינקען און ווי פילן די פּראָווינץ אידן ? קאָנען מיר זיי שוין? ווייסן מיר זיי שוין ? און אפשר האָבן מיר גאָרניט קיין אידעאַלן ? .

עס וואָלט געווען אַ שאַנד פּאַר אונז און אַן אומגליק פּאַר דער וועלט, ווען מיר, די קינדער פון אַן אַלט קולטור פּאָלק, מיט דער רייכסטער פארגאַנגענהייט און דערפאַרונג, זאָלן אין אַ משך פון צוויי דורות ווערן אינגאַנצן אויסגעוועפּט, איינגעדאַרט און פאַרטריקנט. אין דער אמת'ן, אין קיין עפּאָכע פון אונזער לאַנגער געשיכטע האָבן מיר ניט געפירט אַזאַ פילפאַרביק רייך פּאַרצווייגט און טעטיג לעבן, ווי מיר פירן דאָ אין אונזער נייער היים. דער קאָנפליקט צווישן אונז און דער סביבה, אין וועלכער מיר געפינען זיך איז אומגעהויער. אונזער ליטעראַטור וואַרט בלויז אויף יענעם נביא, וואָס זאָל דאָס אַלץ זען און שילדערן, און דערמיט עפענען אַ נייע עפּאָכע אין אונזער ליטעראַטור, וועלכע דאַרף ניט בלויז אָפּשפּיגלען, נאָר שאַפן און פאָראויסגיין דעם לעבן.

אויגוסט, 1925.

צוריק צו זיך

דראמע פון אידישן לעבן אין ניו יאָרק

פּערזאָנען:

יאַקאָב סילווערמאַן, קלאָוק פאַבריקאַנט.

בערטאַ, זיין פרוי.

נעד מאַקסוועל סעם לוסי	זייערע קינדער.

מאַדזשי, אַ הויז מיידל, אַ מולאַטקע.

דאָקטאָר מייקל קליגער, אַ יוגנט־פריינט פון די סילווערמאַנס.

שאַצמאַן, אַ קרעדיט מאַן האָרענשטיין, פאָרמאַן קונסטמאַן, דעזיינער מיס בלומענטאַל, בוכהאַלטערין מיס סמיילי, מאָדעל	אָנגעשטעלטע אין סילווער־מאַנס פאַבריק

מיס טהאָמפּסאָן גאָלדסטיין יאַנקאָווסקי	בייערס

לעוויצקי פאָלקמאַן וויטענפעלד	שאַפּ קאָמיטע

דער אָפּערייטאָר מיט די שלייקעס.

דער רויטער אָפּערייטאָר.

אַ מעסענדזשער (דעפּעשן ברייננגער)

פוקס, הויז אויפזעער.

פרוי פוקס, הויז אויפזעערן.

גנעווינער, אַ שכן ביי די סילווערמאַנס.

פרוי גנעווינער.

גאָטליב, פרוי גאָטליב, לינקאָווסקי, סאָניאַ, טויבער, פרוי טויבער, ערשטער שכן, צווייטער שכן, דריטער שכן, ערשטע שכנה, צווייטע שכנה, דריטע שכנה, שכנים און שכנות.

די האנדלונג קומט פאָר אין ניו יאָרק.

ערשטער אקט אין אָקטאָבער 1910.

צווייטער אקט אין אפּריל 1917

דריטער אקט אין נאָוועמבער 1919

פערטער אַקט — צוויי וואָכן שפּעטער

צוריק צו זיך

ערשטער אקט.

אַ פינף־צימער וואוינונג אויף דעם ערשטן שטאָק אין אַ מעטער־מענט הויז אין די בראָנקס, אַנטקעגן קראָטאָנאַ פּאַרק, דאָס ניט לאַנג ערוואָרבענע אייגנטום פון די סילווערמאַנס.

די צוויי צימערן וואָס מען זעט זיינען געשמאַקפול אויסגעמעב־לירט מיט ניי־מאָדישע מעבל. דער עס־צימער: טירן פירן רעכטס צו דער קיך. לינקס צו אַ שלאָפצימער. אין צענטער אַ גרויסע טיר, וואָס פירט אין פּאַרלאָר. פון פּאַרלאָר פירט אַ טיר צו אַ שלאָפצימער. דאָס עס־צימער האָט צוויי פענסטער און די ווינקלען שיין פּאַרפּוצט. טישעלאַך מיט וואַזאָנעס נעבן זיי. אין צענטער אַ טיש מיט שטולן אַרום. אַ בופעט, געשיר־קאָמאָד און צוגרייטונגס־טישל, אַ וויג־שטול צושטעלט ביי די ווענט. אויף דעם געשיר־קאָמאָד אַ מעשענער סאַמאָוואַר. עטלאָכע בילדער אָף די ווענט. פון עס־צימער זעט מען דעם פּאַרלאָר. אַ קאַרפּעט אויף דעם פלאָר, אַ פּיאַנאָ, בוך־שראַנק, קאַנאַפּע און אַ טיפער וויג־שטול צושטעלט. אין דער מיט — אַ ביבליאָטעק־טישל, אויף וועלכן עס ליגט אַ פידל־קעסטל, אַ גיטאַר און נאָטן־ביכער.

צוויי פענסטער קוקן אַרויס צו דער גאַס, וואו מען קאָן זען דעם פּאַרק. נעבן די פענסטער — בלומען־טעפּ אויף טישלאַך. צווישן די פענסטער — אַ גרויסער שפּיגל.

סילווערמאַן — אַ מאַן פון אַ יאָר 42, גוט געבויט, העכער פון מיטלוואוקס, מיט אַ שיינעם קאָפּ, הויכן שטערן און אינטעליגענטן אויסזען. זיינע אויגן דריקן אויס אַ סך בענקעניש און אין זיין גאַנצן וועזן איז דאָ עפּעס עקשנות'דיגס.

בערטאַ סילווערמאַן — אומגעפער אַ יאָר 38, מיטלוואוקס, מיט

שוואַרצע האָר און טיפֿע שוואַרצע אויגן. זי איז פֿון אינטעליגענטן אויסזען, מיט שיינע אַריסטאָקראַטישע מאַניערן.

ווען דער פֿאָרהאַנג הויבט זיך אויף, זעט מען זיי ביידע שטיין אין די פֿענסטער מיט זייערע קעפּ אַריבערגעבויגן, זיך צוהערנדיק צו דעם קול פֿון אַ גאַסן־רעדנער.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : (אויפֿהויבנדיק דעם קאָפּ) די זעלבע אַלטע געשיכטע : זיי, זיי, אַלץ זיי. אַך, ווי בלינד זיי זיינען.

ב ע ר ט אַ : (סאַרקאַסטיש) יאָ, יאָ, זיי . . . ווער דען. אונזערע פֿאַרזאָרגער ? ס׳אַ קלייניקייט וואָס פֿאַר אַ נאָבעלע, גוטע, איידעלע מענטשן עס זיינען די, וואָס האַלטן דעם שיקזאַל פֿון פֿאָלק אין זייערע הענט. זיי האַלטן זיך אין איין זאָרגן פֿאַר אונזער טובה ווענן.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : (ברוגז׳לאַך) איך ווייס עס, איך האָב דאָס שוין געהערט . . .

ב ע ר ט אַ : (ביטער, ווייטאָג אין קול) אַזוי גליטשט מען זיך עס באַרג אַראָפּ. צוערשט ווערט מען אַ פֿאַבריקאַנט, דערנאָך אַן איינגנטימער פֿון הייזער, דאַן רעזיגנירט מען פֿון דער פּאַרטיי, און צום סוף ווערן שוין די נערוון צו איידל צו הערן אפֿילו אַן אמת׳דיג וואָרט.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : (גייט צו צו איר, נעמט איר אָן פֿאַר דער האַנט און זאָגט איר ליבלאַך) נאָ, בערטעלע, עס איז שוין דאַכט זיך צייט צו באַפֿרייען זיך פֿון די קינדערשע חלומות. מיר זיינען בירגער פֿון אַ גרויס מעכטיג לאַנד, און, כ׳לעבן, דו וואָלסט זיך שוין אויך געמעגט באַקאַנען מיט אַלץ, וואָס איז שיין און נאָבל אין דער קולטור פֿון דעם דאָזיגן לאַנד.

ב ע ר ט אַ : און פֿאַרגעסן אַז דעם לאַנד, מיט וועמען אונזער האַרץ און נשמה איז אַזוי ענג פֿאַרבונדן ?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : ניין, ניט פארגעסן. אבער עס איז שוין צייט אויפהערן צו קוקן אויף אונזער לאנד דורך רוסישע ברילן. עס איז אויך פאראן געגנוג שיינקייט, גרויסקייט און נאבלקייט אין אונזער לאנד. מען דארף זיך נאר באפרייען —

ב ע ר ט א : (אויפגערעגט) געהערט, געהערט. (ס'קלינגט) ששש . . . דער דאקטאר.

(זיי גייען אים באגעגענען. עס קומט אריין דאקטאר מייקל קלי-גער, א אידיש־שפרעכענדער אנארכיסט וואס ספעקולירט אין ריעל עסטייט. ער איז א מאן פון א יאר 45. גוט געבויט, העכער פון מיטל וואוקס, רירעוודיג און ליידענשאפטלאך און איז אימער גרייט ארויסצו-רופן עמיצן אויף א דועל אין ווערטער).

ד ר . ק ל י ג ע ר : גוטן אוונט, מיינע פריינט. (רייבט זיי די האנט) וואס מאכט איר ? (באטראכט די צימערן) אט אזוי. אן איינן ווינקל, פארשפארן זיך ארומשלעפן פון איין געגנט אין א צווייטן.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : איך דאנק דיר זייער, מייקל, וואס אזוי שפעט ?

ד ר . ק ל י ג ע ר : זיך פארשפעטיגט ביים לאיער . . . וואס פאר א מבול פון רעדנער אויף די גאסן. מען האלט אין איין פארטומלען די קעפ פון די אזוי אויך פינסטערע מאסן.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : אט האבן מיר דא איינעם אויף דער ווינקל גאס. (זיי גייען אלע אריין אין פארלאר).

ד ר . ק ל י ג ע ר : יא, איך האב באמערקט. א, וואסערע גוזמאות ! אוף, אוף !

ב ע ר ט א : זעצט אייך, דאקטאר. (סילווערמאן און דער דאקטאר זעצן זיך אויף דער קאנאפע. בערטא אויף א שטול נעבן זיי) און ער (זי גיט א ליבלאכן קוק אויף סילווערמאנ'ען) מיין גוטער, לי-

בער יאקאב, האט זיך עס געלאזט פארטומלען פון אייך, דאקטאר, אונז געמאכט פאר בורזשויען, פאר לענדלארדס.

ד ר. ק ל י נ ע ר: (שמייכלט) דאס איז געווען דער איינציקער אויסוועג, בערטא. איר זיינט שוין אכצן יאר אין אמעריקע און נאך ניט באוויזן זיך ארויפצוארבעטן. און ווי א פריינד האב איך געוואלט עפעס טאן פאר אייך.

ב ע ר ט א: פאר אונז, צי פאר אייך . . . איר האט דאך דאס ניט געטאן אומזיסט . . .

ד ר. ק ל י נ ע ר: הם . . . עס איז מיר אפילו אין זינען ניט געלעגן די קאמישאן. (ברוגז'לאך) פאר אזוי געלטגייציג האלט איר מיך?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: ווי קונציג דו האסט עס געמאכט. געלינגט עס אלע מאל צו מאכן אזוי לייכט צען טויזנטער?

ד ר. ק ל י נ ע ר: א ניין. אמאל דאכט זיך אוים, אז מען קויפט א מציאה, מען וועט עס קאנען פארקויפן און מאכן א פאר דאלאר פון האנט צו האנט, אבער מען פאלט דורך. דאן דארף מען נאטירלאך רעמאנטירן, אריינלאזן שכנים וואוינען זיי אפ א פאר מאנאטן און קלייבן זיך ארוים. דאן דארף מען ווידער רעמאנטירן און אנשטאט צו מאכן, דערלייגט מען גאר . . .

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: ווי דער פאריער האט עס גע'חלש'ט נאך די הייזקעס!

ד ר. ק ל י נ ע ר: ווען איינער איז שטארק באגייסטערט, דאן איז די ריכטיגע צייט צו מאכן געלט.

ב ע ר ט א: ווי אזוי האט איר געוואוסט, אז עס איז א זיכערער קויף?

ד ר. ק ל י נ ע ר: איך בין באקאנט מיט דעם פאריער נאך פון די אמאליגע יארן פון דער באוועגונג. טרעף איך זיך מיט אים

אמאָל, דערציילט ער מיר, אַז ער וויל זיך אַרויסקלייבן פון דער נײַנטער אין דער זיבן און צוואַנציקסטער גאַס, נעבן דעם באַרימטן רויכוואַרג סוחר, און וויל דאָרט קויפן אַן אייגענע הויז. האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט און אָנגעשמעקט די צוויי הייזעס פאַר אים. קום איך אַרויף צו יאַקאָב'ן, זע איך, ווי ער איז באַזאָרגט און אין כעס פון דעם גענעראַל סטרייק און „קאָנסיליאַציעס" און דערציילט מיר זײַן ביטער האַרץ. זאָג איך צו אים אין שפּאַס: „קויף די צוויי הייזעס און דו וועסט מאַכן אַ פּאָר דאָלער פון האַנט צו האַנט". לאַכט ער און דערציילט מיר, אַז דעם צענטן דאַרף ער צאָלן אַ גרויסן „ביל" און דאָ איז ערשט דער צווייטער און אין אַכט טאָג קאָן מען דאָך אין דער ריל עסטייט וועלט נאָנצע בערג איבערקערן. בלויז פינף טויזנט דאָלער האָט מען געדאַרפט געבן האַנט געלט. איך האָב אים קוים אײַנגערעדט. מיר האָבן געקויפט פאַר זיבן און פופציג טויזנט און פאַרקויפט פאַר זיבן און זעכציק טויזנט. (צו סילווערמאַנען) איצט וועט שוין דײַן „רייטינג" אין קרעדיט שטײַגן. (סילווערמאַן שאָקלט טרויעריג מיטן קאָפּ).

ב ע ר ט א : און דער פּאַריער האָט זיך גאָרנישט געכאַפּט, אַז עס איז אַ ביסל צו פיל געלד?

ד ר. ק ל י נ ע ר : יאָ, אָבער איך האָב אָנגעווענדעט אַלע שפּיצלאָך פון דער פּראָפעסיע, געמאָלט פאַרבנרייכע בילדער, געווירקט אויף זײַן כח הדמיון. ער האָט זיך אַביסל געקווינקלט און צום סוף — צוגעשטימט. (מיט פאַרוואָורף) ווען איך זאָל בלויז געווען מיינען מײַן טובה. איך וואָלט דאָך אַליין געקאָנט מאַכן די צען טויזנט דאָלער.

ב ע ר ט א : עס וואָלט אפשר גלייכער געווען. (טראַכט אַ ביסל) יעדנפאַלס, מיר זײַנען באַגאַנגען אַ גרויס נאַרישקייט, וואָס מיר האָבן אַרײַנגעקליבן זיך אין אונזערע אייגענע הייזער. אַלע שכנים ווייסן, אַז מיר זײַנען די לענדלאָרדס, ווי זיי חנפ'ענען זיך צו מיר, און מאַנכע — שעלטן גאָר . . .

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : בערטאַטשקאַ, דו האָסט דאָך עס אַליין געוואָלט.

ב ע ר ט א : (זיפצט) יאָ, אָבער —

ד ר . ק ל י נ ג ע ר : (ביטרע) און איך זע ניט קיין אונ־טערשייד פון אַ פאַבריקאַנט ביז אַ לענדלאָרד.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : נאַ, זעסטו, דאָ ליגט די גרעסטע עם הארצות : אַ פאַבריקאַנט איז דאָך אַן אונטערנעמער, אַ פּראָ־דוצירער, אַ שאַפער פון נוצלאַכע זאַכן פאַר דעם פאָלק, אָבער אַ לענדלאָרד ? איבערהויפּט אַזאַ איינער, וואָס ספּעקולירט בלויז ?

ב ע ר ט א : מיר האָבן דאָך גאָרניט געטאָן דערביי.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : קיין האַנט אין קאַלט וואַסער ניט אַריינגעטאָן און צען טויזנט (לאַכט ביטער) צען טויזנט דאָלער „פּראָ־פיט".

ד ר . ק ל י נ ג ע ר : און ווען דו מאַכסט צען טויזנט דאָ־לער ביי דיינע קלאָוקס, וואָלט עס געווען כשר ?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : איך דענק אַזוי. באַרעכן נאָר וויפל כח, ענערגיע, ערפאַרונג און אפילו שאַרפזין אַ פאַבריקאַנט לייגט אַריין אין זיין אַרבעט. איך בין שוין 5 יאָר אַ פאַבריקאַנט און האָב נאָך קיין צענער טויזנטער ניט אָנגעזען. קוים וואָס מען מאַכט אַ לעבן, און מ'איז גליקלאַך, וואָס מען קומט אַרויס מיט אַן אומ־באַפלעקטן נאָמען פון אַ שלעכטן סעזאָן. און דאָ — צען טויזנט. (צו בערטאַ'ן) נאַ, בערטשאַטשקאַ, נאָך אַלעמען איז דאָך דאָס ניט אַזאַ גרויסער פאַרברעכן אין אונזער צייט. מיר האָבן דאָך אונזע־רע קינדער.

ב ע ר ט א : מיר האָבן דאָס ניט געדאַרפט טאָן. מיר, וואָס האָבן זיך ערצויגן אויף דער רוסישער קולטור, מיר, וואָס ווייסן —

ד ר. ק ל י ג ע ר: וואָלט עס אַן אַנדערער געטאָן און מיט דעם געלט וויטער ספּעקולירט, אָדער גאָר אויסגעהאַלטן אַ פּאָר מעטרעסעס. מיר זיינען דאָך גאָרניט פון דעם סאָרט. מיר שטיצן אונזערע פּאַרטיי צייטונגען, מיר העלפן ערציען די מאַסן.

ב ע ר ט א: מיר געפינען שוין תירוצים, אָבער טיף אין האַרצן (ס'קלינגט, בערטאַ הויבט זיך אויף און גייט אָנטקעגן. נעד, מאַקסוועל, סעם און לוסי קומען אַריין מיט אומפּעט און געטומל. זיי זיינען אַלע זויבער אָנגעטאָן. דער דאָקטאָר הויבט זיך אויף און רייכט יעדן איינעם די האַנט.)

נ ע ד: (אַ בחור פון אַ יאָר 16, הויכשול־סטודענט, הויך און שוין אַנטוויקלט, באַשיידן, מיט אַריסטאָקראַטישע מאַניערן און ענט־שלאָסנקייט אין זיין יעדן ריר) פּאַפּאַ, אַ סאָציאַליסטישער רעד־נער!

מ א ק ס ו ו ע ל: (אַ בחור פון אַ יאָר 14, הויכשול־סטודענט, שוואַך אַנטוויקלט, עטוואָס איינגעבויגן, טראָגט ברילן, אינגאַנצן אַריינ־געטאָן אין זיך) און ער זאָגט, אַז ווען מען וועט אים ערוויילן, וועט די אַרבייטער זיין גוט.

ס ע ם: (אַ אינגל פון אַ יאָר 11, ענטשלאָסן און צודרינגליך. פרעגט אויף אַלץ קשיות און וויל מיט זיין קינדערשן שכל אַלץ פאַר־שטיין) און ער זאָגט, אַז די ראַבים און די פּריעסטער זיינען אַלע פאַר די קאַפּיטאַליסטן.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: (צו לוסי'ן) און וואָס נאָך האָט ער געזאָגט, לוסיטשקאַ?

ל ו ס י: (אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכט, זייער חנ'עוודיק, מיט שוואַרצע לאַנגע לאָקן איבער די שולטערן, ווען מען אַלע צערטלען און איז אַ ביסל צעבאַלעוועט) אַז קינדער אַרבייטן פאַר זעקס סענט אַ שטונדע. (עס ווערט אַ געלעכטער. נעד גיט אַ הויב לוסי'ן און גיט איר אַ קוש.)

ב ע ר ט א : קומט דאָקטאָר. קינדער, קומט אין עס־צימער.
(זיי גייען אַלע אריין אין עס־צימער און זעצן זיך אַרום טיש. בערטאַ גייט אין קיך און ברייגגט טיי, פּרוכט און געבעקס.)

ל ו ס י : וואָרום טוען זיי דאָס, פּאָפּאַ ?

ס ע ם : ווייל זיי זיינען נאַראָנים.

מ א ק ס ו ו ע ל : ווייל זיי ווילן עסן.

נ ע ד : אונזער לאַנד וואַקסט און געדייעט אויף עקספּלואַ־טאַציע. ער האָט אונז געוואָרפן געגנג ביטערע אמת'ן אין פּנים אריין.

ד ר. ק ל י נ ג ע ר : און וואָס דענקסטו וועגן דעם, נעד ?

נ ע ד : וואָס איך דענק ? סאָציאַליזם איז גאָרניט קיין שלעכטע אידייע.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : ווען דאָס פאָלק זאָל עס באַגרייפן, זאָל עס ווערן.

נ ע ד : מען וואָלט פּטור געוואָרן פון די קריזיסן, אָרימקייט, קראַנקהייט, אומוויסנהייט.

ד ר. ק ל י נ ג ע ר : און דו דענקסט, אַז סאָציאַליסטישע פּאָליטישנס וועלן זיין בעסער ווי קאַפּיטאַליסטישע ? קיין הער־שאַפט, קיין שטאַאַט, אַט וואָס מען דאַרף !

נ ע ד : און ווי וועט איר דאָס דורכפירן, דאָקטאָר ?

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: דורך ערציאונג. דורך בילדן די מאַסן. זיי לערנען צו זיין זעלבסטשטענדיג, אַט למשל ווי הענרי דייוויד טהאָראָ אָדער ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן.

נ ע ד : (פאַרוואונדערט) איז עמערסאָן געווען אַן אַנאַרכיסט ?

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: מסתמא. ער האָט געזאָגט: די בעסטע רעגירונג איז די, וועלכע רעגירט אמווייניגסטן: און דאַן זיין ברוק־פארם פּראָיעקט, אַן עכט אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישע קאָלאָניע.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: ווי קונציג איר טייטשט אוים יעדע פּראָזע, וואָס אַ בארימטער מאַן לאָזט פאַלן. ווארום אויך ניט אריינגעמען דזשעפערסאָן און לינקאָלן צווישן די אַנאַרכיסטן?

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: וואָס דענקסטו, דזשעפערסאָן איז טאַקע געקומען גאַנץ נאָענט צו אונזער וועלט־אַנשויאונג. אַ רעגירונג איז ביי אים ניט מער ווי אַן אינסטרומענט, וואָס מען דאַרף האָבן בלויז פאַר געווויסע צוועקן, און ווען אַ רעגירונג שטעלט זיך אין וועג דעם פאָלק, מעג זי דאָס פאָלק אראָפּווארפן, מאַכן אַ רעוואָלוציע. ער האָט געשטעלט דעם איינצלנעם העכער פון יעדער מאַכט. דאָס איז וואָס מיר זאָגן דאָך —

נ ע ד: נו, און לינקאָלן?

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: נו, יאָ, לינקאָלן. לינקאָלן איז געווען פאַר די אָרימע, פאַר די מאַסן, פאַר —

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: פאַר געזעץ, פאַר רעגירונג, געגן ווילדע קאַפּריזן פון יחידים אָדער אפילו שטאַטן.

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: דאָס וואָס מיר ווילן דאָך.

נ ע ד: אָבער איר ווילט דאָך ניט קיין רעגירונג, קיין געזעץ, קיין הערשאַפט.

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: פון גרופּן אָדער קלאַסן.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: עס וועט אַלעמאָל זיין אַ רעגירונג פון גרופּן אָדער קלאַסן. דאָס פאָלק, דאָס גאַנצע פאָלק וועט זיך קיינמאָל ניט אויפהויבן צו דער הויך פון די גרויסע יחידים.

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: זינט ווען ביסטו געוואָרן אזא אָנהענ־גער פון די גרויסע יחידים? דו ביסט דאָך גאָר א סאָציאַל דע־מאָקראַט.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: זינט איך בין געוואָרן אַן אמעריקאנער.

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: (פילבעדייטענד) אזוי גאָר...

נ ע ד: אנארכיזם טויג ניט. סאָציאַליזם — אָט ווען מען זאָל עס נאָר קאָנען דורכפירן.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: ווען מיר וועלן ווערן ערלאכער, בע־סער, מער געוויסנהאפט, פ י ל ן, ג ל ו י ב ן און ב ע נ ק ע ן נאָך דאָס שיינע, אמת׳ע און גערעכטע.

ב ע ר ט א: ווי נאדסאָן האָט אזוי טרויעריג־זיס געזונגען.

מ א ק ס ו ו ע ל: (אַרײנקוקנדיק אין זיין גלאָז טיי). איך האָב געכאפט א ספעקוליאנט.

א ל ע ק י נ ד ע ר: (מיט אַמאָל) וואו?

מ א ק ס ו ו ע ל: (לויפט אין פּאַרלאָר, נעמט אַרונטער פון בוך־שראנק אַ מיקראָסקאָפּ, זעצט זיך צוריק אויף זיין שטול און קוקט זיך איין אין זיין גלאָז טיי מיט ערנסטקייט). נא, זע, מילי־מיליאָסן. (אַלע קינדער גיבן זיך אַ צי צו מאַקסוועלן און ווילן אויך אַריינקוקן אין זיין גלאָז טיי. ער לאָזט ניט און פון דעם געדרענג קערט זיך איבער די גלאָז טיי. זיי שפּרינגען אָפּ מיט געלעכטער און וואַרפן די שולד איינער אויפן צווייטן. ענדליך נעמט סעם דעם מיקראָסקאָפּ פון מאַקס־וועלן, קוקט אַריין צו זיך אין דער גלאָז טיי און ווערט באַגייסטערט).

ס ע ם: וואָס פאר א חיה׳לאך עס איז פאראנען אויף דער וועלט!

מ א ק ס ו ו ע ל: איינצעלינגע.

ס ע ם: און זיי לעבן.

ד ר. ק ל י ג ע ר: אַלעס וואָס אָטעמט, באַשטייט פון אַזעלכע צעלן.

ס ע ם: יאָ?

ד ר. ק ל י ג ע ר: דאָס, וואָס דו זעסט דאָרט, זיינען איינצעלליגע פלאַנצן, מיקראָבן, באַקטעריען, שטיקלאַך פּראָטאָ־פּלאַזמע, וואָס באַזיצן לעבן און פּרוכפּערן זיך.

ס ע ם: און האָבן קינדער? (עס ווערט אַ געלעכטער. בערטא גיט אַ ליבלאַכן בליק אויף סעם'ען.)

ד ר. ק ל י ג ע ר: זיי שפּאַלטן זיך, פון איינע ווערט צוויי, ביז פון אַן איינפאַכער אַמעבאַ ווערט אַ קאָמפּליצירטע מע־טאַזאָאַ.

ס ע ם: און ווי אַזוי ווערט אַ פיש און אַ פייגעלע?

ל ו ס י: פון אַ נעסט. (געלעכטער)

נ ע ד: ווי גרויס איז דער שטראַל. וואָס זיי רעפלעקטירן?

ד ר. ק ל י ג ע ר: ווי גרויס?

נ ע ד: אַ מיליאָנטל פון אַ מיליאָנטל פון אַן אינטש.

ד ר. ק ל י ג ע ר: ווי אַזוי האָסטו דאָס אויסגעמאָסטן?

נ ע ד: דאָס האָט מיין לערער געטאָן מיט פּראָפעסאָר מיי־קעלסאָנס אונטערפעראָמעטער*). ער זאָגט, אַז אין דער נאַטור איז בלויז פאַראַנען איין סובסטאַנץ — ענערגיע, וועלכע איז אייביג. מען קאָן דאָס ניט שאַפן אָדער צושטערן.

---

*) אינטערפעראָמעטער איז אַן אינסטרומענט ערפונדן ביי פּראָ־פעסאָר מייקעלסאָן צו מעסטן דעם דורכשניט פון שטערן. דעם דאָזיקן ערשטן אַקט האָב איך געשריבן צולעצט, האָבנדיק אין זינען די ביהנע,

ד ר. ק ל י ג ע ר: דאָס וואָס מיר זאָגן דאָך. עס איז בלויז פאַראַן איין סובסטאַנץ — שטאָף, וואָס באַזיצט אַ קראַפט, פון וועלכע —

ס י ל וו ע ר מ אַ ן: (שלאָגט אים איבער) אָבער ענערגיע איז ניט קיין שטאָף, עס איז דער סאַמע ערשטער כח, דער אור־כח.

נ ע ד: די ערשטע סיבה. איך, איך וועל זיין אַ פיזיקער און גיין אין האַרוואַרד.

מ אַ ק ס וו ע ל: איך וועל זיין אַ ביאָלאָג און גיין אין קאָלומביאַ.

ס ע ם: איך וועל זיין אַ איד און גיין אין אידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. (געלעכטער)

ב ע ר ט אַ: און וואָס וועסטו זיין, לוסיטשקאַ?

ל ו ס י: (שטעלט זיך און מאַכט נאָך אַ געוויסע אַקטריסע) איך וועל זיין פויגל־פריי, צו קיינעם ניט געבונדן. איך וועל שפּילן ראָלן דריי, מיט פלאַם און פייער צינדן. (עס ווערט אַ בראַוואָ פּאַטשעריי).

און די קינדער גיבן דאָ אַ פאַרקערטן און קאָמישן ענטפער ווי עס פּאַסט פאַר קינדער וועלכע האָבן אַ וואונש און ווילן, אָבער קאָנען נאָך ניט באַגרייפן אַזעלכע הויכע ענינים ווי געוויסן, זכרון און דאָסגלייכן. אין דעם דאָזיקן ערשטן אַקט, וועלכער איז אַגב זייער לעבעדיק און שפּילעוודיק, ליגט שוין איינגעוויקלט די אידעע פון דער דראַמע — דער עטיי־שער מענטש אין קאָנפליקט מיט דער פינסטערניש און אומוויסנקייט וואָס הערשט אַרום אים און ווילן אים צעדריקן. דער צווייטער אַקט פאָלגט מיט לאָגישער נויטווענדיגקייט דעם ערשטן — דער קאַמף קעגן די אַרבעטער פאַר די אינטערעסן פון פאָלק, — סילווערמאַנס נייער וועג וואָס ער האָט באַטראַכט. דער דריטער אַקט — דער קלימאַקס פון דער דראַמע — די טראַגעדיע אין זיין קומען צו זיך, פאָלגט מיט לאָ־

ד ר. ק ל י ג ע ר: סעם וועט נאָך ביי דיר אויסוואַקסן א רב און גרינג מאַכן דאָס געוויסן פון זיין טשערעדע.

ס ע ם: (אין אַ ברוגז׳ן טאָן) זיי רופן מיר דאָ אַלע ערל, גוי, און דער אַלטער גאָטליב האָט מיך געפרעגט צי מיר גייען אין סינאַגאָג.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: נו, וואָס האָסטו געענטפערט?

ס ע ם: איך האָב געענטפערט אַז פּאָפּאַ איז אַ פריידיינקער.

ב ע ר ט א: יאָ, מיר זיינען פריידיינקער און עס איז ניטאָ קיין גוי, און ניטאָ קיין איד. עס איז בלויז דאָ מענטש — גוטע מענטשן און שלעכטע מענטשן.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: מיר זיינען אַמעריקאַנער, אַמעריקאַנער פון אידישער אָפּשטאַמונג.

ס ע ם: אויב מיר זיינען אַמעריקאַנער, טאָ וואָרום גייען מיר ניט אין טשוירטש? (געלעכטער)

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: (שטעלט זיך אויף) די טשוירטשעס און די רעליגיעס דאַרפן האָבן פרישע לופט — אויסלופטערן פון זיך

גישער נויטווענדיגקייט פון דעם צווייטן. דער פערטער אַקט — דער אמת, דער לעבן ווי ער איז, און דער שלום פּאָלגט מיט לאָגישער נויטווענדיגקייט פון דעם דריטן א. ז. וו. דער עטישער מענטש איז דאָ אין אַלע קלאַסן, ווי איך האָף עס וועט עס איז באַוויזן באריכות און דער־מיט פאַרטרייבן די אומגעהייערע פינסטערניש און עם־הארצות וואָס עס הערשט אין געוויסע ווינקלען אויף דער אידישער גאַס וועגן אונזערע פּאַבריקאַנטן.

מאָריס שוואַרץ, דירעקטאָר פון אידישן קונסט טעאַטער, האָט מיר צוגעזאָגט צו שטעלן די דראַמע אויף דער ביהנע. איצט האָף איך אַז עס וועט זיך אויך געפינען אַ געוואַגטער דירעקטאָר פון דער ענגלישער ביהנע וואָס וועט איר אויפפירן. איך זאָג געוואַגטער, ווייל צו שטעלן

דעם באַרבאַריזם. אַזוי זאָגט וויליאַם דזשיימס. ווען דו ווערסט עלטער ווערן, וועסטו פאַרשטיין. (גייט אַריין אין פּאַרלאָר און גיט אַ פּיר מיט זיין האַנט איבער דער פּיאַנאָ) נו, קינדער, צום וועכענטליכן קאָנצערט.

ס ע ם: (שרייט אַריין אין פּאַרלאָר) טאָ זאָלן מיר באַלאַנגען צום פרייען סינאַגאָג, פּאַפּאַ, דאָרטן איז דער גרעסטער ראַביי אין דער וועלט —

(ס'קלינגט אַן אויפהער. אַלע קוקן זיך אום. נעד לויפט זען ווער דאָס איז. עס הערט זיך דורך די אָפענע פענסטער פון פּאַרלאָר אַ געלעכטער פון קינדער. נעד קומט אַריין און זאָגט, אַז די גאַסן-קינדער האָבן זיך געשפּילט מיט'ן גלעקל. זיי גייען אַריין אין פּאַרלאָר. לוסי זעצט זיך צו דער פּיאַנאָ, סעם נעמט דאָס פידל און סילווערמאַן נעמט דערווייל די גיטאַר, זעצט זיך אויף דער קאַנאַפּע און פירט מיט די פינגער איבער די סטרונעס).

ב ע ר ט אַ: נאָר מיט אונזער גלעקל ליבן זיי זיך צו שפּילן. זיי האָבן שוין קאַליע געמאַכט צוויי גלעקלאַך זינט מיר האָבן זיך אַהערצו אַריינגעקליבן.

די דראַמע אויף דער ענגלישער ביהנע דאַרף קאָסטן אַ פאַרמעגן. עס איז אין איר פאַראַן צופיל פערזאָנען, און אַרויסוואַרפן מאַנכע פון זיי וואָלט געשטערט די גאַנצקייט פון בילד, וואָס איך מאָל דאָ.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט זיך געפונען אַ פּראָמינענטער אַדוואָקאַט וואָס האָט געפונען פאַר נויטיג — אין דערמיט פון דער נאָך־מלחמה־היסטעריע — צו ווייזן אונזערע מיטבירגער „יאַנקל שאַפּסאָוויטש" — אונזער שאַנד. וועט זיך אפשר געפינען אַ פּערזאָן אָדער אַ גרופּע פּערזאָנען וואָס וועלן העלפן שטעלן די דאָזיקע דראַמע אויף דער ענגלישער ביהנע און ווייזן אונזערע מיטבירגער אַ סילווערמאַן — אונזער שטאָלץ. דעם אידן, דעם עטישן מענטשן ?

ח. ב. ב. י.

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: איר האָט דאָך דאָס געטאָן צו באַרו־איקן אייער געוויסן: אַ ל י י ן, פ ע ר ז ע נ ל י ך אויפּפּאַסן אויף די הייזער, עפּעס טאָן, עס זאָל ניט אויסקוקן אַזוי פּראָזאַאיש.

ב ע ר ט אַ: און ווי האָבן מיר אַנדערש געדאַרפט טאָן, מיר, וואָס האָבן אונזער גאַנץ לעבן געדענקט, אַז פּריוואַט אייגנ־טום איז דער קוואַל פון אַלע צרות, ווערן מיט אַמאָל אַזעלכע באַגייסטערטע אָנהענגער פון פּריוואַט אייגנטום?

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: מען דאַרף גאָרניט זיין קיין אָנהענגער פון פּריוואַט אייגנטום. איך דיינק נאָך איצט אויך אַז עס איז דער קוואַל פון אַלע צרות, אָבער אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע קומט ניט. מען קאָן דאָך ניט זיין אַזוי פּאַסיוו, אַזוי נאַריש, ווען אַלע מאַכן געלט.

ב ע ר ט אַ: באַרעכטיגט איר, הייסט עס, אייער האַנדלונג אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע, וואָס קומט ניט, און טוט דאָס, וואָס אַלע טוען? (סאַרקאַסטיש) און איר זיינט עס אַזאַ הייסער פאַר־עהרער פון ניטשע! . . . איר זיינט דאָך אַ מעדיקער און קאָנט, דאַכט זיך, מאַכן אַ בכבוד'יגן לעבן פון אייער פּראָפעסיאָן.

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: (הויבט זיך אויף) יאָ, אַ מעדיקער, אָבער איך האָב עס פיינט. די נאַרישע פּאַציענטן, די גראָבע וואולגאַרע פּרויען, די דאַרע נערוועזע מיידלאַך האָבן מיך געטריבן צו פאַרצווייפלונג. איצט האָב איך דאָך אַזוי פיל צייט צו אַר־בעטן פאַר דער באַוועגונג און בילדן די מאַסן.

ב ע ר ט אַ: און מיט דעם באַרוהיגט איר, הייסט עס, אייער געוויסן?

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: נאָך אַמאָל געוויסן! עס איז אַן איינגעפלאַנצטער קוואַטש, אַ מענש האָט עטלאַכע געוויסנס. אונזער געוויסן איז דאָך ניט ווי זייערער —

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (פון פארלאר) קום אהער, מייקל, לאמיר בארוהיקן אונזערע געוויסנס מיט מוזיק.

ד ר. ק ל י נ ע ר : מיין געוויסן איז ריין, איך העלף בילדן די מאסן. (גייענדיק אין פארלאר, צו בערטא) וואס איז אזוינס געוויסן, קאנט איר דאס דערקלערן ?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (פון פארלאר) געוויסן איז ווי מוזיק, עס קומט פון העכערע ספערן.

נ ע ד : געוויסן איז הארמאניע.

מ א ק ס ו ו ע ל : געוויסן איז א צעל.

ס ע ם : געוויסן איז גאט. דער אלטער גאטליב האט מיר געזאגט.

ב ע ר ט א : וואס איז אזוינס געוויסן, לוסיטשקא ?

ל ו ס י : געוויסן איז א שיינע־דרעם. (געלעכטער).

ד ר. ק ל י נ ע ר : (זעצט זיך אויף דער קאנאפע נעבן סילווערמאנען) עס איז א פונקציע פון דעם מארך און גייט אלעמאל צוזאמען מיט דעם זכרון.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : וואס איז אזוינס זכרון ?

נ ע ד : זכרון איז די הויפט אייגנשאפט פון באוואוסטזיין, אזא מין פערפעטואום מאבילע.

מ א ק ס ו ו ע ל : זכרון איז א צעל.

ס ע ם : זכרון איז אריפמעטיקע.

ב ע ר ט א : וואס איז אזוינס זכרון, לוסיטשקא ?

ל ו ס י : זכרון איז — גוטער שאקאלאד. (געלעכטער)

ד ר. ק ל י נ ע ר : עס איז די ערשטע שטארקע איינ־

מאקסוועל: איינדרוק זיינען די גריבעלאך, וואס די אמעבען מאכן.

סעם: איינדרוק איז א פאר גוטע אויגן.

בערטא: וואס איז אזוינס איינדרוק, לוסיטשקא?

לוסי: איינדרוק איז א פלאסטישער טאנץ. (שטעלט זיך און מאכט נאך א געוויסער טענצערן).

סילווערמאן: איך דיינק, מייקל, אז זכרון, געוויסן — דאס איז דער ווייטאג, וואס זאגט אונז אן, אז מיר זיינען אומגערעכט. דאס איז קאנט'ס קאטעגארישער אימפעראטיוו. דאס איז דזשיימס' פאדערונג און פארפליכטונג.

דר. קליגער: (אין א טאן פון איבעראשונג) ווער פאדערט?

סילווערמאן: דאס געוויסן. אויב ניט געזעץ און ניט קיין גאט —

דר. קליגער: ווילסטו אונז מאכן פאר שקלאפן פון עפעס איבערנאטירלאכעס?

סילווערמאן: איך וואלט דיר געראטן צו לייענען וויליאם דזשיימס אדער הענרי בערגסאן.

דר. קליגער: איך בין דיר מוחל דיינע מעטאפיזיקער. זיי וועלן מיר דעם קאפ ניט פארדרייען!

סילווערמאן: (שטעלט זיך אויף) נו, פארטיג, קינדער? (ער שטעלט זיך אין דער פאזע פון א דיריגענט) נא, אנגעהויבן זאל ווערן! (זיי הויבן אן שפילן עפעס. ס'קלינגט און ס'קומט אריין מיסעס פוקס, די הויז אויפזעערין, א גראבע צושוואומענע פרוי, מיט א בייזן קנאה'דיקן בליק, פון א יאר 45. הינטער איר — מיסטער פוקס, הויז־אויפזעער, א קליין דאר צושראקן מענטשל מיט א קאפ

בידעריקער פון איר, אומגעפער די זעלבע יאָרן. ער טראָגט אַ האַרטן קאַפּעלוש און אַ סוועטער און האַלט אַ „מאָנקי רענטש“ אין האַנט).

מ י ס ע ס פ ו ק ס : מיסטער נעצאוו האָט מיר געגעבן נאָטים, אַז ער מופּט דינסטאָג און קיין רענט האָט ער נאָך ניט איינגעצאָלט, צוויי וואָכן איינגעוואוינט.

מ י ס ט ע ר פ ו ק ס : די „פּייפּ“ פון צווייטן הויז אויף דער „טאָפּ“ פלאָר דינט, האָב געטרייט צו „פיקסן“ און קאָן ניט, מען דאַרף שיקן נאָך דעם פּלאָמבער.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : זייט אַזוי גוט, מיסטער פוקס, און שליסט אָפּ די וואַסער. מאָרגן אין דער פרי וועל איך שיקן נאָך דעם פּלאָמבער.

פ ו ק ס : וואָס רעט איר, מיסטער סילווערמאַן, זיי וועלן דאָך מיר דער׳הרג׳ענען.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : ווער ?

מ י ס ט ע ר פ ו ק ס : די שכנים.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : האָט ניט קיין מורא, מיסטער פוקס, אויף מיין פאַראַנטוואָרטלאַכקייט. (זיי גייען לאַנגזאַם אַרוים).

ב ע ר ט א : (צום דאָקטאָר) מיר האָבן אייך צו פאַרדאַנקען פאַר דעם עגמת נפש.

ד ר . ק ל י נ ע ר : (ברוגז׳לאַך) אַז עס פאַלט אַזוי שווער קאָן מען דאָך די הייזער פאַרקויפן.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : בערטאַ, מיר קאָנען דאָך ניט ער־וואַרטן צו האָבן אייגנטום און קיין פאַראַנטוואָרטליכקייט ניט טראָגן.

ב ע ר ט א : איך וואָלט מוחל געווען די אייגנטום !

דריקע, וואָס מיר קריגן, וואָס ליגט זיך אין אונזער אונטער־באוואוסטזיין.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: איז אַן איינדרוק מאַטעריע?

נ ע ד: איינדרוק איז אַן איבערגאַנג פון ענערגיע פון איין צושטאַנד צום צווייטן.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: (ווערנדיג אין כעס) גענוג, בערטאַ, גענוג. דו וואָלסט זיך שוין געמעגט באַפרייען פון די זיס־סענטימענטאַלע ווייבערשע חלומות און זיך אָנשליסן אָן אַ קולטור פון ריזן, פון פּאָעטן אין דער טאַט און העלפן טראָגן דיין טייל פאַראַנטוואָרטליכקייט מ י ט ל י ב ע.

ב ע ר ט אַ: אויף די קערפּערס פון דעם פאָלק?

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: נו, זעץ אריין דאָס פאָלק אין איין אייז־קרים פאַרלאָר, פיר אים אין צירק און פאַל דאַן אויף די קני און זינג פאַר אים הללויה. (קליינע פּויזע) מיר זיינען אַ דעמאָקראַטיע.

ד ר. ק ל י ג ע ר: אַ שיינע דעמאָקראַטיע, אָנגעפירט פון וואָל סטריט.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: יאָ, וואָל סטריט, מייקל, וואָל סטריט, ווען דאָס פאָלק ווייסט ניט, קאָן ניט, אָדער וויל ניט. עמיצער דאַרף דאָך אָנפירן, קאָנטראָלירן.

ד ר. ק ל י ג ע ר: (שטאַרק פאַרוואונדערט) יאַקאָב, דאָס איז דאָך גאָר פשוט, ווי —

ב ע ר ט אַ: איך האָב נאָך ניט פאַרגעסן, ווען אונזערע קינדער האָבן קיין ברויט ניט געהאַט און דו האָסט קיין ארבייט ניט געקאָנט געפינען.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: פאַרגעס, פאַרגעס יענע צייטן,

בערטאַ, מיר זיינען געווען קינדער און געגלויבט, אַז אַלץ איז אַזוי לייכט. מיר זיינען געלעגן צו די פיס פון פאָלק יאָרן לאַנג, אים געניאַנטשעט און געלערנט, געבויט קאָלאָניעס, יוניאָנס, קאָ־אָפּעראַטיווע שעפּער. וואָס איז פון דעם געוואָרן? (קליינע פּויזע) מיר האָבן אונזערע קינדער.

בערטאַ: יאָ, אונזערע קינדער. (קליינע פּויזע) קאָנען מיר ניט האָבן אונזערע קינדער און אויך בלייבן געטריי זיך אַליין?

סילווערמאַן: מיר זיינען געטריי זיך אַליין, בערטאַ. מיר האָבן בלויז באַטראָטן אַן אַנדער וועג. ס'איז פאַראַן פיל וועגן ווי צו דינען דאָס פאָלק.

דר. קליגער: און דער ערשטער און איינציגער וועג איז — בילדן די מאַסן.

בערטאַ: (אין צאָרן אויף דעם דאָקטאָר) און וואָס טוען מיר, די געבילדעטע?

דר. קליגער: (פילט זיך ווי געטראָפן) מיר, מיר טוען אונזער חלק. (אַ לאַנגע פּויזע. אַ שווערע שטימונג הייגט אין דער לופטן. עס הערט זיך דער קול פון דעם רעדנער אין דרויסן. פּלוצלינג קומט אַריין מיסטער געווינער, אַ שכן ביי די סילווערמאַנס, אַ מאַן פון אַ יאָר 28 מיט אַ גוטמוטיקן פּאָלקסטימלאַכן פּנים, אַ טוער אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אין אַרבעטער רינג, אָנגעטאָן ווי אַ גוט־באַצאָלטער אַרבעטער).

געווינער: ווערט איר זיין אַזוי גוט, גענאָסע סיל־ווערמאַן און אָננעמען די איינלאַדונג צו האַלטן אַ רעדע ביי דעם נאָר וואָס געגרינדעטן ברענטש פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין די בראָנקס?

בערטאַ: זעצט אייך, פריינט געווינער. (געווינער זעצט זיך אויף אַ שטול).

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : ס'טוט מיר זייער לייד — (רעט ארויס מיט אומווילן) איך האָב רעזיגנירט אַלס מעמבער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

ג ע ו ו י נ ע ר : (איבעראַשט) וואָס הייסט ? זינט ווען ?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : זינט איך האָב אויסגעפונען, אז דער סאָציאַליזם איז ניט דער איינציקער אמת פון דער וועלט.

ג ע ו ו י נ ע ר : (פילבעדייטענד) אזוי גאָר ? וואָס זשע הייסט עס, קאַרל מאַרקס האָט געמאַכט א מיסטייק ?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : ער האָט זיך אביסעלע טועה געווען. ער האָט געוואָלט איינשפּאַנען דעם מענטשן אין זיין געשיכטעס־מאַטעריאַליסטישן וואָגן, אָבער דער מענטש איז ניט אזא מעכאַניזם, וואָס מען קאָן איינשפּאַנען, דער מענטש האָט א ווילן און דער ווילן פּראָטעסטירט.

ג ע ו ו י נ ע ר : (נאַאיוו) וואָס הייסט דער ווילן פּראָטעסטירט ? וואָס זשע, מיר ווילן דען ניט ?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (טראַכט אַביסל) איך האָב מורא, אז ניט, יעדנפאַלס מיט וואָס זיינען מיר גאַראַנטירט, אז סאָציאַליזם וועט בריינגען די געווינשטע פרייהייט און גליק ?

ג ע ו ו י נ ע ר : וואָס הייסט, קאַרל מאַרקס האָט דאָך באַוויזן, וויסנשאַפטליך באַגרינדעט.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : איר גלויבט, הייסט עס.

ג ע ו ו י נ ע ר : (כמעט ענטריסטעט) ניין, איך גלויב ניט, איך בין א פריי־דענקער. (הויבט זיך אויף פון שטול אין היילעניש) אהא, איך פאַרשטיי שוין ! (מיט נצחון אין זיין קול) קאַרל מאַרקס האָט געזאָגט, אז אייגנטום בייט איבער די מאָראַל. (מיט זי־כערקייט) קאַרל מאַרקס האָט קיין מיסטייק ניט געמאַכט. ענטשול־

דיגט, מיסטער סילווערמאַן. גוט נאַכט. (לאָזט זיך גיין אין היילעניש.)

בערטאַ: (טרויעריג) נאָך אַ שונא.

דר. קליגער: הער זיך נאָר צו, וואָס אַ סאָציאַליס־טישער טומל מאַכער זאָגט.

בערטאַ: ער איז פיינער פון אונז. (עס הערט זיך אַ הילכיגער הוראַ אין דרויסן. די קינדער כאַפּן זיך אויף און גייען צו צו די פענסטער פון פּאַרלאָר. בערטאַ, סילווערמאַן און דר. קלי־גער נאָך זיי. עס הערט זיך אַ בראַזגעריי פון שויבן אין דער צווייטער הויז, אַ יאָגעניש און געלעכטער פון קינדער און אַ געטומל פון מענטשן. נעד, מאַקסוועל און סעם לויפן אַרונטער זען וואָס עס איז געשען. זיי קומען אַרויף אין אַ ווײַלע אַרום און דערציילן אַז גאַסן־קינדער האָבן שפּילנדיק זיך אויסגעבראָכן אַ שויב. אין אַ מינוט אַרום קומען אַרויף מיסטער און מיסעס פּוקס).

מיסעס פּוקס: דאָס האָט דזשייק, דעם טויבן גראָ־סערי־מענ'ס באָי געטאָן און שיעור ניט דער'הרג'עט דעם אַלטן גאָטליב.

מיסטער פּוקס: זיי זיינען אין ביזנעס און איר קאָנט זיי קלאָגן פאַר „דעמעדזשעס".

בערטאַ: (אין פאַרצווייפלונג) זיך אַרויסקלייבן, פאַרקויפן!

פאָרהאַנג.

צוריק צו זיך

צווייטער אקט

אַן אויסשטעלונג צימער אין סילוועדמאַנ'ס פאַבריק אויף דעם צענטן שטאָק אויף בראָדוויי צווישן די דרייסיקער און פערציקער גאַסן. אַ גרויסער טיש פון העל־פּאָלירטן האָלץ מיט גרינעם געוואַנט באַדעקט. אויף דעם דיל אַ גרויסער קאַרפּעט. אויף דעם טיש אַ שאַכטל סיגאַרן און טעלאַכע אַש־שאַכטלאַך. האַלב רונד דעם טיש שטייען שטולן פון זעלבן קאָליר מיט האַלב קיילעכדיקע ווענטלאַך. רעכטס — שראַנקען פאַר קליידער פון זעלבן קאָליר וואָס די שטולן און טיש. אין די שראַנקען קינסטלאַך געמאַכטע הענג־געשטעלן פון אייזערנע רערן. עס הענגען קליידער פון פאַרשידענע מוסטערן און קאָלירן. פילע קליידער ליגן אויף דעם טיש און אויף די זייטן פון די שטולן.

טיפער צו רעכטס פירט אַ זיך־אַליין־פאַרמאַכנדע טיר אין דער פאַבריק. זעקס פענסטער פאַרהאַנגען מיט זון־שטאָרן קוקן אַרויס צום גאַס. לינקס אָפּגעטיילט מיט אַ קינסטליך ווענטל איז דער קאַנטאָר אין וועלכן מען זעט שאַצמאַנ'ען עפּעס שרייבן. אין מיטן אַ פענסטערל מיט באַגילדעטע גראַטעס. פון יענער זייט שטייט אַ לאַנגע באַנק פאַר וואַרטענדע צום אָפּרוהען. אין הינטערגרונט אַן אַליין־זיך־פאַרמאַכנדע טיר. איבער דער טיר — אַ שילדל: „פאַר אַרבייטער בלויז". אין מיטן, לינקס צוויי גרויסע אייזערנע עלעווייטאָר טירן. פון דער זייט לינקס אַ טיר וואָס פירט צו שטיגן. מען זעט איבעראַל „האַלמס' פּראָ־טעקשאָן" און אַ וואַסער־רער פון גומע צוזאַמענגעלייגט הענגט אויף אַן אייזערנעם שאַכטל פון וועלכן עס שטעקט אַרויס אַ דריי־הענטל. אויבן אַן אויפשריפט מיט רויטע בוכשטאַבן: „פייער אַלאַרם".

עס איז אַ זוניגער טאָג. דורך די פענסטער זעט מען קלויסטער־שפּיצן, דעכער, גרויסע פעסער און נאָך העכערע געבויען. אַלע

ווילע זעט זיך אַ שיין פון די פאַרבייגייענדע עלעוויטאָרס וואָס גייען אַרויף און אַראָפּ. עס הערט זיך אַ רוישן פון די מאַשינען. מיס טאָמפּסאָן און גאָלדשטיין זיצן אויף שטולן, קליידער נעבן זיי אויף דעם טיש און ריידן פון טעאַטער. אַן עלעוויטאָר שטעלט זיך אָפּ און עס קומען אַרויס מיס בלומענטאַל און מיס סמיילי און גייען גלייך אַריין אין אויסשטעלונגס־צימער. די מיידלאַך, זויבער געקליידעט אין מאַנט־לען און אין קליינע שוואַרצע שטרויענע היטעלאַך, שמייכלען צופרידן מיט זיך.

גאָלדשטיין: (שטעלט זיך אויף) אַ, מיס סמיילי, מיר האָבן דאַ געוואַרט פאַר איך!

מיס סמיילי: (שמייכלענדיק) אָט בין איך דאַ.

גאָלדשטיין: (נעמענדיג אַ מוסטער, וואָס ער האָט געהאַלטן נעבן זיך) אָט וועט איר זיין אַזוי גוט און אָנמעסטן. (ער העלפט איר אָנציען אַ „קייפּ", קוקנדיג איר דערבײַ גלייך אין די אויגן. מיס סמיילי שפּאַצירט אום הין און צוריק, דרייט זיך אויס אַרום און אַרום קאָקעטיש און גלאָנצט מיט די אויגן) ניט שלעכט, ניט שלעכט, ס׳וועט זיין גוט.

מיס סמיילי: דאָס איז אונזער „בעסט סעלער".

מיס טאָמפּסאָן: (הייבט זיך אויף, גייט צו און באַטראַכט די קייפּ אויף מיס סמיילי) יאָ. עס איז איינפאַך און מיט חן, אַ לייכטער גאַרמענט פאַר דעם ספּרינג (פּרילינג).

מיס סמיילי: און מיר האָבן זיי אין זעקס פאַר־שידענע מוסטערן און אין צוועלף פאַרשידענע קאָלירן און צושיקן „אימידיאייט דעליווערי".

מיס טאָמפּסאָן: גאַנץ פיין. אָבער ווער קען וויסן, וואָס פאַר אַ קאָליר וועט „פּרעדאָמינירן"?

גאָלדשטיין: די פראַגע איז לייכט צו לעזן. דאָס

איז אַ גאַרמענט פאַר דער יוגנד און די יונגנט ליבט העלע קאָלירן.

מיס טאָמפּסאָן: העלע קאָלירן, גוט. אָבער וועלכע העלע קאָלירן?

מיס סמיילי: (נעמט פון טיש אַן אַרטיסטיש אײנגעבונדענעם קאָלירן קאַרד און דערלאַנגט זיי) אָט איז די קאַרד פון דער טעקסטיל קאָלאָר קאַרד אַססאָסיאײשאָן פאַר דעם סיזן און אָט די צוויי קאָלירן „פּרעדאָמינייטן"!

מיס טאָמפּסאָן: (פרײדיג) ריכטיג, די דאָזיגע צוויי קאָלירן געפעלן מיר אויך, לעמאָן און אָרענדזש (חזר'ט איבער) לעמאָנס און מאַראַנצן.

גאָלדשטיין: (קוקט אויפ'ן זייגער און גיט זיך אַ כאַפּ) צרות מיינע! עס איז שוין אַזוי שפּעט. מיר דאַרפן נאָך אַ ביסל טאָן. מיר וועלן נאָך פאַרשפּעטיגן די פּאָלים און 1916.

מיס סמיילי: (נעמט דעם אָרדער בלאַנק און שרייבט) לאַזאַרוס און קאָמפּאַני. עלענטאָן, פּאַ. לאָט 515, וואַרע 3, מוסטער 345. (ווענדעט זיך צו גאָלדשטיינען) סייז: סייזעס, מיסטער גאָלדשטיין? וואָס פאַר אַ סייזעס? קאָלירן? ווען שיקן?

גאָלדשטיין: (אין היילעניש) אַלע סייזעס! אַלע קאָלירן! (כאַפּט אָן מיס סמיילי ביי דער האַנט) וואַרט, איך וועל דאָ נאָך זיין מאָרגן אין דער פרי.

מיס טאָמפּסאָן: ריכטיק, מאָרגן אין דער פרי. איך האָב „טיקעטס" (בילעטן) פאַר „מיין מאַנ'ס ווייבער". ענטשולדיגט. (פאַרדריסליך ווי צו זיך) האָב געוואָלט גיין אויף דער נאַכט אין היפּאָדראָם, אָבער אַן „אַפּאָינטמענט" האָב איך ניט געקאָנט ענטזאָגן.

(גאָלדשטיין און מיס טאָמפּסאָן ציען אָרויף די האַנדשו און מאַכן זיך פאַרטיג צום גיין. סילווערמאַן קומט אַריין פון דער טיר רעכטס).

סילווערמאַן: (זעט מיס טאָמפּסאָן און גאָלדשטיין פֿאַר־טיג אויף אַרויסצוגיין. מיט אַ שמייכל) נו, מיס טאָמפּסאָן, מיס־טער גאָלדשטיין, איבערגעקוקט אונזערע מוסטערן?

מיס טאָמפּסאָן און גאָלדשטיין: (ביידע מיט אַ מאָל) יאָ, אָבער ענטשולדיגט. מאָרגן פֿרי. מיר וועלן דאָ ביידע זיין און לאָזן אָרדערס. זיך פֿאַרשפּעטיגט. מיר האָבן „טי־קעטס" אין טעאַטער. (דעם זאַץ ריידן ביידע, אָבער אַזוי, אַז איינער פֿאַנגט אָן און דער צווייטער ענדיגט).

סילווערמאַן: אַ, געזונטערהייד. אונטערהאַלט אייך אויף דעם בעסטן אופֿן!

גאָלדשטיין: (שמייכלענדיג) יאָ, איך מיט די פֿאַלים גוירלס, אָבער זי, זי מיט „איר מאַנ'ס ווייבער". (אַלע לאַכן. סיל־ווערמאַן באַגלייט זיי צום עלעווייטאָר, פֿון וועלכן עס שטייגט אַרויס אַ דעפּעשן־ברענגער מיט אַ פּעקל דעפּעשן און גיט זיי גלייך איבער צו מיס בלומענטאַל, וועלכע גיט זיי איבער צו שאַצמאַנ'ען. דער דע־פּעשן ברענגער, מיס טאָמפּסאָן און גאָלדשטיין אָפּ).

שאַצמאַן: (רופֿט אַריין סילווערמאַנ'ען אין אָפֿיס) אָט איז דער רעפּאָרט פֿון „ברעד־סטריט" וועגן דזשיימס וואַטסאָן דזשוניאָר. (לייענט) „דזשיימס וואַטסאָן דזשוניאָר פֿון אָטענ־וויל, מערילענד, האָט גע'ירשנ'ט דעם דעפּאַרטמענט סטאָר פֿון זיין טאַטן צוזאַמען מיט אַ סך ריל עסטייט אויף מעין סטריט. אָבער זייענדיג ערצויגן אין וואַוילטאָג און ניט האָבנדיג קיין שום ער־פֿאַרונג אין הלכות דעפּאַרטמענט סטאָר ביזנעס און דערצו זייענ־דיג אַ גרויסער ספּאָרטסמען, האָט ער געמוזט אין צוויי יאָר נאָך זיין טאַטנס טויט באַנקראָטירן. ער האָט געסעטלט און וויפֿל מיר האָבן אים ניט געבעטן ער זאָל אונז געבן אַ רעפּאָרט וועגן דעם צושטאַנד פֿון זיינע ביזנעס, האָט ער זיך אַלץ ענטזאָגט. אַזוי, אַז מיר האָבן געמוזט שטעלן זיין רייטינג זייער נידריג. לעצטנס האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ רייכער אלמנה, וואָס האָט אַ סך

ריעל עסטייט, אָבער מיר זיינען ניט זיכער, צו זי איז וויליג אים צו העלפן פינאַנציעל.״

סילוועמאַן: ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייכער אלמנה ? וואָלטן מיר אפשר גענומען דעם ריסק. ער וועט דאָך ניט באַנקראָטירן באַלד נאָך זיין האָניג־מאָנאַט.

שאַצמאַן: ניין, איך בין דאַגעגן, אַ מענטש, וואָס האָט ניט קיין ערפאַרונג אין זיין געשעפט, טאָרן מיר ניט טרויען.

סילוועמאַן: (טראַכט אַביסל) גוט, מיסטער שאַצמאַן, טוט ווי איר פאַרשטייט.

מיס בלומענטאַל: (וועלכע האָט דורכגעקוקט די דעפּעשן) מיסטער סילווערמאַן, די לידער שיקאַגאָ פאַרדאַפּלט דעם אָרדער; דער בייער פון די קליוולענד בארגן סטאָר וועט דאָ מאָרגן אין דער פרי זיין; ווייס און סמיט, האַרטפאָרד, בעט זיי שיקן נאָך אַ הונדערט קאָוטס, די גאַרמענט סענטער, פּיטסבורג, פרעגט זיך נאָך נאָך ״דזשאַבּס״ (שמייכלט) מיר זיינען גאַנץ ״ביזי״ הייניגס יאָר.

האַרענשטיין: (דער פאָרמאַן פון פאַבריק, אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, מיטל וואוקס מיט אַ ליסינע אויפ׳ן קאָפּ, אָן אַ ראָק, מיט אַ גאָלדן זייגער און קייט אין זיין קאַמזויל, איז זייער ריר־עוודיג. ווען ער גייט, טראָגט ער דעם קאָפּ פאָראויס. ער האַלט באַשריבענע אָרדערס אין איין האַנט און אייניגע שטיקלאַך וואַרע אין דער צווייטער האַנט) מיסטער סילווערמאַן, פאַר דעם מוסטער איז ניטאָ קיין וואַרע אין הויז. קאָן מען אפשר ״סאַבסטיטוטן״ דעם מוסטער ? דער אונטערשיד איז בלויז אין דעם גרינעם שטריכעלע. (ווייזט אים די שטיקלאַך וואַרע).

סילווערמאַן: פאַר וועמען איז דאָס ?

האַרענשטיין: (לייענט) בי דזשיי קרעפּניק און קאָ.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: אַ, ניין! ניט פאַר זיי! זיי דאַרפן בלויז האָבן די מינדסטע צוטשעפעניש און זיי שליידערן די סחורה צוריק אין דער האָפנונג צו קריגן אַ „רעדאַקשאָן“. אַ, ניין, ניט פאַר זיי!

ה אַ ר ע נ ש ט י י ן: דאָן קאָן מען אפשר אויסשניידן אַלע פינף שטיקלאך פאַר די לידער, שיקאַגאָ?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: ניין, זאָל מיסטער ערנסט אויספילן אַלע אָרדערס פון דעם מוסטער און דאָס איבעריקע שנייט אין סטאָק. מיס בלומענטאַל, רופט אָפּ די אַמעריקען וואולען קאָ. נאָך 25 שטיקלאך פּעטערן נומער 3. (נעמט זיך לעזן איינינע טעלעגראַמעס).

ה אַ ר ע נ ש ט י י ן: אָלרייט. (אָפּ.)

י אַ נ ק אָ ו ו ס ק י: (אַ מאַן פון אַ יאָר 48, געקליידעט ווי אַן אויפגעקומענער גביר פון אַ קליין שטעטל, זייער רירעוודיק. רעט אַ ניט־גראַמאַטיקאַלישן ענגליש מיט אַן עכט אידישן אַקצענט. קומט אַרויף מיט דעם עלעווייטאָר, לויפט אַריין אין אויסשטעלונגס־צימער, אַ פאַרסאָפּעטער, זוכנדיק מיט די אויגן) העלאָו, מיסטער שאַצמאַן, וואָס מאַכט איר, מיסטער שאַצמאַן? האו דו יו דו? (רייכט אים די האַנט).

ש אַ צ מ א ן: פיין, מיסטער יאַנקאָווסקי. וואָס מאַכט איר? ווי גייט ס׳געשעפט?

י אַ נ ק אָ ו ו ס ק י: גוט, גוט אין דער ערד. האָט איר עפּעס „באַרגענס“, „דזשאַבס“, „קלאָוז־אוטס“, עפּעס, עפּעס צום פאַרקויפן פאַר 9.99?

ש אַ צ מ א ן: ניין, ניט דעם יאָר, מיסטער יאַנקאָווסקי. דעם גאַנצן סטאָק אויספאַרקויפט.

י אַ נ ק אָ ו ו ס ק י: (טוט זיך אַ כאַפּ) דעם גאַנצן סטאָק

און גראדע היינט וואלט איך געדארפט האבן אזוי נויטיג, אזוי עפעס א בארגנדל! ווייסט איר ניט עפעס א רעזידענט בייער, וואס ווייסט, וואו בארגנדלאך וואקסן? (ער פאנגט אן אויף שנעל צוווארפן די מוסטערן!)

ס י ל וו ע ר מ א ן: (דערזעענדיג יאנקאווסקי'ן) א, וואס מאכט איר, מיסטער יאנקאווסקי? ווי גייט ס'געשעפט? (רייכט אים די האנט).

י א נ ק א וו ס ק י: „ראטן".

ס י ל וו ע ר מ א ן: (ערשטוינט) וואס הייסט? איר האט דאך געהאלטן אין איין דופליקייטן די לעצטע עטלאכע מאנאטן?

י א נ ק א וו ס ק י: (אין כעס) ביזנעס איז גוט, אבער עס איז שלעכט! זייער שלעכט! א מכה אונטער דער זייט האט זיך מיר אונטערגערוקט און וויל מיך נאר רואינירן.

ס י ל וו ע ר מ א ן: וואס הייסט, א קאנקורענט?

י א נ ק א וו ס ק י: יא, א קאנקורענט. אבער וואס פאר א קאנקורענט! און לעצטנס פונקט ערב קריסטמעס האבן זיי מיר דערלאנגט א קלאפ, אז איך וועל דאס לאנג געדענקען. (ענטשלאסן) און איצט, איצט בין איך געקומען אין ניו יארק. איך וו י ל, איך מ וז זיך מיט זיי אפרעכענען!

ס י ל וו ע ר מ א ן: (פארויכערט אסיגאר און דערלאנגט די באקס סיגארן צו יאנקאווסקי'ן) וואס הייסט אפרעכענען? ווי אזוי?

י א נ ק א וו ס ק י: וואס הייסט ווי אזוי? איך וועל זיי שלאגן מיט דעם זעלביקן שטעקן, וואס זיי האבן מיך גע־שלאגן. הערט א חוצפה: איך בין שוין 18 יאר אין מאנאטוויל געקומען ווען עס איז נאך געווען א וויסטע, געהאלפן דאס אויפ־בויען, געשאפט א מארקעט, אויפגעבויט א געשעפט, בין דער ערשטער צו צאלן די געשוואלענע טעקסעס, בין טעטיג אין אלע

אינסטיטוציעס, גיב אויף גויאישע אינסטיטוציעס, מער ווי אויף אידישע, אפילו אויף דעם טשווירטש האָב איך בייגעשטייערט, אבי מאַנאטוויל צו פאַרגרעסערן און פאַרשענערן. און דאָ, ווען ביזנעס האָט אנגעהויבן גיין גוט, שטעלט זיך אוועק פונקט אנטקעגן מיר אין מיין סטריט אַ פירמע, אַ נייע פירמע, אַ גויאישע פירמע — מעק־גאָלדריג און אַרמסטראָנג, און נעמען ביי מיר צו סאָלן־סאָל גאָלדבוירג, וואָס איז מיט מיר בלויז איינמאָל געוועזן אין ניו יאָרק און מאַכן אים פאַר אַ „בייער פון ווימענס אפּאַרעל". און וואָס מיינט איר, טוט ער? ער פאָרט אַראָפּ אין ניו יאָרק, און „קעטשט" ערגעץ אַ באַרגן: 500 באָליוויע קאָוטס מיט טייערע פאָר קאָלערס — סקוואוירל, ביוועד, ראַקון, נוטריע, פאַר 25 דאָלער אַ שטיק און זיי מאַכן אַ גיגאַנטישן סייל (אויספאַרקויף) עט 29.98. קאָוטס, וועלכע זיינען ווערט 60 און 70 דאָלער אַ שטיק. און וואָס מיינט איר, דער עולם? דאָס מאָל איז ער שוין גאָרנישט געוועזן קיין גולם, האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו זיי אין סטאָר און זיי שיעור ניט איינגעשלונגען. האָבן געוואָלט צונעמען דעם סטאָר. מען האָט געמוזט אַרויסרופן אַלע פּאָליסלייט. אַלע פייערלייט, אפילו דער טשיף אָוו פּאָליס איז דאָרטן געוועזן. טאָ ווי מיינט איר קען איך דאָס פאַרשווייגן?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: איז וואָס זשע קאָנט איר טאָן?

י א נ ק אָ ו ו ס ק י: וואָס הייסט וואָס? איך מוז זיך מיט זיי אָפּרעכענען! אַ צאָן פאַר אַ צאָן! אַן אויג פאַר אַן אויג! א י ך מ ו ז א ו י ך ק ר י ג ן אַ ב אַ ר ג ן א ו ן מאַכן אַ גיגאַנטישן סייל! (טרויעריג) דאָס, דאָס איז דאָך, פון וואָס מיר לעבן: א ו י ב נ י ט ק י י ן ג ר ו י ס ע ב אַ ר ג נ ס א ו ן נ י ט ק י י ן ג ר ו י ס ע ק אָ נ ט ר י־ ב י ו ש אָ נ ס, צ ו ו ו אָ ס ד אַ ר ף מ ע ן א ו נ ז? (פויזע) ווי, ווי אזוי פאָרט מען ערגעץ אין דיוויזשאָן סטריט?

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן און ש אַ צ מ אַ ן: וואָס עפּעס דיוויזשאָן סטריט?

י א נ ק אָ ו ו ס ק י : איך רעכן, אַז דאָרטן האָט ער גע־מוזט „קעטשן“ דעם באַרגן. אפשר האָט איר אַליין אַ באַרגנדל, מיסטער סילווערמאַן ? און אפשר ווייסט איר, וועמען עס טוט ווי דער קאָפּ, אָדער עמיצער, וואָס וויל זיך צוריקציען פון ביז־נעס ? איך, איך וועל צאָלן קעש, ט. אַ. ט. (צופלאַמט) איך מוז זיך מיט זיי אָפּרעכענען, מיסטער סילווערמאַן. אַן אויג פאַר אַן אויג ! אַ צאָן פאַר אַ צאָן ! אפילו ווען עס זאָל מיך דאַרפן קאָסטן טויזנט דאָלער !

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : (שמייכלט) עס טוט מיר לייד, מיס־טער יאַנקאָווסקי, איך האָב ניט קיין באַרגנס היינטיגס יאָר און וועמען עס טוט ווי דער קאָפּ — ווייס איך אויך ניט. נעמט אייך צוזאַמען, באַרואיגט אייך !

י אַ נ ק אָ ו ו ס ק י : ווי קאָן איך זיך באַרואיגן ?

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : און פאַרשטייט איר דען ניט, אַז יענע פינף הונדערט קאָסטס זיינען געווען אָדער פון אַ באַנקראָט אָדער אַ גנבה ?

י אַ נ ק אָ ו ו ס ק י : „איי שוד וואָרי“ ! אַבי איך באַצאָל, אַבי איך האָב אַ „רעסיט“.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : הארט אייך גאָרניט, אַז עמיצער ברעכט דעם קאָפּ ?

י אַ נ ק אָ ו ו ס ק י : הארן ?! מיך זאָל הארן ?! הארט דען עמיצן פאַר מיר ? זעט, וואָס מיינע קאָנקורענטן האָבן גע־טאָן. ווי אַזוי זייער אַדווערטייזמענט איז געווען אויסגעשטעלט : (נעמט אַ צייטונג און ווייזט מיט די הענט) אָט אַזעלכע בוכשטאַבן ווי די קולאַקעס. „געדענקט דעם „ספּאָט“ ! „געדענקט דעם סטאָר! „מעק־גאָלדרינג און אַרמסטראָנג“ ! איז דאָס ניט געצילט קעגן מיר ? מעק־גאָלדרינג און יאַנקאָווסקי — מעק און סקי — דאָס איז ספּעציעל געצווינגן די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַנאַטווילער,

זיי ציינן דעם אונטערשיד פון אַ מעק ביז אַ סקי. און וועמעס קאָפּ, דענקט איר, איז געווען דערביי, זייערע? זיי האָבן דען שכל? דאָס איז סאָלי'ס קאָפּ, צושאָסן זאָל זי ווערן. און פרעגט פאַרוואָס? געגומען אַ שנעק און געמאַכט אים פאַר אַ שטיקל מענטשן. גייט ער און טוט מיר אָפּ אַזאַ שפּיצל! זיי האָבן גע־וואָלט רופן זייער סטאָר די „גלאָוב", האָט ער זיי אַן עצה גע־געבן, זיי זאָלן זיך רופן אויף זייערע אייגענע נעמען: מעק־גאָלדריק און אַרמסטראָנג. מעק־גאָלדריק, אַרמסטראָנג און קאַמפּ. און מענדל יאַנקאָווסקי און קאַמפּ. אַה! (ער זיפצט).

שאַצמאַן: ווארום ווען איר זיינט געקומען קיין מאַנאַט־וויל, האָט איר ניט צוגעטשעפּעט צו אייער נאָמען קיין מעק?

יאַנקאָווסקי: (ערנסט) ווער האָט עס געקאָנט פאָר־אויסזען, אַז איך וועל זיך אַרויפאַרבעטן, אַז איך וועל ווערן דער אָנגעזעענסטער בירגער פון מאַנאַטוויל, אַז די „מאַנאַטווילער ניוס' וועט שטעלן מיין „פּיקטשור" יעדן מאָל, ווען איך וועל פאָרן און קומען צוריק פון ניו יאָרק.

שאַצמאַן: עס איז נאָך ניט צו שפּעט צו בייטן אייער נאָמען.

יאַנקאָווסקי: איך האָב טאַקע פיל מאָל געטראַכט וועגן דעם. און ווי אַזוי קען איך איבערמאַכן מיין נאָמען עס זאָל ניט קלינגען אַזוי „פאָריען"? ווען איך שנייד אָפּ דעם סקי, וואָלט עס געהייסן יאַנקאָו. און יאַנקאָו איז אויך פאָרעין. סיידן.. סיידן יאַנקווויט. אָבער יאַנקוויט געפעלט מיר ניט. עס הייסט: יאַן־קוויט, קוויט . . . און פאַר קוויט האָב איך מורא. אַ קשיא אויף אַ מעשה. אָפּגעהאָרעוועט 18 יאָר אין מאָנאַטוויל, געבוירן און ערצויגן קינדער, זיך איינגעלעבט, געוואָרן אַן אָנגעזעענער בירגער און דאָ קאָן נאָך קומען אַ שונא ישראל און אַ זאָג טאָן: יאַן — „קוויט", „קוויט", דאָס — דאָס ניט. סיידן, סיידן יאַנהיים. אָבער יאַנהיים איז דייטש און די דייטשן ליגן איצט גיין איילן

אין דער ערד. זיי זוכן אליין צו פארבעהאלטן זייערע נעמען. אט קאן איך א דייטש ביי אונז אין מאנאטוויל, א געוועזענער פּאליס־מאן און איצט דער פּאליטישער באס פון מיין פּארטיי, — די רע־פּובליקאנער, וועמעס נאמען איז געווען שוואבאך. האט ער זיך גערופן שווייבאטש און מיט אמאל איז ער געווארן שוואב! זיך דערלעבט א צייט, הא? מיר קאנען נאך דערלעבן, אז פון הא־פּענצאלערן זאל ווערן האניצע און פון הינדענבורג — הינדע, און פון לודענדארף — לייזאק. וואס קאן מען היינטיגע צייטן ניט ערווארטן? (אלע לאכן) און נאך א זאך: זינט די מלחמה האט זיך אנגעפאנגען, איז גארניט אויסצוהאלטן. מען האלט אין איין באמבארדירן מיט דעפּעשן און בריף פון אייער ניו יארק: גיט, אידן, גיט! דא — די אמעריקען דזשואיש רעליף, דא — די סענט־ראל רעליף, דא — די פּיפּלס רעליף, דא — די זייאניסט ארגאניזיי־שאן אוו אמעריקא און דא קומט גאר ארונטער א בארימטער רעדנער און האלט א פלאם פייערדיגע רעדע וועגן זיך אומקערן קיין ארץ ישראל. און דא גרינדן אונזערע פּאר שניידער און פעדלער א סאָ־ציאליסטישן ברענטש, אן ארבעטער־רינג און מען האלט זיך אין איין ארומשלאגן. און איבעראל — דער אנגעזעענער בירגער פון מאנאטוויל. דא — באזארג, דא — גיי באגעגענען, דא — גיב געלט און דא פארענטפער זיך פאר שוואבאך, שווייבאטש, שוואב, ווארום אונזערע פּאר פעדלער האבן געגרינדעט א סאציאליסטישן ברענטש מיט אן ארבייטער רינג! „וואס צום טייפל ווילט איר, אידן?" — מאכט ער צו מיר מיט רציחה אין זיין פּנים, — „אייך איז גוט, איר מאכט געלד, טא וואס צום טייפל ווילט איר נאך איבערקערן אונזערע הייליגע אינסטיטוציעס?" נו טאקע, עס איז ניט אויסצוהאלטן! און דא פארגלוסט זיך א פּאר קאלוואַ־ריער דייטשן פון מאנאטוויל און שרייבן אין ניו יארק צום חכם פון דער פרייער סינאגאגע, צי ער וועט קומען האלטן א דרשה אין מאנאטוויל. ער איז ניט קיין נאר און דעפּעשירט, אז אויב מען וועט אים גאראנטירן 5000 דאלער פאר דער אמעריקען דזשו־איש רעליף, וועט ער קומען. מיר האבן נאטירלאך געוואלט וויזן,

אז מיר, מאָנאַטווילער אידן, זיינען ניט אַבי ווער און דאָס האָט מיר געקאָסט 500 דאָלער.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : און וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט געהאַט זיין רעדע אויף די מאָנאַטווילער אידן ?

י אַ נ ק אָ ו ו ס ק י : די בעסטע. אַלע זיינען געווען באַגייסטערט. ער האָט אָנגעפילט אונזערע הערצער מיט שטאָלץ. נאָך קיינמאָל האָב איך ניט געפילט אַזוי שטאָלץ מיט דעם, וואָס איך בין אַ איד.

ש אַ צ מ אַ ן : דאַן האָט איר אויך געטראַכט וועגן בייטן דעם נאָמען ?

י אַ נ ק אָ ו ו ס ק י : ניין, אַ ניין ! ווען מיר וואָלטן האָבן אין מאָנטאַוויל אַזאַ חכם ווי ער, וואָלט איך גאָר קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן דעם. איך וואָלט זיך עפּעס געפילט שטאַרקער, זיכערער אונטער זיין איינפלוס. אַבער איין זאַך פאַרשטיי איך ניט, וואָס אַזאַ חכם ווי ער זאָל זיין אַ ציוניסט. מען זאָגט, ער איז אַ ציוניסט.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : וואָס זשע, ציוניזם געפעלט אייך ניט ?

י אַ נ ק אָ ו ו ס ק י : ניין, עס געפעלט מיר שוין גאָר. וואָס וואָלט דען געווען שלעכט, ווען אידן האָבן אַן אייגן לאַנד ? מיר דאָ אַלע וואָלט זיך געפילט עפּעס זיכערער. אָבער פאָרן אַהין — ווער וועט צושטעלן די מאָנאַטווילער ג ר ו י ס ע „באַרגנס" און גרויסע „קאָנטריביושאָנס" (עס קומט אַריין האָרענשטיין).

ה אָ ר ע נ ש ט י י ן : מיסטער סילווערמאַן, דער טשערמאַן האָט שטרענג פאַרזאָגט די אָפּרייטאָרס ניט צו נעמען מוסטער נומער 345 אין דער אַרבעט, ווייל עס איז ניט געסעטלט.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : זאָג דעם טשערמאַן נאָך אַמאָל, אַז

אינמיטן וואָך האָב איך קיין צײַט ניט צו סעטלען קיין פּרייזן. מיר וועלן דאָס אָפּלייגן אויף שבת נאָך דער אַרבעט.

האַרענשטיין: אַל־רײַט, הלוואי זאָל ער אײַנשטי־מען.

יאַנקאָווסקי: אהאַ, דער טשערמאַן! זיי האָבן דאָס היינט בעסער ווי אַמאָל.

סילווערמאַן: יאָ, היינט איז אַביסל בעסער. עס איז מער אָדער ווייניקער אָרגאַניזירט פון ביידע צדדים און מען פאַרהאַנדלט מער געלאַסן און אינטעליגענט. מיר האָבן געמאַכט אַ היבש ביסל פּראָגרעס זייט יענע צײַטן.

יאַנקאָווסקי: און איר שיינט צו זיין גאַנץ צו־פרידן מיט דער פּראָצעדורע צו פערהאַנדלען מיט די אַרבעטער.

סילווערמאַן: וואָרום דען ניט? אַמאָליגע יאָרן איז געווען אַ פאָלשטענדיגער כאַאָס אין דער נאָדל אינדוסטריע. וויפיל מען האָט ניט געשפּאַרט און געקאַרגט און עקאָנאָמיזירט, איז מען אַלץ ניט געווען זיכער, צי דער קאָנקורענט וועט ניט פאַר־קויפן נאָך ביליקער. היינט איז נאָך אויך דאָ אַ היבש ביסל כאַאָס, אָבער ווייניגסטנס איז דאָ אַ ווילן, אַ שטרעבן פון ביידע צדדים דעם כאַאָס איינצוצאַמען, גיין אין אַ געוויסער ריכטונג.

יאַנקאָווסקי: מעגלאָך ביי אייך. איר האָט דאָ צו טאָן מיט מענטשן, אפילו אַרבייטער, אָבער דאָך מענטשן. אָבער מיר, מיר האָבן צו טאָן מיט ווייבער און ווייבער לויפן נאָך נאָך צוויי זאַכן, — נאָך ליבע און נאָך באַרגנס. דערפאַר בין איך היינט אַזוי פאַראינטערעסירט צו קריגן אַ באַרגנדל. וואו ליגט ערגעץ דיוויזשאָן סטריט?

לעוויצקי: (דער טשערמאַן פון שאַפּ, אַ הויכער, שוין־גער־שטאַלטיגער מאַן פון אַ יאָר 30, אַ שיינער קאָפּ האָר, אויסדרוקספאָלע אויגן, מיט אַ שטעלע פון זיכערקייט אין זיין גאַנצן וועזן, קומט אַריין

פון דער רעכטער זייט טיר, בלייבט שטיין מיט איין פוס פון יענער זייט טיר און מיט דעם קאָפּ אין „שאָו רום“, רעט אַרויס הויך, אַ ביסל אויפגערעגט) מיסטער סילווערמאַן, איר וועט ענטשולדיגן, מיר קענען ניט נעמען מוסטער 345 אין דער ארבעט, ווייל עס איז ניט געסעטלט און צו נעמען ניט קיין געסעטלטע ארבעט איז קעגן איינעם פון די פּונקטן פון פּראָטאָקאָל.

סילווערמאַן: (גייט צו האַסטיג צו לעוויצקין) מיר האָבן געקאָנט געווען סעטלען די פּרייזן לעצטן שבת, האָט איר זיך איינגעשפּאַרט און אין מיטן וואָך האָב איך קיין צייט ניט, סיידן אויב איר ווילט נאָך דער ארבעט.

לעוויצקי: (נאָכדענקענדיק) נאָך דער ארבעט, ניין! פּילע אַפּרייטאָרס זיינען ארויסגעפאַלן פון דער ארבעט און קיין אנדער געשניטענע ארבעט איז ניטאָ. די ארבעטער וועלן דאַרפן פארלירן אַ האַלבן טאָג ארבעט צוליב אַ קלייניקייט.

סילווערמאַן: אַ קלייניקייט! אַ קוואָדער מער אויף אַ גאַרמענט איז אַ קלייניקייט? גייט, מיסטער טשערמאַן, און באַראַט זיך מיט דער קאָמיטע, און נעמט אריין דעם גאַר־מענט אין דער ארבעט, אָדער וואַרט ביז נאָך די געשעפטס־שטונדן. און זייט ניט אַזוי איינגעשפּאַרט, וועלן מיר דאָס סעטלען איינס־צוויי־דריי. (ער גיט אַ קנאַק מיט די פינגער. לעוויצקי אָפּ. יאַנ־קאָווסקי מאַכט זיך פארטיג אַוועקצוגיין. מיס סמיילי צוהענגט די מוסטערן אויף די פּלעצער).

שאַצמאַן: איצט, מיסטער סילווערמאַן, גיי איך ארונטער כאַפּן אַ ביים.

סילווערמאַן: גוט. איך וועל גיין, ווען איר וועט ארויפקומען.

(יאַנקאָווסקי רייכט די האַנט סילווערמאַן און שאַצמאַן. סיל־ווערמאַן באַגלייט אים ביז דער טיר. שאַצמאַן, וועלכער האָט זיך דער־

ווייל אַנגעטאָן, נאָך זיי. עס שטעלט זיך אָפּ אַן עלעוויטאָר, פון וועלכן עס שטייגט אַרויס בערטאַ סילווערמאַן. זייער איינפאַך אָבער געשמאַק־פול געקליידעט.)

סילווערמאַן: (איבעראַשט) אַ, אַ גאַסט! וואָס אַ ליבער טאָג קאָן ברענגען! (עס הערט זיך אַ „גוד ביי" פון יאַנ־קאָווסקין און סילווערמאַן פירט בערטאַ'ן מיט גרויס צערטליכקייט אַריין אין „שאָו־רום". זי באַגריסט זיך מיט מיס בלומענטאַל און מיס סמיילי) וואָס פאַר אַ נייעס ברענגט די ליבע זון?

בערטאַ: (מיט אַ שטראַלנדן פּנים פון גליק) אַן עקסטראַ מיטינג פון דער עקזעקוטיווע פון די פריינד פון רוסישער פרייהייט אין דעלמאָניקאָס —

סילווערמאַן: אַהאַ.

בערטאַ: צו באַשטימען אַ טאָג צו פייערן דעם יום טוב פון דער רוסישער, פון אונזער רעוואָלוציע. זיך ענדליך דער־לעבט, יאַקאָב, עה, און עס איז אַזוי שיין. (לאַכט פריילאַך, נעמט זיינע הענט אין אירע און דריקט זיי צערטלאַך.)

סילווערמאַן: (קוקנדיק איר אין די אויגן) עס איז שיין און גוט, בערטאַ. עס זאָל זיך נאָר ניט איבער'חזר'ן דאָס זעלבע ווי אין 1905. אייפערזוכט און קנאה צווישן די פּאַרטייען זאָלן ניט באַגראָבן די רעוואָלוציע.

בערטאַ: גלויב ניט, גלויב ניט אין דעם, יאַקאָב. היינט איז די רעוואָלוציע געמאַכט געוואָרן פון פאָלק גופא. און דו ווייסט דאָך ווי גוט און פריינדליך און ארבייטזאַם דאָס גרויסע, ברייטע רוסישע פאָלק איז.

סילווערמאַן: יאָ, יאָ, איך ווייס.

קונסטמאַן: (דער דעזיינער, אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, אַן אויסגעטריקנטער, מיט לאַנגע פינגער, גרויסן קאָפּ, הויכן שטערן,

און פאַר׳חלומ׳טע אויגן, עטוואָס איינגעבויגן, מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלז, טראָגט אַריין אַ נאָר וואָס אויסגעפּרעסטן „דזשעקעט״ פון זאַמד קאָליר, מיט עמבראָידערי אַרום די קעשענעס און קאָלנער, טוט עס אָן אויף מיס סמיילי) אָט איז דער מוסטער, מיסטער סילווערמאַן, און עס פּאַסט וואונדערבאַר. די „פּעטערנס״ שטעלן זיך אַריין אויסגעצייכנט און מיר קאָנען איינשפּאָרן דריי אַכטל יאַרד וואָרע לויט דער ערשטער רעכנונג.

סילווערמאַן: (באַטראַכט עס) איר זעט, איך האָב אייך געזאָגט, אַז די עמבראָידערי, וואָס מיר האָבן דאָ אַרויפגעלייגט, דאַרף אונז איינשפּאָרן אין דער וואָרע. מיר קענען מער ווי $16.50 פאַר דעם „סוט״ ניט קריגן. דריי אַכטל יאַרד וואָרע איז 75 סענט און נאָך 75 סענט וואָלט עס געמאַכט אונמעגלאַך דעם גאַרמענט צו פאַרקויפן אין גרויסע צאָלן. אַזוי איז עפּעס אַנדערש! עס וועט זיין אַ גוטער „סעלער״ פאַר 25 דאָלער. גאַנץ גוט, מיסטער קונסטמאַן. (גיט אים אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע. ווענדעט זיך צו מיס בלומענטאַל) מיס בלומענטאַל, קאָפּירט דעם דאַזינן סוט, גיט אים אַ נומער און מאַכט אויס אָרדערס פאַר 100 סוטס אין סטאַק. (צו קונסטמאַן) סייזעס?

קונסטמאַן: מער זעקס־און־דרייסיקער. איך רעכן פופציק זעקס־און־דרייסיקער, צען זעכצענער, דרייסיק אַכטצענער, און 10 פערציקער.

בערטאַ: (גייט צו און באַטראַכט דעם סוט אויף מיס סמיילי און באַמערקט) זייער פיין, עלעגאַנט!

סילווערמאַן: גוט, מיס בלומענטאַל, שרייבט אויס אַזוי: 10, 30, 50, 10. (קונסטמאַן אָפּ).

בערטאַ: יאַקאָב, מיר גייען היינט אָוונט אין דער אָפּערא צו „יעוגעני אָניעגין״ און סעם איז איינגעשפּאַרט און וויל נאָר אַריינטרעטן אין דעם טעאָלאָגישן סעמינאַר. און אָט איז אַ צו־

דרייטער בריף פון נעד'ן. ער רעט עפּעס פון דעמאָקראַטיע און דעם נביא פון דעם ווייסן הויז. איך האָב שטאַרק מורא ער זאָל ניט וואָלונטירן.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: (לויפט גלייך צו צו בערטאַ'ן און נעמט לייענען דעם בריף) ניין, ניין, זיינע הענט וועלן ניט פאַרגיסן קיין בלוט. (לויפט אַריין אין אָפיס) מיס בלומענטאַל, שיקט גלייך אָפּ די פאָלגנדע טעלעגראַמע דורך וועסטערן טעלעגראַף. (מיס בלומענטאַל נעמט אַ בלייפעדער, פאַרטיג צו קאָפּירן די טעלעגראַמע, סילווערמאַן דיקטירט) „נעד סילווערמאַן, קעמברידזש, מאַס. דער נביא פון'ם ווייסן הויז וועט ניט אַריינגעבן אַנדערע הערצער, וועט ניט אַרויפזעצן אַנדערע קעפּ אויף די מענטשן. געדענק די מאָראַלישע גלייכע ווערט פון וויליאַם דזשיימס. פאָטער". (קומט אַריין פון קאָנטאָר אין „שאָו־רום" צו בערטאַ'ן) נאַ, דאָס וועט אים אַ ביסל אָפּקילן. ווי פראַזן קאָנען דאָס פאַרדרייען אַ קאָפּ. ז י י ן קלאָרן קאָפּ.

ב ע ר ט אַ: נו, יאַקאָב, זיינען מ י ר געווען בעסער?

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: מיר זיינען געווען די נאָכלויפער פון אַ פאָלק פון גימנאַזיסטן און ג ע מ י י נ ט, אַז מיט אונזער גוטן ווילן קאָנען מיר צאַמען די ליידנשאַפטן פון די מאַסן. ער ווייסט בעסער. (עס קומט אַריין האָרענשטיין).

ה אָ ר ע נ ש ט י י ן: מיסטער סילווערמאַן, שיקן די אָרדערס מיט עקספּרעס אָדער מיט פּאַרסל פּאָסט?

ס י ל ו ע ר מ אַ ן: (קוקט אויף די אָרדערס) פּאַרסל פּאָסט. (האָרנשטיין אָפּ. עס ווערט שטיל. די מאַשינען הערן זיך ניט מער, נאָר שטימען פון מענטשן מיט דינע, דיקע און קוויטשעדיקע קולות).

ה אָ ר ע נ ש ט י י ן: (זיין קול העכער פון אַלעמענס) איר האָט ניט קיין רעכט! איר צאָלט ניט פאַר דער „פּאַוער"! (לויפט אַריין אין שאָו־רום, בלייך און אויפגערעגט) זיי, זיי האָבן געמאַכט

א „סטאַפּעדזש“. מיסטער סילווערמאַן! זיי האָבן געמאַכט א „סטאַפּעדזש“!

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (ערשטוינט) ווער האָט געמאַכט א „סטאַפּעדזש“? ווער האָט אָפּגעשטעלט די פּאַוער?!

ה אָ ר ע נ ש ט י י ן : (הויך אויף דעם קול) ער, לעוויצקי, דער טשערמאַן, צוגעגאַנגען און געסטאָפּט די פּאַוער, געסטאָפּט די פּאַוער!

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (שטאַרק אויפגערעגט, ציטערנדיג מיט אַלע זיינע גלידער מיט איינגעקרעמפּטע, אויפגעהויבענע הענט לאָזט ער זיך האַסטיג צו דער טיר, רעכטס, וואָס פירט אין פאַבריק. בערטאַ ווערט שטאַרק אויפמערקזאַם. עס הערט זיך סילווערמאַנ׳ס קול) וואָס פאַר א טראָבל? ווער האָט געמאַכט דעם „סטאַפּעדזש“?! טשערמאַן! לעוויצקי! מיט וואָס פאַר א רעכט! שוין זאָלן די מאַטאָרן ווידער לויפן!!! טשערמאַן, איר זיינט אַן אומפאַראַנטוואָרטלאַכע בריאה! א שענדער פון אייער יוניאָן! א צוברעכער פון דעם פּראָטאָקאָל! איך רוף אייך צו פאַראַנטוואָרטליכקייט! (לויפט אַריין צוריק אין „שאָו רום“. אָטעמט שווער. עס הערט זיך ווידער אַ רויש פון די מאַשינען, נאָר אַ ביסל שוואַכער). א „סטאַפּעדזש“.. א „סטאַפּעדזש“ איז קעגן פּראָטאָקאָל! מיס בלומענטאַל, רופט אָפּ (פּויזע) די קאָמיטע אהער, די קאָמיטע!

(שטימען הערן זיך: לעוויצקי! לעוויצקי! טשערמאַן! ער רופט! ער רופט שוין! בערטאַ בלייבט שטיין אין דעם געטומל בלאַס און פאַרשטיינערט, מיט צושראָקענע אויגן, ניט וויסנדיג וואָס צו טאָן. די פיס ציטערן ביי איר. מיס סמיולי באַמערקט עס, לויפט צו צו איר און גיט איר אַ שטול)

מ י ס ב ל ו מ ע נ ט אַ ל : אָפּרופן וועמען?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (סאָפּענדיג) רופט אָפּ! רופט אָפּ! (אַ ביסעלע רואיגער) „נעווער מיינד“, איך וועל עס שוין אַליין אויסקעמפן!

(די קאָמיטע קומט אַריין. לעוויצקי בלאַס און אויפגערעגט, די מוסקולן אויף זיין פּנים באַוועגן זיך, די הענט און די פיס ציטערן ביי אים. פאַלקמאַן, אַ מענטש פון אַ יאָר 43, אַן אויסגעדאַרט איינ־געקאָרטשעט מענטשל מיט אַן ערלאַך פּנים. ווינטענפעלד, אַ מאַן פון אַ יאָר 48, אַ הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַן אַרויסגעשטעלטער ברוסט, אַ גאָלדן קייט און זייגער עזות'דיג צולייגט איןביידע אויבער־שטע קעשענעס פון זיין קאַמזויל, אַ גאָלדענער רינג אויף אַ פינגער, מיט גרויע אַרומלויפנדע אויגן).

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : (נאָך אַלץ אויפגערעגט, צו לעוויצקי'ן מיט אַ פינגער טייַטלענדיג אויף אים מיט דראָהונג) מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר „געסטאַפּט" די „פּאַוער" ? !

ל ע װ י צ ק י : (נאָך אַלץ ציטערנדיג, אָבער מיט אַ פעסטן קול) ווייל, ווייל איר האָט אונז געצוואונגען צו ברעכן איינעם פון די פונקטן פון דעם פּראָטאָקאָל.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : איז, הייסט עס, איך האָב אייך גע־צוואונגען צו צוברעכן איינעם, און איר האָט צובראָכן אַלע.

ל ע װ י צ ק י : זאָלט איר מיר ענטשולדיקן, ניט אַלע, נאָר איינער.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : מיט וואָס פאַר אַ רעכט ? !

ל ע װ י צ ק י : מיט דעם רעכט פון צוואַנג. ווען מענטשן פאַרהאַנדלען געוויסע זאַכן און קענען זיך ניט איינִיקן איבער געוויסע פונקטן, און אויב זיי קאָנען זיך ניט צוגיין אין פאַר־שידענע וועגן און זיך פילן פריי אין זייער שטרעבן לויט זייערע געשטעלטע צילן, איז דער לעצטער און איינציגער אויסוועג — קאַמף ! צוואַנג !

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : און איר דענקט אַז איר קענט מיך צווינגען זיך אונטערצוגעבן ? קאַמף ! צוואַנג ! זיינען ניטאָ קיין שענערע, בעסערע מיטלען צו קומען צו אַ פאַרשטענדיגונג ?

לעוויצקי: ניטאָ.

סילווערמאַן: איר זיינט אַן איגנאָראַמוס!

לעוויצקי: עס פאַרשטייט זיך אַן איגנאָראַמוס, ווייל מיר באַשטייען אויף אונזער רעכט. מיר וואָלטן געדאַרפט צו־קומען צו אייך מיט איינגעבויגענע רוקנס און קושן אייך די הענט, אייך דאַנקען פאַר דער טובה, וואָס איר גיט אונז אַרבעט — אַ שטיקל ברויט אָפּצועסן. (העכער) און ווען מיר קומען צו אייך מיט אַן אַרויסגעשטעלטער ברוסט און פאָדערן אונזער רעכט, זיינען מיר אומוויסנד! ניין, איר דאַרפט ניט קיין מענער. איר דאַרפט שקלאַפן, אָדער איר ווייסט גאָר ניט וואָס איר דאַרפט.

סילווערמאַן: און איר ווייסט ניט וואָס איר ווילט! ווי אַזוי עפּעס צו קריגן אינטעליגענט און עס זאָל האָבן אַ קיום.

לעוויצקי: מיר וועלן זיך צו אייך ניט גיין לערנען!

סילווערמאַן: דאָס איז אייער גרעסטע נאַרישקייט! אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן צום „סטאַפּעדזש"?

לעוויצקי: עס האָט טאַקע גאָרניט צו טאָן, נאָר אַז איר האָט אונז געוואָלט צווינגען, האָבן מיר זיך פאַרטיידיגט.

סילווערמאַן: איך, צווינגען?! ניט אמת! איך האָב אייך פאָרגעלייגט דעם פּרייז, וואָס עס איז מעגלאַך צו צאָלן. איך קום אין טעגלעך באַרירונג מיט די אַמבאַסאַדאָרן פון פאָלק פון הונדערטער שטעט און שטעטלאַך איבער אַמעריקאַ. איך ווייס וואָס דאָס פאָלק קאָן צאָלן פאַר אַ גאַרמענט און איך מוז האַנדלען אין אַנקלאַנג מיט דעם פאָלקס מעגלאַכקייט זיך איינצושאַפן קליידער. נעמט איר דאָס אין אַנבאַטראַכט, מיסטער טשערמאַן? (פּויזע) וואו איז דער צעטל פון לעצטן שבת?

לעוויצקי: (נעמט אַרויס פון קעשענע אַ באַשריבענעם בויגן פּאַפּיר און דערלאַנגט עס סילווערמאַנ׳ען) אָט איז עס!

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (לויפט מיט די אויגן איבער דעם פּאַפּיר) אַלזאָ, די דאָזיקע נומערן ווילט איר ניט סעטלען. גייען זיי צום קאָנטראַקטאָר. נומערן 568, 569, 577 גיב איך אייך נאָך צו קוואָדער, אָבער נומער 345 בלייבט ווי געווען. איך קען אייך מער קיין סענט ניט געבן. (ער נעמט די „קייפּ" און ווייזט דער קאָמיטע) וואָס איז דאָ וואָס צו נייען מער ווי אַ פּאָר „סיעמס" און די „טרימינג" אָפּגעפּאָרן אויף דער מאַשין? לעצטן יאָר האָט איר פאַר אַן ענלאַכן גאַרמענט געקראָגן אַ דאָלער, היינטיגס יאָר גיב איך אייך $1.25. 25 פּראָצענט אַ הוספה, טאָ וואָרום האָט איר געשטעלט $1.50?

ל ע ו ו י צ ק י : מיר האָבן געשטעלט $1.50 ווייל היינט איז 1917, אַ ניי יאָר. לעבנס־מיטל ווערט טייערער און איבער־הויפּט, ווען גאָט האָט געהאָלפן „פּראָספּעריטי", וואָרום זאָלן מיר אויך ניט געניסן דערפון?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (ערנסט און פעסט) איר קאָנט אייך ריידן פּראָספּעריטי פון היינט ביז איבער אַ יאָר. איך קען אייך מער ווי 1.25 ניט געבן. דאָס איז מיין „לידינג" אַרטיקל. איך מוז זיין זייער „קלאָוז אין פיגורס" און אויב איר ווילט ניט, וועל איך דאָס אויך אָוועקגעבן צו מיינע קאָנטראַקטאָרס.

ל ע ו ו י צ ק י : סטראַשעט ניט די געגנז, מיסטער סיל־ווערמאַן! מיר וועלן ניט דערלאָזן איר זאָלט אַרויסגעבן די גאַנצע אַרבעט פון שאָפּ! (געשרייען הינטער דער טיר, עס הערן זיך שטימען: ניין, ניין, מיר וועלן ניט דערלאָזן, ניט דערלאָזן!)

פ א ל ק מ א ן : (האַלב דערשראָקן, שטאַרק מאַכנדיג מיט די הענט) מיסטער סילווערמאַן, וואָס האָט איר זיך עפּעס היינטיגס יאָר איינגעשפּאַרט מער ווי אַלע יאָר. אין גאַנצן גייט דאָך דאָ אין איין קוואָדער. האָט דען אַ קוואָדער ביי אייך אַזאַ גרויסן באַטרעף?

סילווערמאן: עס איז ניט קיין קוואָדער, מיסטער פאָלקמאן, עס איז 31 און א פערטל סענט.

פאָלקמאן: (בלייבט שטיין איבערקלערנדיג, מאַכט מיט די ליפּן אזוי ווי ער וואָלט עפּעס ציילן) ווי, ווי האָט איר בארעכנט איין און דרייסיג און א פערטל סענט ? א קוואָדער און א קוואָדער איז דאָך פופציג סענט. איר גיט דאָך א דאָלער פינף און צוואַנציק, מיר ווילן א דאלער פופציק, ווי האָט איר בארעכנט ?

סילווערמאן: דאָס איז א קלאָוקמייקערישער חשבון. ווען איר ווילט א קוואָדער מער, מוז איך גלייך צורעכענען זעקס און א פערטל סענט, און ווען איר ווילט פופציג סענט, מוז איך גלייך צורעכענען צוועלף און א האלב סענט. דאָס איז א קלאָוקמייקעריש־וויסנשאפטליך בארעכנט.

פאָלקמאן: (נאַאיוו) איך, איך וויס, איך בין אויך א קלאָוקמייקער, איך קאָן אויך רעכענען און ביי מיר קומט אויס א קוואָדער — א קוואָדער, און א קוואָדער מיט א קוואָדער — א האלבן־דאָלער... איך פאַרשטיי ניט אייערע חשבונות... אָבער וואָס הייסט איר וועט אַרויסגעבן די גאַנצע ארבעט צו די קאָנ־טראַקטאָרס ? וואָס זשע, מיר דאַרפן גאָרניט לעבן ?

ווינטפעלד: (צו פאָלקמאַנען) שרעקט אייך ניט, מיס־טער פאָלקמאן, דאָס מאַכט ער נאָר אַזאַ זויער פּנים. עס איז מער ניט ווי אַן אָנשטעל.

פאָלקמאן: (צו סילווערמאַנ׳ען) איר דאַרפט ניט זיין אזוי אין כעס, מיסטער סילווערמאן. גיט דעם קוואָדער און זאָלן מיר זיך זעצן צו דער ארבעט. עס וועט זיך שוין דאַרטן ביי אייך אויספרעסן קלאָוקמייקעריש, וויסנשאפטליך. עס וועט זיך שוין דאַרט ביי אייך אויספּרעסן. (ווי צו זיך) ווען עס וואָלט אָבער געווען וואָכנ־ארבעט, וואָלטן מיר דאָך פאַרשפּאַרט די גאַנ־צע קריגעריי.

דער אַפּרייטאָר מיט די שלייקעס: (אַ מאַן פון אַ יאָר 40, אַ נידריגער און גראָבער מיט אַ פינסטערן פּנים, איינגעראַמט אין אַ בערדל. ער טראָגט אַ „סליפּ־אָווער", די הויזן לאַנג און פאַרדרייט מיט אַ „בעלט" און שלייקעס, וועלכע הענגען אַרונטער, און ער האַלט זיי אין ביידע הענט. ער שטייט פון יענער זייט טיר רעכטס, אָבער אַלע ווײַלע עפנט ער איר, שטעקט אַריין דעם קאָפּ און מאַכט אַלערליי זשעסטן) יאָ, יאָ, וואָכן־אַרבעט! אַ „סטעדי" דזשאַב!

סילווערמאַן: יאָ, וואָכן־אַרבעט, מיסטער פּאָלקמאַן, אָבער מיט צוויי באַדינגונגען: ערשטנס זאָל איבעראַל, אין אַלע צענטערס פון דער קלאָוק־אינדוסטריע הערשן וואָך־אַרבעט, צווייטענס, זאָלט איר געבן אַן אָרנטלאַכן טאָג אַרבעט!

דער אַפּרייטאָר מיט די שלייקעס: (רייסט זיך אַריין אין שאָו רום) יאָ, יאָ, באַלעבאָס, אַרבעטן מיט חשק, מיט אַלע אברים, מיט דעם גאַנצן כח, אבי אַ „סטעדי" דזשאַב. 25 דאָלער אַ וואָך, אַבי, אַבי סטעדי!

לעוויצקי: (שאַרף צו דעם אַפּרייטאָר מיט די שלייקעס) מען פרעגט אייך ניט, שקלאַף איינער! (דער אַפּרייטאָר מיט די שלייקעס כאַפּט זיך צוריק אַרויס).

סילווערמאַן: (דענקט נאָך) ניין, איך קאָן אייך ניט נאָכגעבן. איך באַשטיי אויף מיין רעכט — אויף מיין רעכט צו באַשיצן די, פאַר וועלכע מיר אינזשינירן קלאָוקס.

לעוויצקי: (שמייכלט סאַרקאַסטיש, חזר'ט איבער) „דאָס רעכט צו באַשיצן די, פאַר וועלכע מיר אינזשינירן קלאָוקס" (העכער) און גאָרניט באַשיצנדיג די, וועלכע מאַכן די קלאָוקס? מיר זיינען דאָך אַ פינפטע ראָד צום וואָגן, ניין אפשר, מיסטער סילווערמאַן?

סילווערמאַן: ניין, איר זייט ניט קיין פינפטע ראָד צום וואָגן, נאָר איינע פון די רעדער!

לעוויצקי: מיר זיינען אלע רעדער. אז מיר ווילן בלייבן אלע רעדער שטיין!

סילווערמאן: זיינען גארנישט דא קיין עקאנאמישע געזעצן, וועלכע מיר מוזן פאלגן?

לעוויצקי: און מוזן מיר זיך אונטערווארפן אונטער אייערע עקאנאמישע געזעצן און שטארבן?

סילווערמאן: עס איז ניט מיינע געזעצן, עס זיינען די געזעצן, וועלכע איר מיט אייער אומוויסנהייט העלפט שאפן און אויפהאלטן. ווי וואלט איר געהאנדלט, ווען איר זיינט באלעבאס?

לעוויצקי: מוחל, מוחל! איך בין ניט קיין באלע־באס און וויל ניט זיין קיין באלעבאס! מיר ווייסן אבער איין זאך: אז מיר ווען קלאפן דא, וועט מען קלאפן דארט, ביז מען וועט דערקלאפן, אז מען וועט מער ניט דארפן קלאפן איבער אזא נישטיגע זאך ווי געלט.

סילווערמאן: איך ווייס. איר ווילט ניט זיין, איר לאזט אונז טראגן די גאנצע פאראנטווארטליכקייט פאר דעם פאלק. ווען מען וואלט עס לאזן צו אייך, וואלט דאס פאלק געדארפט צאלן א רענדל א שטאך, א מאיאנטעק פאר א גארמענט.

לעוויצקי: (חזר'ט איבער) „א רענדל א שטאך א מא־יאנטעק פאר א גארמענט" . . . ווער דארף איבערהויפט האבן געצאלט? געלט, וועקסלען, קאמערציע און די גאנצע קלאפער־געצייג פון דעם קאפיטאליסטישן סיסטעם! שאפט אפ אט די אלע אומנויטיגע זאכן און מענטשן וועלן לעבן, ארבעטן און אויס־טוישן זייערע פראדוקטן דורך איינפערשטיין זיך און אויס ליבע און וועלן לעבן אין פרידן, ברידערליך און גליקליך!

סילווערמאן: (שרעקליך אויפגערעגט, אויפהויבנדיג

ביידע הענט, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן לעוויצקי'ן צו שלאָגן. בער־טאַ גיט זיך אַ הויב פון שטול און לאָזט אַרויס אַ פאַרצווייפלטן געשריי) טע, ט־ט־ט־ט־ש־ש־ש . . . שאַפּט אָפּ ! שאַפּט אָפּ ! אָט די זאַכן איינס־צוויי־דריי, שאַפּט אָפּ ! אַ, אַ, אַ, ! (ער ברעכט מיט די הענט) א י ז ד י װ ו ע ל ט ג ע מ א כ ט צ ו אָ ר ד ע ר ? ! איז די געזעלשאַפט א ו י ס ג ע ט ר א כ ט פ ו ן ע מ י צ נ ס ק אָ פּ ? ! האָט איר אַ באַגריף פון דער וועלט, אין וועלכער איר לעבט ? (קליינע פויזע) שאַפּט אָפּ ! שאַפּט אָפּ ! גענוג, גענוג, גענוג, גענוג ! (ער גייט אַרום איבער דעם צימער אין ווילדער אויפרעגונג. בערטא שטעלט זיך אין אַ ווינקל, פאַרשטעלט מיט ביידע הענט דאָס פּנים, ציטערנדיג ווי אין קאָנוואולסיעס) א י ר רעט פון איינפערשטיין זיך, פון ליבע, פון פרידן . . . אה, איגנאָראַמוסן ! גענוג, גענוג ! פּפּפּ . . . ווווו. . . (אַרויסבלאָזנדיג פון זיך דעם כעס).

ל ע װ י צ ק י : איר . . .

ס י ל װ ע ר מ א ן : גענוג ! גענוג ! גענוג ! גענוג ! גענוג !

ל ע װ י צ ק י : לאָזט מיר „עקספּליינען" ! אויסריידן !

ס י ל װ ע ר מ א ן : גענוג ! איר, איר זיינט שולדיג ! איר — ליבע, ברידערליכקייט ! ווי, אין דעם שאָפּ, צווישן א י ך, יוניאָן־ברידער, איז פאַראַן גענוג שנאה, קנאה, חניפה, פאַרלשקייט. — קאָן איך אייך נישט ? האָב איך ניט אוועקגעגעבן אַ שטיק פון מיין לעבן — 8 יאָר פון מיין לעבן — צו גרינדן קאָלאָניעס, קאָאָפּעראַטיווע שעפּער, א י י ע ר, א י י ע ר יוניאָן ! קאָן איך אייך נישט ? אה, איגנאָראַמוסן !

ל ע װ י צ ק י : די גאַנצע חכמה איז ביי אייך, די גאַנצע בילדונג, די גאַנצע מאַכט — און דאָך וואָס פאַר אַ שיינע וועלט מיר האָבן !

ס י ל װ ע ר מ א ן : (שלאָגט אים איבער) גענוג, גענוג, גענוג, א י ך װ י י ס א ל ע ס , א ל ע ס !

ל ע װ י צ ק י: איז עס ניט װאונדערבאר איינגעריכטעט, אז — —

ס י ל װ ע ר מ א ן: איר, איר, איר — — — איר װייסט ניט פון אייערע הענט און פיס!

ל ע װ י צ ק י: װי לאנג װעט דער סעזאן אנהאלטן, צװיי װאכן, אדער 6 װאכן?

ס י ל װ ע ר מ א ן: מיר האבן ניט קיין קאנטראל װי לאנג דער סעזאן װעט אנהאלטן. אבער איך גיב אייך גענוג פאר דעם גארמענט, לויט דעם פרייז, װאס איך קאן פאר אים קריגן און לויט דעם איינקונפט, װאס דער פארמער, מיינער און װעג־ארבעטער קאן פאר אים באצאלן. און איך װייס, אז מיט דעם פרייז פון א דאלער מיט פינף און צװאנציק סענט קאנט איר מאכן א גוטן טאג שכירות.

ל ע װ י צ ק י: א טאג װיידזשעס איינמאל אין פורים, אדער א טאג װיידזשעס דורכשניטליך דעם יאר?

ס י ל װ ע ר מ א ן: רעכנט װי איר װילט. מיר זיינען ניט די בעלי־בתים פון לעבן, מיר האבן ניט ארונטערגעבראכט דעם סיסטעם פון בארג סיני. מיר זיינען געבוירן אין אים און מוזן האנדלען לויט זיינע אינערליכע געזעצן, אויב מיר װילן ניט צו־מאלן װערן אין שטויב.

ל ע װ י צ ק י: און מיר װילן אויך ניט צומאלן װערן אין שטויב. זיינען מיר ניט בארעכטיגט צו א פרייען און זיכערן לעבן פאר אונזער ארבעט?

ס י ל װ ע ר מ א ן: איהר זיינט בארעכטיגט, אבער מיר קאנען ניט געבן קיין גאראנטיעס. װער גאראנטירט אונז דען? מיר זיינען פרייע מענטשן און דארפן זיך איינפארשטיין אויפ'ן באדן פון פרייהייט און געװיסן. (פויזע) איר װילט נאך א קװאר־דער? איך האב צו אייך ניט, אבער איר זעט דאך בלויז ז י ך,

א י י ע ר שטאנדפונקט. און וואס איז מכח די מיליאנען פאר־מערס, מיינערס, וועג־ארבעטער, שכרות נעמער, וועמעס איינ־קונפט איז באשטימט און קאנען צאלן פאר א גארמענט א ז ו י פ י ל און ניט מער ? דער קוואדער וועט זיך פארדאבלען, ער מוז זיך פארדאבלען, אויב ניט פארדרייפאכן, ביז ער וועט אנקו־מען צום קאנסומער. דענקט איר ניט, אז 50 אדער 75 סענט איז א מטבע ביי א פארמער, וועמעס איינקונפט איז 3—4 הונדערט דאלער א יאר, אדער וועג־ארבעטער, וועמעס שכרות איז 50—60 דאלער א מאנאט, אדער מיינערס, וואס ארבעטן 170 טעג א יאר, אדער די ארבעטער פון אונזערע „באזיק" אינדוסטריען, וואס ארבעטן 12 שטונדן א טאג און קריגן נאך אלץ 22 סענט א שטונ־דע ?

ל ע ו ו י צ ק י : מיר ווילן דערפון ניט וויסן ! פאר זיי, פאר זיי דאס גליק, פאר די זין און טעכטער פון די „פילגרימס פאטערס", פאר די „פרייע" און „בראווע !"

ו ו י נ ט פ ע ל ד : זאלן זיי סטרייקן, זאלן זיי קעמפן פאר העכערע ווייזשעס !

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : נו, און דער פארמער?

ד ע ר א פ ר י ו ט א ר מ י ט ד י ש ל י י ק ע ס : (רייסט זיך ארוין) זאלן זיי סטרייקן ! זאלן זיי סטרייקן !

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : און אז זיי וועלן סטרייקן, וועט ניט אין גלייכער מאס שטייגן די לעבנסמיטלען ? עס איז דאך אומ־ווסנהייט פארשלייערט אין פראזן !

ל ע ו ו י צ ק י : אבער אייערע אינטערעסן זיינען דאך דער גענגזאץ פון אונזערע !

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : עס איז א ליגן, אן איינגערעדטע אידייע.

ל ע ו ו י צ ק י : נאך א קוואדער איז א פאקט !

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : נאָך אַ קוואָדער אויף דעם חשבון פון וועמען ?

ל ע ו ו י צ ק י : (אומגעדולדיג) מיר ווילן ניט וויסן אויף וועמעס חשבון ! מיר האָבן געסטרייקט, געליטן, געהונגערט און געוואונען און מיר דענקען מיר זיינען בארעכטיגט צו אונזערע פאָדערונגען !

וו י נ ט פ ע ל ד : יאָ, יאָ, מיר דאַרפן אַ סך האָבן. איך דאַרף „איינפיקסן" עדם אָפּים פאַר מיין זון דעם דאָקטאָר און מיין טאָכטער דאַרף נאָך גיין צוויי טוירמס אין האָנטערס קאָלעדזש.

ד ע ר א פּ ר י י ט א ר מ י ט ש ל י י ק ע ס : און מיינע קינדער זיינען קראַנק !

ד ע ר ר ו י ט ע ר א פּ ר י י ט א ר : (וואָס שטייט אין מיר הינטער דעם אַפּרייטאָר מיט די שלייקעס) און איך דאַרף חתונה מאַכן מיין טאָכטער !

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : ווי גרוים איז אייער בעדאַרף ? האָט עס אַ גרעניץ ?

וו י נ ט פ ע ל ד : אונזער ארבעט דאַרף אונז אריינברייגנגען גענוג געלט צו באפרידיקן אַלע אונזערע פאַרלאַנגען.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (קוקנדיג אויף אים שאַרף) קיינמאָל ניט !

וו י נ ט פ ע ל ד : נו, וועלן מיר סטרייקן !

(עס הערן זיך שטימען פון יענער זייט טיר : יאָ, יאָ, מיר וועלן סטרייקן, מיר וועלן סטרייקן ! די קאָמיטע לאָזט זיך לאַנגזאַם ארויס־גיין. בערטאַ לויפט צו צו סילווערמאַנ׳ען, כאַפּט אים אָן פאַר די הענט און מיט טרערן אין די אויגן בעט זי אים ער זאָל נאָכגעבן).

ב ע ר ט א : גיב זיי נאָך, ליבער יאַקאָב ! גיב זיי נאָך !

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : איך קאָן זיי אויף ד ע ר „קייפּ" ניט נאָכגעבן.

ב ע ר ט אַ : גיב זיי נאָך ! אויב ניט איז מיין גיין צום מיטינג פון די פריינט פון רוסישער פרייהייט אַ גרויסער ליגן.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (קוקט אויף איר מיט גרויס צערטליכ־קייט און סימפּאַטיע) ניין, בערטאַ, בערטאַטשקאַ, איך קען ניט. איך ט אָ ר ניט. איך בין ניט נאָר פאַראַנטוואָרטליך צו זיי, נאָר אויך צו ד י , וועלכע טראָגן אונזערע קליידער. מ ע ן קען ניט פאַבריצירן קיין קלאָוקס מיט סענטימענטן.

ב ע ר ט אַ : ניין, ניין, יאַקאָב. מיר האָבן גענוג, מיר האָבן גענוג. טו דאָס פאַר מיר. פאַר מיר, יאַקאָב. און אין נאָמען פון אונזערע יוגנדס אידעאַלן !

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (זייער גערירט) מיר האָבן גענוג, יאָ, מיר האָבן גענוג. טאָ זאָלן מיר צוטיילן אונזער פאַרמעגן, זיך צוריקציען פון געשעפט לאָזן די וועלט צו איר אייגענעם שיקזאַל און זיצן רואיק און וואַרטן אויף דעם טויט ? (פּויזע) בערטאַטש־קאַ, דענקסטו, אַז עס וואָלט געווען איידעלער, שענער, בעסער, מאָ־ראַלישער, ווי צו שטיין אויף דעם פּאָסטן אין דער מיט פון אַ פּראָדוקטיווער ארבעט און קעמפן דעם קאַמף פון גערעכטיקייט ? (פּויזע) עס וואָלט געווען אַ פאַרברעכן זיי נאָכצוגעבן אויף דעם גאַרמענט. עס איז ניט מ י י ן קאָוועדר, עס איז דעם פאָלקס, און מיר שטייען דאָ אַלס שומרים ב אַ ו ו אַ ו ס ט אָדער אומבאַוואוסט פאַר די אינטערעסן פון פאָלק !

ב ע ר ט אַ : און דו גלויבסט טאַקע, אַז דער קוואָדער וועט בלייבן אין דער קעשענע פון פאָלק?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : מיר זיינען דערפאַר ניט פאַראַנט־וואָרטליך. מיר דאַרפן טאָן אונזער טייל ארבעט געוויסנהאַפט און

גלויבן, אַז אויך אונזערע מיטבירגער טוען זייער טייל אָר־בעט געוויסנהאַפט. געוויסנהאַפטיקייט איז דער איינציקער וועג פון דער וועלט!
נאַ, גיי, בערטאַטשקאַ, גיי צום מיטינג פון די פריינט פון רוסישער פרייהייט און דענק ניט, אַז איך בין אַזאַ שלעכטער.

בערטאַ: (כליפּענדיק) איך קאָן ניט!

סילווערמאַן: נו, וועל איך זיי אַריינרופן און פאַר־האַנדל דו מיט זיי. דו האָסט געהערט: די אַרבעט מוז זיי ברענגען גענוג געלד צו באַפרידיקן אַלע זייערע פאַרלאַנגען, אפילו שפּילן „פּויקער“ אויף אַ דאָלער „לימיט“?

בערטאַ: זייערע קינדער זיינען קראַנק.

סילווערמאַן: אַלץ אויף דעם חשבון פון די קלאָוקס, וואָס דאָס אָרימע פאָלק טראָגט אויף זיינע אַקסלען. לאָז עס איבער צו זיי, צו זייערע השגות און די וועלט וועט פּראָגרעסירן מיט ריזן־שריט אויף — צוריק.

בערטאַ: (איינגעשפּאַרט) זיי זיינען דאָס פאָלק: דו דאַרפסט אויף זיך ניט נעמען די ראָלע פון אַ באַשיצער פון די פאַרמערס, מיינערס, און וועג־אַרבעטער. זיי אַרבעטן מיט דיר, העלפן דיר אין דיינע געשעפטן און דו דאַפסט זיי באַשיצן צו־ערשט און זאָלן די, פאַר וועמען די פאַרמערס, מיינערס און וועג־אַרבעטער אַרבעטן, זיי באַשיצן.

סילווערמאַן: ניטאָ אַזאַ זאַך ווי מיינע אַרבעטער און יענעמס אַרבעטער. עס איז דאָ איין פאָלק, איינע אינטערעסן, איין פאַראַנטוואָרטליכקייט, און איין גערעכ־טיגקייט! און מיר דאַרפן טאָן אונזער פליכט. איך שטיי דאָ פאַר דעם פאָלק און פאַר גערעכטיגקייט.

בערטאַ: ניין, ניין, דו ווייסט בעסער. דו ווייסט אויך

וועגן דעם גרויסן ווידערשפרוך צווישן די קלאסן — מיר זיינען רייך געווארן אויף די פּלייצעס פון די קלאַוק ארבעטער און די מ ו ז ט נאָכגעבן. (לויפט צו צו דער טיר רעכטס און רופט) מיס־טער ווארענשטיין! (הארענשטיין ערשיינט). מיסטער סילווערמאן גיט נאך. זאלן זיי זיך זעצן צו דער ארבעט. (א ברייטער שמייכל צו־שפרייט זיך אויף האַרענשטיינ'ס פּנים. ער גייט אריין אין פאבריק און אין א ווילע הערט זיך ווידער דער שטארקער גערויש פון די מאשינען. זי גייט צו צו סילווערמאַנ'ען, וועלכער שטייט טיף פארטראַכט) האב קיין פארדרוס, טייערער יאקאב, מיר טארן היינט ניט פארשוועכן אונ־זער גרויסן יום טוב, דער יום טוב פון דער רוסישער רעוואלוציע.
(דער טעלעפאן קלינגט. מיס בלומענטאל ענטפערט).

מ י ס ב ל ו מ ע נ ט א ל : יא, לוסי? מיסעם סילווער־מאן. (בערטא גייט שנעל אריין אין קאנטאר).

ב ע ר ט א : (אין שרעק) לוסי? וואס איז געשען? נער איז געקומען? (מיט אן אפגענומען קול) האט וואלונטירט? (לאזט אפ די טרייבל און ווערט בלאס. מיט פארצווייפלונג אין איר קול) יאקאב!

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (נאך אלץ פארטיפט אין געדאנקען גיט זיך א דריי אוים מיט זיין פנים פון וואנען דאס קול איז געקומען און הויבט אויף ביידע הענט און זאגט מיט א פארשטיקטן קול, לאנגזאם) ו ו א - ל ו נ ט י ר ט?

ב ע ר ט א : (לויפט אים אנטקעגן, פאלט אריין אין זיינע ארעמס) אה, יאקאב!

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (נעמט איר צערטליך ארום און דריקט איר צו זיך) ו ו א ל ו נ ט י ר ט.

פ א ר ה א נ ג

צוריק צו זיך

דריטער אקט

אַ צימער אין דער פּריוואַט הויז פון די סילווערמאַנס אויף דער וועסט סייד. צווישן פינף און זעקס אַזייגער אין אָוונט. אין צי־מער איז האַלב־דונקל, בערטאַ ליגט אויף אַ סאָפע נים ווייט פון טיש. נעבן איר אַ קליין טישעלע, אויף וועלכן עס שטייען מעדיקאַמענטן. זי טראָגט אַ זיידענעם שלאַפראָק און אויף דעם שטערן אַן אייז־בייטל. זי איז בלאַס און טרויעריק און קוקט זיך אַרום אין ערוואַרטונג. מען זעט אַז אין הויז פעלט די גאַנציטע האַנט פון אַ געזונטער, פלייסיקער באַלעבאָסטע. עס הענגט עפּעס אַ טרויער אין דער לופטן. עס הערט זיך אַ שפּילן אויף דער פּיאַנאָ פון אַ זייטיקן צי־מער. באַלד ווערט שטיל און לוסי ערשיינט און קוקט אויף דעם זייגער, וואָס שטייט רעכטס אין ווינקל אויף אַ טישעלע.

לוסי: טייערע מאמא, מען דאַרף שוין איבערלייגן דעם אייז־בייטל און מעסטן די טעמפּעראַטור. (רופט) מאַדזשי! (מאַדזשי ערשיינט און זי גיט איר איבער דעם אייז־בייטל) נעם דאָס און פיל אָן דעם בייטל מיט אייז, פּליעז!

בערטא: עס איז פינף דרייסיק און ער איז נאָך ניטאָ. איך וואונדער זיך וואָס פאר אַ נייעס פּאַפּאַ וועט ברענגען. אַך, מיי־נע טייערע קינדער! (זיפצט).

לוסי: (טרייסט איר) גוטע נייעס, מאַמעלע. ער איז שוין דאָרטן צוויי וואָכן און מסתמא אויסגערוט. ער וועט זיכער גע־זונט ווערן און קומען אהיים אַ פרישער, אַ געזונטער.

בערטא: (זיפצט) איך וואָלט אים שוין אַזוי וועלן זען!

י ו ס י : נא, מאמעלע, דו וועסט זען, מאקסוועל וועט געזונט ווערן.

ב ע ר ט א : הלואי . . . מיין שיינער גוטער זון.

ל ו ס י : ער איז דאך געווען אזוי געזונד און פריילאך ביי זיין אנקומען און פלוצלינג . . .

(ס'קלינגט. לוסי לויפט אנטקעגן. מאדזשי מאכט ליכטיג אין צימער. בערטא ווערט אויפמערקזאם. סילווערמאן קומט אריין אנגעטאן אין א רייזע-מאנטל, טראגט א קליינעם רייזעטאש אין באגלייטונג פון דר. מייקל קליגער. לוסי באגריסט זיי שטום, העלפט זיך אויסטאן סילווערמאנ'ען און דעם דאקטאר. סילווערמאן איז עטוואס איינגעבויגן, די האר גרויער, איז זייער נידערגעשלאגן, גייט צו צו בערטא'ן, באגריסט איר. דער דאקטאר דאס זעלבע.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (טרויער אין זיין שטים) נו, וואס מאכסטו ? (לייגט ארויף זיין האנט אויף איר שטערן)

ב ע ר ט א : (אומגעדולדיג) וואס מאכט ער? ווי פילט ער ? (אין א נידעריקער שטים) עס איז א קאפ-ווייטאג, עס וועט פאריבערגיין. (העכער) וואס מאכט ער ? ווי פילט ער ? הא ?

(סילווערמאן זעצט זיך מיד אויף א פאטעל הארט נעבן בערטא'ס קאפ. דער דאקטאר אנטקעגן אים. גיט א מאך מיט דער האנט האפנונגסלאז.)

ב ע ר ט א : (זעצט זיך אויף אין הייזעניש) ווי פילט ער ?

וואס מאכט ער ? טייערע יאקאב . . . (וויינט)

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : ששש... וויין ניט, בערטאטשקא. וויין ניט. ער איז געווארן רוהיקער. אבער זייער מעלאנכאליש, גלייכגילטיק צו אלץ און אלעמען.

ב ע ר ט א : (טרערן אין איר שטים) וואס זשע, ער האט

זיך מיט דיר גאָרניט געפריימ ? גאָרניט אינטערעסירט ?

סילווערמאַן: (נעמט איר האַנט און זאָגט מיט גרויס צערטליכקייט) זיי גוט און שטאַרק, בערטא!

בערטא: ער האָט גאָרניט געפרעגט אויף אונז?

סילווערמאַן: (דרייט מיט דעם קאָפּ אויף ניין) זיי שטאַרק, זיי געזונט!

בערטא: (וויינט אין דער שטול, כאַפּט סילווערמאַנ'ס האַנט דריקט איר און גיט אַ געשריי אין פאַרצווייפלונג) אה, יאַקאָב! (וויינט ביטער. פויזע).

לוסי: (זיך טוליענדיג צו סילווערמאַנ'ען) ווי איז ער, פאַפּאַ? ער פילט בעסער? ווען קומט מאַקסוועל אהיים?

סילווערמאַן: (מיידט אויס צו ענטפערן, דריקט לוסין צום האַרצן מיט גרויס צערטליכקייט) וואָס מאַכסטו, לוסי?

לוסי: איך בין גוט, אַ גוט מיידל, האָב דיך ערוואַרטעט מיט דער גרעסטער אומגעדולד, געהאָפט גוטע נייעס צו הערן.

סילווערמאַן: (האַלט איר צוגעדריקט צום האַרצן) נאַ, מיין גוטע איינציקע טוידל. (צום דאָקטאָר) נו, מייקל, ווי קאָן מען דאָס דערקלערן?

דר. קליגער: (ציט מיט די פּלייצעס) עס איז נאָך אַ געהיימניס, איינע פון די געהיימניסן פון דער נאַטור.

סילווערמאַן: (שטיל, מיט האַרץ און אויפרעגונג) עס כאַפּט אָן אַ שרעק, ווען מען קומט אַריין אין אַן אַסיילום. מיר, שטאָטישע מענטשן, קומען זעלטן אין באַרירונג, דענקען גאָרניט וועגן דעם, פילן גאָרניט דעם צער און אומגליק, די טראַגעדיע פון דעם מענטשן . . . מיר פאַרגעסן זיך . . . פאַרטומלען זיך אין דעם נאַרישן שפּיל פון קלייניקייטן . . . דאָך . . . וואָס איז

דאָרט קאַליע געוואָרן ? . . . וואָס האָט דאָרט אויפגעהערט צו אַרבעטן ? . . . און עפּס אַרבעט דאָך דאָרט איצט אויך. וואָס זשע איז דאָס אַזוינס ? ווי אַזוי דערקלערט מען דאָס ? וואָרום איז געוואָרן אַט יענע אַ (ווייזט מיט די הענט אין דער לופטן) די בלאַסע . . . פּלוצלינג אַזוי ווילד ? און ער ? אַה, גאָט ! (זייער גערירט) מעלאַנכאָליש, גלייכגילטיק, אַ שטיק ליים... עפּעס לעבט דאָך ! . . . אַה, גאָט ! (בויגט זיך איין מיט די עלנבויגן אויף זיינע קני און זיין פּנים אין די הענט. טרערן שטיקן אים) מייקל, מייקל, האָט די מעדיצינישע וויסנשאַפט אויף דעם פעלד גאָרניט פּראָגרעסירט זינט מען האָט אונז אַרויסגעטריבן פון אוניווערסיטעט ? דו האָסט דאָך פאָרטגעזעצט דיין שטודיום, דו ביסט דאָך אַ מעדיקער, קאָן מען דאָס גאָרניט דערקלערן ?

ד ר . ק ל י ג ע ר : אַ, יאַ, די מעדיצינישע וויסנשאַפט האָט פּראָגרעסירט, זי האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט. אין דער פּסיכאָלאָגישער וויסנשאַפט איז זייער פיל אויפגעטאָן געוואָרן. דאָס אַסאָציאַציאָנס געזעץ פון יום, פּעכנער'ס בארימטע פּסיכאָ־פיזישער געזעץ פון פּראָפּאָרציאָן, וואונד'ס באַרימטע געזעץ פון אַפּערצעפּציאָן. די אָפּטישע וויסנשאַפט האָט גאָר געמאַכט אַ ריזיקן פאָרשריט. . . די פיזיקער קענען היינט אויסרעכענען די לענג פון שטראַלן, וועלכע די אויסערלאַכע וועלט שיקט דורך אונזערע זעהאַפּאַראַטן אין אונזער מאַרך. עס איז למשל פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז רויטע שטראַלן מאַכן 395 ביליאָנען וויבראַציעס אין אַ סעקונדע און וויאָלעט שטראַלן מאַכן גאַנצע 729 ביליאָנען וויבראַציעס אַ סעקונדע. עס איז אַ פיזיש־כעמיש־פיזיאָלאָגיש־פּסיכישער פּראָצעס.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : (פאַרצווייפלט) אָבער דאָס ערקלערט דאָך גאָרניט ! אַסאָציאַציעס, אַפּערצעפּציעס, פּראָפּאָרציעס, קאָנצעפּציעס, ביליאָנען וויבראַציעס אין אַ סעקונדע, אין א י י ן סעקונדע ! פיזיש, כעמיש, פיזיאָלאָגיש־פּסיכישער פּראָצעס !

ווארום אָבער איז ער מעלאַנכאָליש ! ? ווארום דערקענט ער מיך ניט ? (עס הערט זיך אַ כליפּען פון בערטאַ) ווארום איז ער צו מיר אַזוי גלייכגילטיג ? וואו, וואו ליגט דאָ די סיבה ? דער מאַרך איז דאָך דאָ ביי אים אין קאָפּ. ער זעט דאָך ! די אויסערלאַכע וועלט שיקט צו אים, פּונקט ווי צו מיר און צו דיר, שטראַלן, ידיעות, און ער דאַרף על פּי געזעץ זיי אויפנעמען אין דער פאָרם פון עמ־פינדונגען. טאָ נו ? וואָס זשע ווערט פון זיי ביי אים אין מאַרך ? ווי אַזוי שפּיגלען זיי זיך אָפּ ביי אים אין קאָפּ ? איך, זיין טאַ־טע, בין דאָך מער ווי אַ שטראַל . . . ער איז דאָך ביי מיר אויף די הענט אויסגעוואַקסן, איך האָב דאָך שטודירט זיינע נייגונגען, געמאַכט אים פאַר אַ דענקענדן, פאַראַנטוואָרטלאַכן מענטשן, און איצט ? (טרערן שטיקן אים) איצט דערקאָנט ער מיך ניט . . . איז צו מיר אַזוי גלייכגילטיג ! . . . (פּויזע)

ד ר . ק ל י נ ג ע ר : עס איז אַלץ אין דעם מאַרך אין דעם קאָפּ.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : (היציג) אין דעם מאַרך, אין דעם קאָפּ קען מען דאָס גאָרניט דערגרונטעוועט מיט דעם שׂכל ? קען מען דאָס גאָרניט אַנאַליזירן ? דער קאָפּ, דאָס האַרץ, די הענט, די פיס, די אויגן, דער מאָגן, די מוסקולן — זיי פונקציאָנירן, זיי מוזן פונקציאָנירן לויט די געזעצן פון אַסאָציאַציאָן, פּראָפּאָרציאָן, אַפּערצעפּציאָן. טאָ וואו זיינען אַהינגעקומען זיינע עמפּינדונגען, פאָרשטעלונגען, געפילן, זכרון, ווילן ?

ד ר . ק ל י נ ג ע ר : (נאַאיוו) ער איז דאָך קראַנק.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : (הויך) ער איז קראַנק ! ער איז קראַנק ! איך וויים דאָס ! אָבער ווארום ווירקן ניט די גע־זעצן ? (שטרייכט אונטער) ו ו אַ ר ו ם ו ו י ר ק ן נ י ט ד י ג ע ז ע צ ן ?

ד ר . ק ל י נ ג ע ר : נו, אויב מען קאָן דאָס ניט דערקלערן, מיינט דאָך דאָס ניט, אַז אַן אַבסורד איז אָן דערקלערונג.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: אויב א דערקלערונג דערקלערט ניט און אויב וויסנשאפטלאכע געזעצן ווירקן ניט, אפשר איז אן אבסורד א דערקלערונג. ארויסגייענדיג פון אן אבסורד וועלן מיר אפשר דערגרייכן דעם אמת. וואס איז א געדאנק: מאטעריע אדער גייסט? וואס איז ווילן: באוואוסטזיניג אדער בלינד? זיינען מיר שוואמען, וואס נעמען בלויז אין זיך אריין, אדער זונען, וואס שטראלן אויך פון זיך ארויס? זיינען מיר, ווילנלאזע ווערקצייג אדער ווילנדיקע שעפער? זיינען מיר ווערים, וואס קריכן אויף דעם בויך, אדער געטער, וואס קאנען דערגרייכן אין די הימלען? ווי אזוי פילן זיך אן אונזערע מוסקולן מיט ווילן? פון וואנען נעמט זיך געדאנק, פארשטעלונג, זכרון? ווי אזוי ווערט עס? ווי אזוי ווירקט עס? וואו איז אהינגעקומען דאס באוואוסטזיין, דער ווילן, דער זכרון, דער געלעכטער פון מיין זון? (איראניש) וויפיל וועגט א געדאנק? ווי ש ו ו ע ר איז א ווילן?

ד ר. ק ל י ג ע ר: דאס זיינען אייביקע פראגן יאקאב, און אייביקע וועלט־געהיימנים.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: (שטעלט זיך פלוצלינג אויף) א וועלט־געהיימנים, הא? מיר פארשטייען, מיר באגרייפן, אז עס איז א וועלט־געהיימנים. ווי אזוי באגרייפן מיר? ווי אזוי פארשטייען מיר? א ו י ף ו ו א ס ר ו ט א ט ד ע ר פ א ר ־ ש ט י י ן? (פויזע. שפאצירט ארום איבער דעם צימער, פארטיפט אין געדאנקען. עס הערשט א טויטע שטילקייט. עס הערט זיך דער טיק־טאק פון זייגער וואס שטייט אין רעכטן ווינקל) אך, ווען איך וואלט קאנען גלויבן! גלויבן! עס איז דאך אזוי ווארשיינליך! גלויבן — און די געהיימנים איז געלייזט! איז דען גוט צו לעבן אן האפנונג? צו וויסן דעם גרענעץ פון דיין לעבן, ניט צו געפינען קיין טרייסט אין דיין גרעסטן אומגליק? נעד! מאקסוועל! (פויזע. עס הערט זיך א שטילער כליפען פון בערטא) עס האט דאך קיין זין ניט: קלאוקס, קלאוקס, קלאוקס, איז ד א ס דער זין פון לעבן?

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: נאַטירלאַך, עס האָט קיין זין ניט אויף דער עלטער, ווען דאָס פייער פון דער יוגנד ווערט אויסגע־לאָשן. קיין אידעאַלן, זיי זאָלן באַגייסטערן, זיינען מער ניטאָ און דאָ — צוויי זין! עס ווערט טאַקע טרויעריג אויף דעם האַרצן. אָבער אַז גלויבן, גלויבן זאָל קאָנען טרייסטן אַ מאָדערנעם מענטשן, זיך אַליין אָפּנאַרן — ביסט דאָך אַזאַ שטאָלצער עמפּיריקער גע־ווען! ערפאַרונג, פאַקטן זיינען געווען דיינע געטער. פאַקטן, פאַקטן און — גלויבן!

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: (מיט איבערצייגונג) פאַקטן, יאָ, פאַקטן, מייקל. גלויבן איז אַ פאַקט. עס מוז דאָך עפּעס זיין. עס איז דאָך עפּעס דאָ. מען קאָן דאָס במעט אָנטאַפּן מיט די הענט. נאָר מיר האָבן מורא, מ י ר ה אָ ב ן מ ו ר אַ פ אַ ר א ו מ ש ט ע ר ב ל י כ ק י י ט. אבסורד, וועלט־געהיימנים, קעגן שכל — ווערטער, פון אונז אַליין געשאַפענע ו ו ע ר ט ע ר, פ אַ ל ש ע באַגריפן שטייען אונז אין וועג.

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: פאַקטן, יאַקאָב, פאַקטן, ניט קיין ווערטער!

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: איך צווייפל אין די פאַקטן און ווּיסנשאַפטליכע געזעצן, וועלכע קאָנען ניט דערקלערן די קראַנק־הייט פון מיין זון! וואָרום ווירקן ניט די געזעצן גראָדע דאָ, וואו זיי וואָלטן געדאַרפט ווירקן? עס זיינען קיין פאַקטן, קיין געזעצן! (פויזע) און גלויבן — עס איז דאָך אַזוי פאַרשיינליך!

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: גלויבן, וועלכער גלויבן? וואָסער גלויבן? ווי אַזוי? אין וואָס פאַר אַ פאָרם?

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: אַ גלויבן, אַ גלויבן אין גאָט, אין געוויסן, אין העכסטן געוויסן! אין א י ם זיך פאַרטרויען, אין אים געפינען אונזער זיין! ער פאָדערט עס פון אונז און מיר זיינען פאַרפליכטעט צו אים!

ד ר. ק ל י ג ע ר: (שטעלט זיך אויף אין אויפרעגונג) באַ־ווייז עס! באַווייז עס! פון וואַנען ווייסטו עס?

סילווערמאַן: איך ווייס דאָס ווייל איך בין דאָס, איך פיל דאָס אין מיין גאַנצן וועזן! (פויזע) ווען אַלץ איז באַוועגונג, מוז דאָך עפּעס זיין אַזוינס, וואָס באַשטייט, וואָס בינדט צונויף, וואָס דיינקט, וואָס פילט, וואָס פּלאַנט — —

ד ר. ק ל י ג ע ר: ניטאָ קיין פּלענער געמאַכט פון עמיצן. עס איז בלויז דאָ בלינדע אייביקע באַוועגונג.

סילווערמאַן: פון וואַנען ווייסטו דאָס? דו ביסט דאָך אַ מילב, אַ שטויבעלע, אַ פּיצעלאַצינקע ברעקעלע, אַ קליין טיילכעלע — אַ טייל פון דעם גאַנצן! איז גאָר ניטאָ קיין זין, קיין תכלית, קיין צוועק אין דער וועלט?

ד ר. ק ל י ג ע ר: ניטאָ קיין זין, קיין תכלית, קיין זאַכן אויסער אונז. מיר זיינען אַליין די באַשעפער פון אונזערע צוועקן, מיר זיינען די מאָס פון אַלע זאַכן.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: (איראָניש, מיט אַ קרייזנקליכן געלעכ־טערל) הע, הע, הע, מיר — די מאָס פון אַלע זאַכן. מיר, איך, דו, זיי, אַלע, יעדער איינער פון אונז, די מאָס פון אַלע זאַכן.... דאַן איז דאָך יעדער איינער פון אונזער גערעכט. דאַן איז דאָך מאַכט — רעכט.

ד ר. ק ל י ג ע ר: מאַכט איז רעכט. עס ווענדט זיך ביי וועמען די מאַכט שטייט איין.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: איז דאָס דער צוועק פון אונזער זיין, זיך קייקלען פון איין ציקל פון מאַכט צו אַ צווייטן?

ד ר. ק ל י ג ע ר: אַזוי איז די וועלט, אַזוי איז דאָס לעבן!

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (שנעל און אין אַ גוואַלדיקן עקסטאַז)
ס'איז אַ ליגן ! אַ קללה ! אַ מורא ! אַ געבונדנקייט ! אַ פייג־
קייט, אַ שקלאַפעריי ! מיר נעמען אָן באַוועגונג פאַר דעם עיקר
און פרייהייט פאַר דעם תפל ! איין מאָמענט ! איין מאָמענט פון
ר ן , פון ב אַ וו אוּ ס ט ז י נ י ק ע ר ב אַ ט ר אַ כ ט ו נ ג
פון ר י י נ ע ם א ו י פ ר י כ ט י ק ן ג ל ו י ב ן וואָלט אונז
באַפרייט, באַפרייט פון דער קללה, וואָס הייסט מאַכט.

ד ר . ק ל י נ ע ר : און גלויבן וועט דיך באַפרייען ?

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : (מיט איבערצייגונג) באַפרייען ! ריי־
נער אויפריכטיקער גלויבן באַפרייט, מאַכט ז י כ ע ר , מאַכט
ג אַ נ ץ ! מיר פ י ל ן דאָס ! מיר ב ע נ ק ע ן נאָך דעם !
ווען איך וואָלט נאָר קאָנען ! ווען איך וואָלט נאָר קאָנען !

ד ר . ק ל י נ ע ר : דו קאָנסט, דו ביסט פריי צו גלויבן אין
דעם, וואָס עס איז ניטאָ ! די וויסנשאַפט, די עקספערימענטאַלע
וויסנשאַפט האָט אים נאָך ניט אויסגעפונען.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : מען קאָן ניט אויסגעפינען זאַכן, ווען
מען פאַרלייקנט זיי. די פסיכאָלאָגן ריידן דאָך אַזוי פיל פון אונ־
זער צווייטן „איך", פון אונזער נשמה, באַוואוסטזיין, אונטער־
באַוואוסטזיין. אַסאָציאַציאָנס פון נעדעכעניש און אַפילו דאָס אָפּ־
זונדערן פון אונזער באַוואוסטזיין, וועלכע קאָן פירן אַ באַזונדערן
לעבן — אָבער גיבן דאָס ניט צו, זיי האָבן מורא, ז י י ה אָ ב ן
מ ו ר אַ פ אַ ר א ו מ ש ט ע ר ב ל י כ ק י י ט .

ד ר . ק ל י נ ע ר : ניטאָ וואָס צוצוגעבן. מיר זיינען
קנאָספן און טיילן פון דער ערד, מיר זיינען קינדער פון דער
ערד.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : עס איז אָבער אויך מעגליך, אַז מיר
זיינען קינדער פון דעם הימל — מיר זיינען אַ צווייהייט !

ד ר. ק ל י ג ע ר: (זעצט זיך, פאַרציט מיט די אויגן און מאַכט מיט די הענט) מאַטעפיזיקע, מאַרך־שטרום!

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: מיר זיינען אַ צווייהייט, האָסט דאָך געזען...

ד ר. ק ל י ג ע ר: געזען וואָס?

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: ווען דאָס הימלשע טיילט זיך אָפּ (טרויעריק) איז מען, איז מען —

ד ר. ק ל י ג ע ר: קיינער האָט נאָך ניט באַוויזן די עקזיסטענץ פון אַ באַוואוסטזיין אויסער אונז. עס איז מער ניט ווי אַ דמיון, אַ באַגריף, און ווען מען גלויבט — אַ מאַרך־שטורם.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: נעכטיגע באַגריפן ווערן ה י י נ ט ווירקלאַכקייטן און לעבן אין א ו נ ז, און אויך א ו י ס ע ר אונז.

ד ר. ק ל י ג ע ר: עס איז קעגן ריינעם שכל!

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: דזשיימס, בערגסאָן, איינשטיין האָבן געוואָרפן דעם ריינעם שכל אין שטויב. האָבן באַוויזן, אַז עס איז דאָ אַ ווירקלאַכקייט און עס ווירקט, קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז דאָס געוויסן איז אַלץ און אַלעס אַרום אונז איז באַוועגונג פון פאַרשידענע שטופן פון געדיכטקייט? און עס קאָן דאָך אויך געמאָלט זיין, אַז גאָט, דער העכסטער געוויסן ל ע ב ט, ווירקט, פּלאַנט, אַרבעט און ער מאָנט. —

ד ר. ק ל י ג ע ר: (גלייכגילטיג) אַרבעטן, אַרבעט ער!

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: ער אַרבעט און ער מאָנט.

ד ר. ק ל י ג ע ר: ער אַרבעט און ער מאָנט ניט ביי מיר.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: ער אַרבעט און ער מאָנט און עס טוט וויי.

ד ר. ק ל י ג ע ר: עס טוט וויי, עס טוט וויי, ווארום דער־לאָזט ער עס זאָל וויי טאָן? ער איז דאָך אַלמעכטיג, אַלוויסנד, אַלגוטיג —

ס י ל וו ע ר מ אַ ן: מיר דאַרפן צוגעבן, אַז ער איז דאָ און מיר װעלן קאָנען אױסגעפינען זײן מהות —

ב ע ר ט אַ: ווארום האָט אונז גאָט אַזוי געשטראָפט?

ס י ל וו ע ר מ אַ ן: וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר געהאַט צו מאַכן קאָמפּראָמיסן מיט אים, מיט אונזער געווויסן.

ד ר. ק ל י ג ע ר: גיב צו, אַז ער איז דאָ, און איך מאַך אים פאַראַנטוואָרטליך פאַר גאָר דאָס שלעכץ אין דער וועלט. זעץ אים אַרויף אויפן טראָן און די וועלט ווערט באַדעקט מיט פינסטערניש.

ס י ל וו ע ר מ אַ ן: איצט איז ליכטיג...

ד ר. ק ל י ג ע ר: האָבן מיר צו קיינעם קיין טענות נִיט. עס איז אונזער וועלט, אונזער באַשאַף, און מיר ליידן, ביז מיר וועלן קליגער ווערן.

ס י ל וו ע ר מ אַ ן: זיינען מיר נאָך ניט קלוג גענוג? ווייסן מיר נאָך ניט דעם אונטערשיד פון רעכט ביז אומרעכט? מיר ווייסן, מיר פילן גערעכט און האַנדלען אומגע־רעכט. ווארום, ווארום, ווארום איז דאָס אַזוי, מייקל?

ד ר. ק ל י ג ע ר: פרעג אים. (היציג, שטאַרק מאַכנדיג מיט די הענט, דרייט זיך אין זיין שטול) ווען איך וואָלט ווייסן, וואו ער וואוינט ערגעץ, וואָלט איך אים געפרעגט, זיך פאַרמאָסטן, גע־טאָן אים אויף צו להכעיס, צוזעצט אים די גאַל, אויסגעריסן די אויגן. ער האָט אויגן? אויסגעריסן די באָרד. ער האָט אַ באָרד? אים אַראָפּגעשלעפּט פון זיין טראָן. ער זיצט אויף אַ טראָן? איך וואָלט אים געוויזן, וואָס הייסט זיך שפּילן מיט אונז קאַץ און

מויז. איך וואָלט אים געגעבן אַ לעקציע אין גוטסקייט, אנשטענ־דיקייט, רעכט און יושר, איך וואָלט —

(עס הערט זיך אַ קלינגען. סעם לויפט אַריין אין איילעניש, פאַר־שוויצט און אין כעס. וואַרפט אַרויף אויף דעם טיש זיין הוט, אַ קליינעם לעדערנעם טאַש, וואַרפט זיך אַריין אין אַ שטול)

סעם: עס איז אונמעגלאַך צו זען און צו לעבן.

סילווערמאַן און בערטאַ: (וועלכע זעצט זיך אויף אין איילעניש) וואָס איז? וואָס איז, סעם? וואָס איז געשען?

בערטאַ: (רייסט זיך אַרונטערגיין פון דער סאָפאַ, זוכט די פאַנטאָפל) לאָזט מיך! לאָזט מיך!

דר. קליגער: (לאָזט איר ניט) איר וועט ניט גיין, איר זיינט קראַנק!

סילווערמאַן: (לויפט צו צו סעם'ען דערשראָקן און מיט גרויס צערטליכקייט פרעגט ער) וואָס האָט פּאַסירט, מיין זון?

סעם: עס איז אונמעגליך דאָס צוצוזען!

בערטאַ: (שרייט מיט שרעק) סעם! סעם!

סילווערמאַן: וואָס זען? וואָס האָט פּאַסירט?

סעם: (רעט שנעל) בין געווען אין געריכט צוליב דעם פּרע־צעל־קייס וואָס די ביג בראָדערס האָבן מיך געבעטן און האָב געזען אַ סצענע, וואָס עס איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן. אה! (מאַכט אַ קולאַק אין דער לופטן).

סילווערמאַן: נו?

סעם: אַ געוועזענער פיש־פּעדלער, גראַבמאַן, פון דער פירמע גראַבמאַן און שענקמאַן איז געבראַכט געוואָרן אין געריכט

אויף דער קלאַגע פון רענט־העכערונג. (האָט זיך איבער, קאָן ניט רײדן פאַר אויפרעגונג) אונמענטשליך! (פויזע. אַ טויטע שטילקייט הערשט אין צימער. סילווערמאַנ׳ס פנים ווערט פאַרוואָלקנט. פאַנגט אָן שפּאַצירן הין און צוריק איבערן צימער) דו וואָלסט געדאַרפט זען אַ אידל מיט אַן ענגליש! אַ גרויסן דימענט אין „טיי“ און אַ דריי־גאָרנדיקן דימענט־רינג אויף איינעם פון זיינע גראָבע שמוציקע פינגער. האָט זיך מיט געוואַלדיקער חוצפּה געוואָרפן יעדן איינעם אין די אויגן, אַזוי ווי גאַנץ אַמעריקע וואָלט באַלאַנגט צו אים. און ווען דער ריכטער האָט אים געפרעגט, צי עס איז אַ יושר צו העכערן אַזוי פיל רענט און ברענגען אויף זיך דעם צאָרן פון די שכנים, האָט ער מיט חוצפּה געענטפערט: „מיין אייגנטום! מיין פּראָפּערטי! זאָלן זיי מופן! עס איז דאָ טויזנט בעלנים! איך קאָן דאָס קריגן! מיין פּראָפּערטי!“ איך האָב געקאָנט דערטלויך זען ווי דער ריכטער האָט אונטערדריקט אַ קללה און אים אַ פרעג געטאָן: „איר מיינט, אַז איר זיינט געקומען קיין אַמעריקע באַפּן פיש?“

סילווערמאַן: (שטרענג) וואָס האָבן מיר צו טאָן מיט יענעם פיש־הענדלער?

סעם: (מיט טרערן אין די אויגן) עס איז אַ שאַנדע, אַ פאַרברעכן!

סילווערמאַן: (נאָך שטרענגער) אָבער וואָס פאַר אַ געמיינשאַפטלאַכעס האָבן מיר מיט יענעם פיש־פעדלער? זיינען מיר ניט קיין אַמעריקאַנער?

סעם: (צעגערענדיג) יאָ, אָבער —

סילווערמאַן: וואָס אָבער?

סעם: וואָרום פיל איך אַזאַ שאַנד?

סילווערמאַן: (גייט צו גאַנץ נאָענט צו אים, טייטלענדיג

אויף אים מיט אַ פינגער) דאָס האָט דיר דיין טעאָלאָגישער סעמי־
נאַר דאָרטן אריינגעגעבן ! (פויזע)

ס ע ם : דו וואָלסט געדאַרפט זען, ווי אַרויסגייענדיג פון
געריכט, האָבן מיר אַ פּאָר אַמעריקאַנער יונגעלייט אָנגעקוקט מיט
פעראַכטונג און געזשירעט מיר אין פּנים : „גראַבמאַן און שענק־
מאַן".

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : ווארום האָסטו ניט געזשירעט צוריק:
וויליאם וואָלדאָרף היישעריק ?

ס ע ם : (נאַאיוו) האָבן זיי גאָר קיין אידישע ערציהונג ניט
געהאַט, פּאַפּאַ ? ווייסן זיי גאָרניט פון דזשודאַאיזם, פון דער
בייבל ?

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : ווער ?

ס ע ם : גראַבמאַן און שענקמאַן.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : (ציט מיט די אַקסלען) האָט די טרי־
ניטי קאָרפּאָריישאָן ניט געהאַט, איז ניט קיין פרום קריסטליכע
קערפּערשאַפט ? וואָס האָט צו טאָן ערציהונג, די בייבעל מיט
אייגנטום ?

ס ע ם : אָבער עס איז דאָך ניט אַזוי. אין דער בייבעל
שטייט דאָך אַנדערש. (לויפט אין דער טיר לינקס, ברענגט פון דאָרטן
אַ בייבעל און פאַנגט אָן נערוועז צו מישן) נאַ, זע, פּאַפּאַ, אָט דאָ !
(לייענט) „ווען דו וועסט פאַרקויפן צו דיין שכן, אָדער ווען דו
וועסט קויפן פון דיין שכן, זאָלסטו ניט איבערשטייגן, ד. ה. ספּע־
קולירן". (ויקרא, כה, יד).

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : ווארום דען ניט ? ו ו ע ל כ ע גע־
זעצן אָדער מאָראַלישע מאָטיוון זאָלן דען אָפּהאַלטן „פרייע ביר־
גער" פון אַ „פריי לאַנד" צו ספּעקולירן ?

ס ע ם : (אומגעדולדיג, לייענט ווייטער) „און דו זאָלסט ניט

איבערשטייגן איינער דעם צווייטן, נים ספעקולירן, נאָר זאָלסט מורא האָבן פאַר גאָט, איך בין דיין האַר, דיין גאָט". (ויקרא, כה, יז).

סילווערמאַן: (הויך) אָבער עס איז ניטאָ קיין גאָט אין אַמעריקע!

דר. קליגער: (מיט טריאומף) עס איז דאָ געזעץ.

סעם: די ביבעל לערנט געזעץ און פאַראַנטוואָרטליכקייט!

סילווערמאַן: פאַראַנטוואָרטליכקייט! פון וואַנען פליסט עס? האָבן זיי דיר דאָס געלערנט אין דיין אידיש-טעאָ־לאָגישן סעמינאַר?

סעם: געלערנט. ווארום פיל איך אזא ביטערן האַס קעגן גראָבמאַן און שענקמאַן? (שטעלט זיך אויף און מאַכט אַ קולאַק אין דער לופטן) איך וואָלט זיי —

סילווערמאַן: וואָס וואָלסטו געטאָן?

סעם: געשיקט אין סינג-סינג!

סילווערמאַן: און וויליאַם וואַלדאָרף הייזשעריק? און די טריניטי קאָרפּאָריישאָן?

סעם: (ציטערנדיג פאַר כעס) פּאַפּאַ, זיי, זיי זיינען דאָך גויאים, מיר — מיר זיינען אידן!

סילווערמאַן: (ביטער, איראָניש) זיינען מיר אידן? האָב איך זיך ניט פּרייווויליג און באַוואוסטזיניג ענטזאָגט פון מיין פאָלק און לאַנד און מיט דעם גאַנצן האַרצן אַנגעשלאָסן אין דעם דאָזיקן גרויסן לאַנד? האָב איך ניט 27 יאָר געדינט מיינע מיטבירגער אויף דעם בעסטן אויפריכטיגסטן ערהאַפּטסטן אופן? (גייט צו גאַנץ נאָנט צו סעם'ען און בויגט זיך איין. זיין שטים ציטערט) האָבן מיר דאָס ניט גע'חתמ'עט מיט בלוט? מיט, מיט משוגעת? (טרערן שטיקן אים) מיט וואָס זיינען מיר אידן?

ס ע ם : מיר זיינען דאָך אידן. קאָנסט עס פון דעם הארצן ניט ארויסנעמען.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : מען וואָלט עס דיר ניט געדאַרפט אריינ־געבן אין הארצן.

ס ע ם : עס איז אָבער אַ פאַקט.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : ווי, ווי, ווען עס איז ניט גראָבמאַן, נאָר דזשאָן סמיטה, דאַן וואָלסטו ניט געדאַרפט אויפגעטרייסלט ווערן פון זיין נידערטרעכטיגער האנדלונג ?

ס ע ם : איך ווייס ניט, ווי דאַן, פאַפאַ, איך ווייס אָבער איינס : אַז איצט ברענט מיר דאָס פּנים פאַר שאַנד. די צייטונגען האָבן באַריכטעט, אַז מען האָט באַמערקט שילדן אין פענסטער מיט אַן אויפשריפט : הרג'עט די אידן !

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : (ווערט בלאַס און אויפגערעגט, פאַנגט אָן ציטערן) הרג'ענען די אידן ? הרג'ענען די אידן ? הא ! (פאַר־ברעכט מיט די הענט, פאַלט אָנמעכטיג אין אַ שטול. פויזע).

ד ר. ק ל י ג ע ר : (דערשראָקן) יאַקאָב ! (לוסי לויפט צו צו אים און נעמט אים אַרום).

ב ע ר ט אַ : (רייסט זיך פון איר געלעגער) לאָזט מיך ! לאָזט מיך ! מען דאַרף עפּעס טאָן ! מען דאַרף עפּעס טאָן !

ד ר. ק ל י ג ע ר : וואו גייט איר, בערטאַ ? איר זיינט קראַנק !

ב ע ר ט אַ : איך בין געזונד ! איך בין געזונד !

ס ע ם : (לויפט צו) מאַמאַ, מאַמעשע, וואו גייסטו ?

ב ע ר ט אַ : (זוכט די פאַנטאָפל) צום פאָלק ! צום פאָלק ! צום פאָלק ! איך גיי צום פאָלק ! קומט, דאָקטאָר, צום פאָלק !

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: וואָס מיינט איר, בערטאַ? לייגט זיך גלייך צוריק אין בעט!

ב ע ר ט אַ: (טוט אָן די פּאַנטאָפל) לאָזט מיך! אַ סוף זאָל עס נעמען! מען טאָר ניט אָפּשטיין! מען דאַרף עפּעס טאָן?

ס ע ם, ל ו ס י און ד ר. ק ל י נ ג ע ר: וואָס טאָן? וואָס טאָן?

ב ע ר ט אַ: (סאַפּעט) רעוואָלוציע! מען דאַרף מאַכן אַ רעוואָלוציע!

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: (ערשטוינט) אין אַמעריקע? די מאַסן זיינען דאָך נאָך אַזוי פינסטער, אַזוי אומוויסנד.

ב ע ר ט אַ: (מיט היץ) דאָקטאָר, עס איז שוין פינף און צוואַנציק יאָר, אַז איר בילדעט די מאַסן, האָט איר זיי נאָך ניט אויסגעבילדעט? קוקט אויף דייטשלאַנד, עסטרייך, רוסלאַנד!

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: אַמעריקע איז ניט רוסלאַנד.

ב ע ר ט אַ: אפשר דערפאַר ווייל איר האָט מורא זיך שיידן מיט אייער ריל עסטייט? צום פאָלק, לאָמיר איבערגעבן אונזערע הייזער צום פאָלק!

ס ע ם: (זיין פּנים שיינט אויף, פאַלט איר אויף דעם האַלז, קושט איר) גוטע מאַמעלע, איך האָב טאַקע געדענקט וועגן דעם. מיר דאַרפן דאָס טאָן, מיר מוזן דאָס טאָן. מיר דאַרפן ווייזן דער וועלט, זיין אַ ביישפּיל פאַר דער וועלט!

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: (שטעלט זיך פלוצלינג אויף. זיין גאַנצער וועזן דריקט אויס גוואַלדיגע ענטשלאָסנהייט און זיינע אַקסלען זיינען אָנגעשטרענגט פונקט ווי ער וואָלט זיך פאַרמעסטן מיט עמיצן אין אַ קאַמף) זיין אַ ביישפּיל — לאַ מיט אַן אלף! מיר זינדיקן ניט מער פון אַלעמען און דאַרפן ניט זיין פרומער פון אַלעמען!

ב ע ר ט א: מיר זינדיקן ניט מער אָבער דאַרפֿן זיין פֿרומער.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: (פֿעסט) ניין. פֿאַרקויף די הייזער, גיב דאָס געלט צו דער אַמעריקען דזשואיש רעליף, רויטן קרייץ, אַפֿילו צו די ריטער פֿון קאָלאָמבוס, אָבער ניט צום פֿאָלק.

ב ע ר ט א: אָה, איר ראַדיקאַלן! ווי קאָנט איר זען און הערן פֿון דעם גראַבעזש, וואָס עס גייט דאָ אָן אין ניו יאָרק, און אייערע הענט הויבן זיך ניט אויף צו דער׳הרג׳ענען די גראַבעזש־ניקעס? יאַקאָב, יאַקאָב, וואָס איז פֿון דיר געוואָרן?

ד ר. ק ל י ג ע ר: (ווייך) גייט אויף אייער געלעגער, איך בעט אייך, איר וועט זיך נאָך צוקילן.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: (גייט צו צו איר און לאַשטשעט איר מיט צערטליכקייט) בערטאַ, בערטאָטשקאַ, רעג זיך ניט אויף. באַרואיק זיך! (זעצט זיך, נעמט בערטאַ׳ן אין זיינע אָרעמס).

ב ע ר ט א: (היציג) איך קאָן זיך ניט באַרוהיגן! דאָס בלוט פֿון מיינע קינדער! (רייסט זיך אַרויס פֿון אים) דאָס בלוט פֿון מיינע קינדער! (וויינט ביטער) דער צער און די טרערן פֿון די מיליאָנען אלמנות און יתומים, דער אומגליק, דער חורבן פֿון דער וועלט לאָזט זיך מיר ניט באַרואיקן! ווי, ווי קאָנסטו דאָס זיין רואיק?!

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: (טיף גערירט נעמט איר אַרום) ליבע, גוטע בערטאָטשקאַ, רואיק, רואיק, ווייל איך זע!

ב ע ר ט א: (רייסט זיך אַרויס פֿון אים) דו ביסט בלינד! (ער זעצט זיך ווידער און נעמט איר צערטליך אין זיינע אָרעמס. פּויזע).

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: נאַ, נאַ, נאַ, נעם זיך צענויף, בערטעלע. באַרואיק, באַרעכן זיך, וואָס עס מיינט רעוואָלוציע, וואָס עס מיינט גיין אין פֿאָלק. מיר זיינען דאָך שוין אַמאָל געגאַנגען אין פֿאָלק!

בערטא: נו, האָט עס ניט געבראַכט קיין רעזולטאַטן? קוק אויף רוסלאַנד! האָסט אפשר חרטה?

סילווערמאַן: (טרויעריג) חרטה? יאָ, איך האָב חרטה.

בערטא: (ווערט ווילד, רייסט זיך פון אים, סאָפּעט שווער) חרטה, האָסט חרטה! וואָס איז פון דיר געוואָרן?!

סילווערמאַן: (שטעלט זיך אויף, פעסט) איך האָב חרטה, ווייל איך זע, ווייל איך דענק! (שפּאַצירט אַרום).

בערטא: (פאַלט אַריין אין אַ פאָטעל, סאַרקאַסטיש) דו זעסט! דו דענקסט! אַה, ליבעראַל! ליבעראַלן! אַ, ליבעראַלן!

סילווערמאַן: ליבעראַלן, בערטאָטשקא, ליבעראַלן. מיר באַגיסן זיך מיט טרערן און אונזערע הערצער ווערן איבערפילט מיט ווייטאָק אויף דער דומהייט פון די געוויסנלאָזע אומוויסנדע מענטשלאַך, שוואַרצע, ווייסע אָדער רויטע.

בערטא: (היציג) יאַקאָב!

סילווערמאַן: אמת!

בערטא: מיש ניט צוזאַמען די שוואַרצע, ווייסע מיט די רויטע. רוסלאַנד האָט הונדערט יאָר געטרוימט, געהאָפט, איצט האָט זי געהאַנדלט. רעספּעקט פאַר דעם טרוים! רעספּעקט פאַר דער רעוואָלוציע!

סילווערמאַן: רעספּעקט פאַר דער רעוואָלוציע פון קאָפּ און האַרץ!

בערטא: עס איז אַ רעוואָלוציע פון קאָפּ און האַרץ!

סילווערמאַן: עס איז ניט — עס איז אַ רעוואָלוציע פון דעם בויך!

ב ע ר ט א : (שרייט אויס אויפ'ן קול) יאקאָב ! יאקאָב !
(פאַלט מיט דעם פּנים אויף דעם טיש און וויינט היסטעריש. פּויזע).

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (גייט צו צו איר, פול מיט רחמנות) נא, נא, נא, בערטאַטשקאַ, וואָרום זאָלסטו זיך לאָזן מיטרייסן פון דיין געמיט ? וואָרום פרעגסטו ניט, וואָס די רעוואָלוציע קען ברענגען ? די רעוואָלוציע דאַרף צוערשט פאַרקומען א י ן א ו נ ז !

ס ע ם : געזעץ, גוטע געזעצן, פּאַפּאַ, ווי אין דער ביבעל. די ערד דאַרף באַלאַנגען צו קיינעם. כי לי הארץ. (ויקרא, כה, כג).

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (צו סעם'ען) געזעץ ! גוטע געזעצן ! פאַרוואָס פאָלגן מענטשן ניט דעם געזעץ — דעם גוטן געזעץ ? פ ו ן ו ו א נ ע ן נ ע מ ט ז י ך ד ע ר א ו י פ ש ט א נ ד ק ע ג ן ד אָ ס ג ו ט ע ?

ד ר . ק ל י נ ע ר : מיר זיינען קינדער פון דער ערד.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : קינדער פון דער ערד, קינדער פון דער ערד !

ד ר . ק ל י נ ע ר : מיר זיינען קינדער פון דער ערד און האָבן די נאַטור פון דער ערד. אַזוי איז די מענטשלאַכע נאַטור.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : געזעץ, מענטשלאַכע נאַטור ! א י ז ד אָ ס א ג ע ז ע ץ א י ן ד ע ר מ ע נ ט ש ל א כ ע ר נ א ט ו ר , א ז מ י ר ז אָ ל ן ג ר א ד ע א ו י ס־ ק ל י י ב ן ד אָ ס ע ר ג ס ט ע ? וואו איז דאָס פאָלק, דאָס גוטע, פרייע, קלוגע פאָלק ? וואו זיינען אונזערע געשוואָרענע בעאַמ־ טע ? וואו זיינען אונזערע פאָלקס־פרייגט ? וואו זיינען אונ־ זערע גייסטיקע פירער ? (פּויזע) אַך ! וואו נעמט מען יענעם שעפער, וואָס זאָל אונז באַפרייען — באַפרייען פון געזעץ און מענטשלאַכער נאַטור ?

ד ר . ק ל י נ ע ר : אַזוי זיינען אונזערע געשוואָרענע בעאַמטע.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : וואו נעמט מען יענעם שעפער, וואָס זאָל אונז באפרייען — באפרייען פון אונזערע געשוואָרענע בעאַמטע ?

ב ע ר ט א : איך גלויב, איך האָב צוטרויען צום פאָלק.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : וואו נעמט מען יענעם שעפער, וואָס זאָל אונז באפרייען — באפרייען פון דעם פאָלק !

ב ע ר ט א : דאָס פאָלק, דאָס פאָלק וועט באפרייען, אויס־לייזן —

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : אָן גאָט ? אָן געוויסן ?

ב ע ר ט א : מען דאַרף אראָפּנעמען די קייטן פון דעם פאָלק, מאַכן פריי זיין קערפּער.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : אָן גאָט ? אָן געוויסן ?

ב ע ר ט א : איך גלויב, איך ווייס, דאָס פאָלק איז אָנגע־רעגט פון געוויסן, געוויסן !

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : דאָס פאָלק איז אנגערעגט. פון בויך, פון בויך !

ב ע ר ט א : דאָס פאָלק, די מאַסן זיינען היינט אנדערע מענטשן.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : דאָס פאָלק, די מאַסן זיינען דאָס זעלבע ווי מיט 23 יאָר צוריק. די זעלבע ווי מיט 23 הונדערט יאָר צוריק !

ב ע ר ט א : צום פאָלק, צוריק צום פאָלק !

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (מיט גרויס עקסטאַז) צוריק צו זיך, צום געוויסן, צו גאָט, צום העכסטן געוויסן !

ב ע ר ט א : צום פאָלק, סעם, קום צום פאָלק !

ס ע ם : קום, מאַמאשא, איך גיי מיט דיר צום פאָלק.

פ א ר ה א נ ג

צוריק צו זיך

פערטער אקט

פיר צימער וואוינונג אין א טענעמענט הויז אין די בראָנקס. א קורצער קאָרידאָר פירט צום עס־צימער. אין צענטער א טיר וואָס פירט צום פּאַרלאָר. רעכטס — א גרויסער פענסטער, פאַרהאַנגען. לינקס א טיר וואָס פירט צום שלאָפצימער. נעבן פענסטער א קאַנאַפּע, א גרויסער קיילעכדיגער טיש, דערביי שטולן אַרום. ביי די ווענט א „טשיינא קלאָזעט“, א בופעט, א וויקטראָלאַ, א פּאָר בילדער אויף די ווענט, א בילד פון קאַרל מאַרקס.

געוווינער פּריש „געשייוועט“. ציכטיג אָנגעטאָן. אין א יום טוב׳דיגער שטימונג, צושטעלט די שטולן.

פרוי געוווינער טראָגט אַריין נאָך שטולן פון די זייטיגע צימערן.

פרוי געוווינער: (אַן איינפאַכע פרוי פון א יאָר צוויי־דריי און דרייסיג) איך האָב מורא זיי וועלן דאַרפן שטיין.

געוווינער: עס איז אפילו כדאי צו שטיין, אבי ביי־צווואוינען אזא פאַסירונג.

פרוי געוווינער: זיינען זיי טאַקע אזוי רייך, גוט, אָדער גלאַט אזוי א קאַפּריז!

געוווינער: זיי זיינען מסתמא זייער רייך, זיי האָבן געמוזט מאַכן א היבשע אַפּויטיקע דורך דער צייט פון דער מלחמה און זיי זיינען טאַקע איידעלע מענטשן, אַלטע רוסישער רעוואָלוציאָנערן. געדענקסט זיי ניט? זיי האָבן דאָך דאָ געוואוינט א קורצע צייט אויף דעם ערשטן פלאָר, פראָנט, אין די 5 רומס, ווען

(ער טראַכט) לאָמיך זיך דערמאָנען . . . ערשט מיט אַ זעקס־זיבן יאָר צוריק. ניין, אַכט יאָר צוריק.

פרוי געווינער: אַ, דאָס זיינען זיי? זי, מיט די שווארצע אויגן? און ער? און די פיר קינדער? אַ יאָ, פיר קינדער? אַ קלאָוק מאַנופעקטשורער, דאַכט זיך.

געווינער: (טראַכט) פיר, יאָ ,פיר. יאָ, יאָ, זיכער, פיר קינדער. און וואָס פאַר אַ פיינע, איידעלע, אַזוי — אריסטאָקראַטיש. (באַמיט זיך נאָכמאַכן אַן אַריסטאָקראַט).

פרוי געווינער: און איך האָב געדענקט, אַז זיי האָבן שוין לאַנג פארקויפט די הייזער.

געווינער: בעסער אַז ניט. ווען די הייזער זאָלן איינשטיין אין אַנדערע הענט, וואָלטן מיר שוין מסתמא געצאָלט פאַר אונזער פלעט אַ מנה יפה און זיי — בלויז צוויי דאָלער, צוויי דאָלער אַ רייז און דאָס ערשט לעצטן יאָר.

פרוי געווינער: דענקסט אַז עס איז פון גוטס־קייט, אָדער, נו, טאָקע, אַז מען איז אַזוי רייך, מוז מען עס שינדן די הויט צי מען דאַרף, צי מען דאַרף ניט?

געווינער: דאָ איז אָבער אַן אַנדער געשיכטע. זיי ווילן דאָך פארקויפן, כמעט אַוועקגעבן, מאַכן אַ קאָאָפּעראַטיוו — די שכנים זאָלן אָפּקויפן די צוויי הייזער און זאָלן עס אַליין פאַר־וואַלטן. דאָס איז דאָך, וואָס מיר ווילן. דאָס איז דאָך איינע פון די פונקטן פון דעם פּראָגראַם מינימום פון דער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי. דאָס איז דאָך איינע פון די אני מאמינ'ס פון אונ־זער אָרדן, דעם ארבעטער רינג!

פרוי געווינער: אָבער ווי אַזוי וועט מען דאָס מאַכן?

געווינער: וועסט זען, עס וועט, עס וועט אַלעם זיין

אַלרייט. זאָל זיך נאָר דאָס פאָלק — די שכנים צוזאַמענקומען. עס איז דאָך אַזוי קלאָר — און דער פּראָגראַם, דער פּלאַן איז אויך דאָ. דאָס פאָלק, די שכנים וועלן נאָך אפשר דעם פּלאַן אויסבעסערן און צושטימען, עס איז אויסגעצייכנט, עס איז דאָך עפּעס אַנדערע צייטן!

פרוי געווינער: און דו דענקסט, אַז מען וועט זיך, — אַז אַלע שכנים וועלן זיך איינפערשטיין?

געווינער: (קוקט אָן פאַרוואונדערט) דו מיט דיין פרויען־קאָפּ. וואָרום ניט? וואָס איז דער אונטערשיד וועמען מען צאָלט רענט? צאָלן דאַרף מען דאָך. אַזאַ פּלעט פאַר צוויי און צוואַנציג דאָלער, און זיי מאַכן דאָך נאָך אַ פּראָפּיט, און דעם פּראָפּיט, וואָס די לענדלאָרדס מאַכן, קען דאָך גיין צוריק צו אונז אין פאַרקלענערטע רענט, אָדער אימפּרואוומענטס, אָדער גאָר אָפּקויפן נאָך אַ הויז און נאָך אַ הויז און נאָך טאַקע אַ גאַנצן בלאָק הייזער. (באַגייסטערט) עס האָט דאָך גאָר קיין שיעור ניט! דאָס איז דאָך אַ שטיק סאָציאַליזם — סאָציאַליזם פון דעם ריינסטן סאָרט: איך וועל אויף דעם קומענדן קאָנווענשאָן פון ארבעטער רינג פאָרשלאָגן — (עס הערט זיך אַ קלינגען. הער און פרוי געווינער לויפן אַנטקעגן. עס הערן זיך באַגריסונגען אין קאָרידאָר) קומט אַריין! קומט אַריין!

(עס קומט אַריין בערטאַ און סעם. בערטאַ קוקט אויס בלאַס, אָבער אירע אויגן שטראַלן פון פרייד. זי איז געקליידעט אין טיפן טרויער. סעם טאַנצט אַרום איר, העלפט זיך איר צושפּילען מורמלענדיג: „מאַמאַ, מאַמעלע". זיינע אויגן שיינען פון גליק. געווינער זעצט אַוועק בערטאַ'ן אויבן אָן. סעם זעצט זיך אויף דעם „קאָפּ" פון דער קאַנאַפּע, אָבער ער שפּרינגט באַלד אויף ניט קאָנענדיג איינזיצן פאַר שמחה).

געווינער: (צו בערטאַ) איך האָב זיך גוט איבערגעלייגט איבער אייער פּלאַן. עס איז אויסגעצייכנט. איך זאָג אייך, הע, אַזאַ גוטע זאַך, מען דאַרף נאָר באַשפּרעכן די

איינצלהייטן. עס איז זייער גוט פון אייער זייט. (מיט חניפה) זאָגט מיר, איך בעט אייך, האָט איר געקאָנט פּערזענליך ווערא זאַ־סוליטש, סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ, טשייקאָווסקי׳ן ?

בערטאַ: ניין, איך האָב זיי ניט געקאָנט פּערזענליך. זיי זיינען דאָך געווען אין פּעטערבורג און איך בין נאָך געווען אַ קינד, ווען מען האָט סאָפי׳ען אויפגעהאַנגען. טשייקאָווסקי׳ן האָב איך געזען דאָ אין ניו יאָרק. (מיט פרייד) זעט, איר טוינט איז ניט גע־ווען אומזיסט.

געווינער: זיכער ניט. די העלדן פון דער רוסישער רעוואָלוציע, דאָס איז דאָך — (ווערט באַגייסטערט) דאָס איז דאָך — כ׳ווייס, גוט, זייער גוט, אויסגעצייכנט.

בערטאַ: (שמייכלט) איר זיינט אויך אַ באָלשעוויק ?

געווינער: ניין, איך ניט. איך בין אַ סאָציאַל דע־מאָקראַט און האַלט מיך פעסט אָן קאַרל מאַרקס׳ קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, אָבער גוט, זאָלן זיי ווייזן, וואָס זיי קענען אויפ־טאָן.

פרוי געווינער: ער — אַ באָלשעוויק! ער וואָלט געווען, ווען ער וואָלט ניט מורא געהאַט.

געווינער: (טוט אויף איר אַ שאַרפן קוק) וואָס איז דאָ וואָס מורא צו האָבן ? ווען דאָס פאָלק וויל און די עקאָנאָמישע סטרוקטור איז רייף — צי מען וויל צי מען וויל ניט, עס קומט שוין במילא.

בערטאַ: די עקאָנאָמישע סטרוקטור איז דווקא ניט רייף אין רוסלאַנד פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע — אָבער דער צער און די ליידן זיינען שוין געווען גענוג גרויס, אַז דאָס פרידלאָבע רוסישע פאָלק האָט זיך ענטשלאָסן — זיכער, אויב שוין בלוט, זאָל עס כאָטש נוצן ברייינגען, נוצן פאַר דעם פאָלק, פאַר די ברייטע מאַסן.

גוויגער: ריכטיג, הלואי אויף אמעריקא געזאגט געווארן. נו, יא, די איינצלהייטן: ווי אזוי דענקט איר איבערגעבן די הייזער דעם פאלק — צו די שכנים ?

בערטא: אנפאנגס האב איך געדענקט עס אין גאנצן אוועקצושענקען. אבער דאס וואלט געווען נאריש. דאס פאלק שעצט לייכט זאכן, וועלכע ווערן אים געשענקט. האב איך זיך בארעכנט, אז איך וועל אייך פארקויפן די הייזער פאר דעם זעלבן פרייז, וואס זיי האבן אונז געקאסט אין 1910 — 50.000 דאלער. דער ערשטער מארטגעידזש טרעפט אן 30.000 דאל. וועל איך דאס איבערשרייבן אויף דער געזעלשאפט, וואס מיר וועלן היינט אוונט גרינדן און 20.000 דאלער וועט איר מיר אויסצאלן מיט דעם רענט, וואס איר צאלט מאנאטליך, און אין דריי יאר ארום וועלן די הייזער זיין אייערע — בעלאנגען צו דער געזעלשאפט. און איך דענק פאר דעם געלט גרינדן אזא מין אנשטאלט דא אין דער בראנקס וואס דאס פאלק וועט באשליסן אין אנדענקען פון מיינע צוויי זין — (אין א נידעריקן טאן) אפפער פון דער מלחמה. (ווישט זיך די אויגן).

געוויגער און פרוי געוויגער: (גיבן זיך א כאפ ביידע מיט אמאל) צוויי זין ? צוויי ? !

בערטא: (ווישט די אויגן) צוויי זין. איינער איז געפאלן אין שלאכט, דער צווייטער לעבט נאך, אבער — —

פרוי געוויגער: צוויי זין ! די עלטערע ? גאט !

געוויגער: (שטאמלט) ווי, ווי אזוי האט איר זיי געלאזט גיין ? (בערטא זיפצט) ביידע געפאלן ? ! (פויזע)

פרוי געוויגער: ווי שיין דער עלטערער אייערער איז געווען ! אזא שטילער, בנעמות'דיקער, איידעלער. איך געדענק אים.

געוויגער: וויפל לעבנס די מלחמה האט צובראכן.

(עס הערט זיך א קלינגען. עס קומען אריין הער און פרוי פוקס מיט געמאכטער שטייפקייט. זי איז א גראבע הויכע פרוי פון א יאר 55. זי איז אויסגעפוצט מיט דימענטענע אויערינגלאך און א דימענט אויף איינעם פון די פינגער און א גאלדן קייט און זייגער אויף דעם האלז און אין א זיידענער קלייד. ער — א קליין דאר מענטשל פון די זעלבע יארן מיט א קאפ נידעריקער פון איר, מיט א צוגעשוירן בערדל, אין א הארטן קאפעליוש, גאלדן קייט און זייגער אין זיין קאמזויל. ער איז צוריקגעהאלטן, שרעקעדיג. זיי האבן איצט א שטע־לע אלס אופזעער און אויפזעערין פון טעמפל עדת ישראל און האבן פריער געהאט פארנומען די זעלבע שטעלע ביי די סילווערמאנס איבער די צוויי הייזער. איצט וואוינען זיי דארטן אלס שכנים. נאכדעם ווי זיי באגריסן זיך, בלייבן זיי שטיין אונענטשלאסן ווי זיי וואלטן ווען צוגיין און רייכן די הענט בערטא'ן, נאר זיי וואגן ניט. בערטא בא־מערקט עס, גייט צו צו זיי, באגריסט זיי הערצליך און רייכט זיי די האנט).

בערטא: וואס מאכט איר, מיסטער און מיסעס פוקס? איר קוקט דאך אויס, קיין עין הרע — (באטראכט פרוי פוקס, בא־מערקנדיק דעם גאלדענעם קייט מיטן זייגער, די דימענטענע אויערינגלאך און דעם דימענט אויף א פינגער) דאס איז פיין, רייך געווארן. (קא־קעטיש) עס פאסט אייך אויסגעצייכנט.

פרוי פוקס: נו יא, ניט רייך געווארן, אבער א דיי־מאנד—דאס איז א זאך לייטעסט סטייל! (קוקט אויף בערטא'ן בייז) וואס, וואס זשע, איר פארגינט מיר ניט? איר זיינט געקומען רייזן די רענט? (פוקס גיט איר א צי ביים קלוידל).

בערטא: (גיט א ציטער. גייט צו איר שטיל, זעצט זיך).

געווינער: ניין, מיסעס פוקס, מען וועט ניט רייזן קיין רענט.

פרוי פוקס: (מיט א חניפה שמייכעלע) ניט רייזן קיין רענט? וואס זשע האט איר גערופן א מיטינג?

געוויינער: איר וועט שוין זען און הערן, ווען דער מיטינג וועט זיך עפענען. זעצט זיך, פּליז.

פרוי פּוקס: אזוי, ניט רייזן די רענט? שור, איך האָב דאָך געוואוסט, וואָס זשע, אזא גוטע, איידעלע פרוי ווי מיסעס סילווערמאַן וועט רייזן רענט? אזוי פיל יאָרן געווען א גוטע, ניט גערייזט קיין רענט. (טראַכט וועגן עפּעס) יאָ, איינמאָל בלויז. נו, מילא, איינמאָל — איינמאָל מאַכט ניט אוים. וואָס מאַכט מיסטער סילווערמאַן? וואָס מאַכן אייערע קינדער? היבשע קינדער קיין עין הרע, האַ?

בערטא: איך דאַנק אייך.

פרוי פּוקס: איר וואָלט געדאַרפט זען מיינע קינדער, קיין בייז אויג זאָל זיי ניט שאַטן, דאָס זיינען דאָך פּרימעס. קיידי, ווייסט איר דאָך קיידי, געווען אַלע יאָרן א קבצנ'טע, א קאַרפּענטער'ס א פרוי, מישטיינס געזאָגט, קוים פאַרדינט אויף א לעבן, אָבער היינט? אהאַ! ער איז דאָך א פּאָדריאַדטשיק, אויף מיין וואָרט, א פּאָדריאַדטשיק, א קאָנטראַקטאָר, מיין איך. נעמט אָן אזעלכע קאָנטראַקטן אזש עס דרייט א מוח, ביז אויף דעם צענטן פלאָר נעמט ער אָן קאָנטראַקטן, איר וואָלט זיי געדאַרפט זען — בלוט און מילך, אָט אזוי אָ. (ווייזט ווי פעט זיי זיינען געוואָרן) און מיין זון, אונזער בן יחיד, מיין איך, ער איז דאָך גאָר „מסאשער" געוואָרן, אַן אייגענע פעקטאָרי פון דרעסעס מיט א פּאַרטנער, אפילו מיט גאַנצע 20 מאַשינעס לויפן דאָרט און מען ארבעט אָווערטיים! (אין א גידעריקן טאָן) נאָר פון סיידי'ן האָב איך צרות.

בערטא: וואָס פאַר א צרות?

פרוי פּוקס: זי איז, אָן עין הרע, אָלרייט, שיין ווי א בלום, בויגיק ווי א צווייגל און דרעסט זיך לייטעסט סטייל. א האַרסאָן מיט סקאָנק טרים. יאָ, יאָ, האַרסאָן סיעל, און גייט אויף די שענסטע בעלער אין וואַלדאָר אַצטאָריע, נאָר זי האָט זיך אריינ־

גענומען א מאנקאלי אין קאפ: נאר א מאנופעקטשורער, א קלאוק מאנופעקטשורער מיט א מאשין, אז ניט — וויל זי ניט. (גייט צו צו בערטא'ן און רוימט איר איין א סוד אין אויער) און זי איז שוין 23 יאר אלט. וואס מאכט עפעס אייער עלטסטער זון? א שיינער גרויסער בחור „מאניסטאם", מיט דעם טאטן אין ביזנעס. (בערטא שאקלט טרויעריק מיט דעם קאפ).

פרוי געווינער: זעצט איך, מיסעס פוקס, זייט אזוי גוט.

פרוי פוקס: וואס הייסט? איך פרעג דאך אויף די קינדער, איך קען זיי דאך ווען זיי זיינען נאך געווען שנעקעס, פילייכט מיין —

געווינער: (שטעלט זיך אויף, רוימט איר אן א סוד אין אויער און נעמט איר אן פאר דער האנט און וויל איר אוועקזעצן)

פרוי פוקס: (מיט געמאכטער הארץ קלעמעניש) אוי, א מכה איז מיר! דער'הרג'עט געווארן! ? ווי אזוי?

געווינער: (אומגעדולדיג) זעצט איך, זעצט איך.

פוקס: (גיט איר א צי פארן קליידל, דאן נעמט ער איר אן פאר דער האנט און זעצט איר מיט גוואלד אוועק אנטקעגן בערטא'ן) זעץ זיך.

פרוי פוקס: נו, און דער קלענערער?

פרוי געווינער: (בויגט זיך איין און רוימט איר א סוד אין אויער).

פרוי פוקס: (שפרינגט אויף) אוי וויי איז מיר! ביידע? ביידע דער'הרג'עט געווארן, מיסעס סילווערמאן? אזעל־כע שיינע, אזעלכע גוטע, אזעלכע איידעלע קינדער! (נעמט ארויס א טיכעלע און ווישט די אויגן) נו, און דער דריטער?

ס ע ם : (שטעלט זיך אויף אומגעדולדיג, זאָגנדיג) זעצט אייך, מיסעס פוקס, פּליז.

פ ר ו י פ ו ק ס : אָ, ביסטו דאָס, דאָס ביסטו, סעם? געוואוּן אזא שנעקל. (מעסט אָפּ מיט דער האַנט ווי קליין ער איז געווען) געדענקסט, פלעגסטו זיך שפּילן מיט די קוילן אין סעלער? שוין, א געזונטער גרויסער בחור, מיט דעם טאַטן אין ביזנעס „מאַניסטאַם". ווי אַלט — (כאַפּט זיך ביים מויל. צו בערטאַ'ן) ווארום האָט איר ארויסגעמופט פון די בראָנקס? אין דער וועסט סייד איז בעסער?

(עס הערט זאך א קלינגען. עס קומען אריין לעוויצקי, לינקאָוו־סקי און סאָניאַ, מיסטער טויבער, הער און פרוי גאָטליב, שכנים און שכנות פון פאַרשידענער עלטער. עס הערן זיך באַגריסונגען. הער און פרוי געווינער גייען אַרום און בעטן זיך יעדן אויסזעצן. אַלע שטולן ווערן פאַרנומען. פילע שטעלן זיך אַרום די ווענט, נעבן פענסטער, א. ז. וו.)

ג ע װ י נ ע ר : נו, איצט, גלויב איך, קענען מיר שוין צוטרעטן צו ביזנעס.

ע ר ש ט ע ש כ נ ה : עס וועלן קומען נאָך. פון אונזער הויז קלייבן זיך אַלע קומען אהער. איר וועט מוזן צושטופּן די ווענט. זיי וועלן בשום אופן ניט דערלאָזן מען זאָל רייזן די רענט.

ג ע װ י נ ע ר : עס האַנדלט זיך דאָ ניט וועגן רייזן קיין רענט. עס האַנדלט זיך דאָ גאָר וועגן א הויכן עניין.

ע ט ל א כ ע ש ט י מ ע ן : אזוי?

צ װ י י ט ע ש כ נ ה : (אומגעדולדיק) מיר דאַרפן ניט וואַרטן. מיר קאָנען דאָך ניט וואַרטן א גאַנצע נאַכט. די קינ־דער קענען זיך נאָך אויפכאַפּן.

ד ר י ט ע ש כ נ ה : אז מען האָט קינדער, גייט מען ניט צו קיין מיטינגען.

צווייטע שכנה: (אין כעס) איך פרעג אייך ניט!

געווינער: עס האנדלט זיך דא גאר וועגן א הויכן, א הויכן ענין, אז אויסגעצייכנט פלאן, און לאזט מיך אייך דא גלייך דערקלערן, אז קיין רענט וועט ניט געררייזט ווערן.

שטימען: פיין, פיין, זייער פיין.

איין שטימע: א גוטע לענדליידי!

א צווייטע שטימע: זי איז געווען רייך, אויף מיר געזאגט געווארן.

(עס קומען צו נאך עטלאכע שכנים און שכנות)

געווינער: איך גלויב, אז מיר מעגן צוטרעטן צו עפענען דעם מיטינג.

לעוויצקי: נאמינייטען פאר טשערמאן!

סאניא: (א מיידל פון א יאר 28, מיטל וואוקס, קורץ געשוירענע האר, מיט א הויכער ביוסט און פייערדיקע אויגן. האט קיינמאל קיין בוך ניט געלייענט און האלט זיך פאר א גאנצע אינטעליגענטקע) יא, נאמינייטען פאר טשערמאן!

ערשטער שכן: זאל מיסטער געווינער זיין טשערמאן!

לינקאווסקי: (א בחור פון א יאר 26, א נידעריקער, פון מיטל וואוקס, מיט א שיינער קאפ האר אלא גארקי, און א קורצן האלז, טראגט אן איינפאכע ארבעטס־העמד און האלט מערסטנס די הענט אין די קעשענעס) קיינמאל ניט!

ערשטער שכן: עס איז דאך זיין הויז, ער האט דאך דעם מיטינג צוזאמענגערופן.

לעוויצקי: דא האנדלט זיך ניט וועגן פריווילעגיעס, וועגן כבודים, דער הויכער ענין איז מסתמא אלעמען נוגע און מען

דארף ערוויילן אַן אומפּאַרטייאישן טשערמאַן, אַן אמת'ן פריינד פון פאָלק.

לינקאָווסקי: ריכטיג.

צווייטער שכן: איך שלאָג פאָר מיסטער לעווויצקי.

שטימען: (הערן זיך) יאָ, יאָ!

איין שטימע: איך אונטערשטיץ.

ערשטער שכן: עס איז אַ שאַנדע גאָר מאַכן אַזאַ פאָרשלאָג. מיסטער גוויינער איז אַ סאָציאַליסט, אַ פריינד פון פאָלק. און אַ מעמבער פון ארבעטער רינג!

סאָניאַ: (לאַכט סאַרקאַסטיש) כאַ, כאַ, כאַ, ארבעטער רינג! אַ סימן פון ראַדיקאַליזם! (פעסט) מיר האָבן גאָרניט צו טאָן מיט דעם טויטן און באַגראָבענעם אָרדן!

לעווויצקי: עס מוז ערוויילט ווערן אַן אומפּאַרטייאישער טשערמאַן!

ערשטער שכן: איר ווייסט דאָך גאָרניט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

גוויינער: עס האַנדלט זיך וועגן גאָר אַ הויכן ענין, זייער אַ פּראַקטישן און ווינשנסווערטן. מיסיס סילווערמאַן וויל ניט רייזן קיין רענט, זי וויל אונז איבערגעבן די צוויי הייזער, מיר זאָלן זיי אַליין פאַרוואַלטן.

(עס ווערט אַ שמחה און אַ געטומל: „גוט, גוט, אַ פיינע פרוי! אַ גוטע לענדליידי!")

טויבער: (דער גראָסערי מאַן פון אַ יאָר פינף און פערציג, וועלכער איז טויב און שטייט ניט ווייט פון דעם שכן, פרעגט אים

וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, און ער שרייט אים אַריין אין אויער: „ניט רייזן קיין רענט! פאַרוואַלטן די הייזער!" אַ ברייטער שמייכל באַווייזט זיך אויף זיין פּנים)

לעוויצקי: אויב דאָס איז דער הויכער ענין, דאַרף מען אודאי און אודאי האָבן אַן אומפּאַרטייאישן טשערמאַן!

ליכקאָווסקי: זיכער, איך שלאָג פאָר לעוויצקי'ן.

ערשטער שכן: קיינמאָל ניט! עס איז אַ שאַנדע. מיר דאַרפן ניט האָבן קיין באָלשעוויקעס.

(עס הערן זיך שטימען: יאָ, יאָ! ניין, ניין!)

לעוויצקי: אַן אומפּאַרטייאישער טשערמאַן איז זייער וויכטיג. פון וואַנען ווייסן מיר, אַז דאָ שטעקט ניט קיין שפּיצל, קיין טריק, און מיסטער געווינער האָט ניט אָפּגעמאַכט פריער מיט דער מאַדאַם לענדלײדי וועגן אַריינפירן דאָס פאָלק אין אַ בלאָטע?

שטימען: (הערן זיך) ריכטיק, ריכטיק, לעוויצקי טשער־מאַן.

ערשטער שכן: (אויפגערעגט) איר וועט אונז ניט פאַרדרייען קיין קאָפּ מיט קיין פראַזן וועגן טריקס. דער טשערמאַן איז דאָך ניט דאָס פאָלק. מיר, מיר, דאָס פאָלק, וועלן דאָך באַ־שליסן וועגן דעם פּלאַן, טאָ ווי קען דאָ זיין אַ רייד פון שפּיצלאָך פון טריקס?

שטימען: ריכטיג, ריכטיג!

דריטער שכן: נעמט די פראַגע צום אָפּשטימען.

צווייטער שכן: אַ פּאָינט אָוו אינפאָרמיישאַן: ווי אַזוי וועט איר שטימען?

דריטער שכן: מיט אויפהויבן די הענט.

ש ט י מ ע ן : גוט, גוט !

ג ע וו י נ ע ר : ווער עס איז דאפיר, אז איך זאל זיין טשערמאן היינט אוונט, זאל אויפהויבן די האנט ! (עס הויבן זיך אויף א מערהייט הענט, געווינער ציילט זיי) דאנקען ? (עס הויבן זיך אויף א קלענערע צאל הענט) איך האב די עהרע אייך צו מעלדן, אז איך בין ערוויילט געווארן טשערמאן ביי זיך אין הויז פאר היינטיגן אוונט. און איך דערקלער דעם מיטינג פאר ערעפנט (עס הערט זיך א בראוואָ פאטשעריי) אלזא, ווי איר ווייסט, גייט איצט אן א ווילדע ספעקולאציע אין ריל עסטייט. איבערנאכט ווערט געריזט רענט פון 18 דאלער אויף 40 און פון 22 דאלער אויף 50 און פיל לענדלארדס צווינגען זייערע הילפלאזע טענענטס אונטערשרייבן ליסעס און געבן סעקיוריטי און ווי אימער איז גערעכטיגקייט אויף דער זייט פון די לענדלארדס. דעם מעיארס קאמיטע איז ניט מער ווי א בלאף און די קאנסומערס און טענענטס ליג, וואס מיר האבן דא געגרינדעט, ווערט פארשריגן אלס באלשעוויסטיש, אנארכיסטיש א. אז. וו. דא פאר אונז זיצט א פרוי, אן אלטע רעוואלוציאנערין פון סאמע קיעוו. האט געארבעט צוזאמען מיט סטעפניאק, סאפיא פעראווסקאיא, און ווערא זאסוליטש (לעוויצקי, לינקאווסקי און סאניא קוקן זיך איין אין בערטא'ס פנים) און האט, האט — (ווענדעט זיך צו בערטא'ן) איר האט ניט אנטייל גענומען אין אן אטענטאט אויף דעם קיעווער גובערנאטאר ?

ב ע ר ט א : (שארף) ניין !

ג ע וו י נ ע ר : (אין א פארלעגנהייט) אלזא, איינע פון די אלטע רעוואלוציאנערן, און האט באשלאסן אוועקגעבן אירע הייזער צום פאלק. (שטימען : גוט ! גוט ! אוועקגעבן !) אמת, אין אנפאנג, האט זי געדענקט פשוט אוועקשענקען די הייזער צו די שכנים, אבער ווי איר ווייסט דאך, האבן מיר פיינט נדבות — און זי האט באשלאסן אונז צו פארקויפן. (שטימען : „פארקויפן ?")

פארקויפן פאר דעם זעלביקן פרייז, וואס זי האט פאר זיי באַ־
צאָלט אין 1910. זיי קאָסט 50.000 דאָלער. 30 טויזנט דאלער איז דער ערשטער מאָרטגעידזש און 20 טויזנט דאלער דארפן מיר איינצאָלן ניט מיט אמאָל, נאָר מיט די רענט, וואָס מיר צאָלן, און אין דריי יאָר ארום וועלן די הייזער זיין אונזערע — אונזער אייגנטום. און שטעלט אייך פאָר ווייטער, אז נאָך די דריי יאָר וועלן מיר ווייטער צאָלן רענט. (שטימען: „צו וואָס?“) מיר וועלן ווייטער צאָלן און מיט דעם געלט וועלן מיר אָפּקויפן נאָך הייזער און נאָך הייזער, גאַנצע בלאָקס. עס איז דאָך — מיין האַרץ ציטערט פאר פרייד — עס איז דאָך, עס איז דאָך אויס־געצייכנט, דאָס איז עס דאָך, וואָס מיר ווילן — פּראָג־ראַם מינימום, דאָס איז סאָציאַליזם פון ריינסטן סאָרט. איך גיי פאַרשלאָגן אויף דער קומענדער קאָנווענשאָן פון ארבעטער־רינג — — —

ערשטער שכן: איילט זיך ניט אזוי, מיסטער געוויי־נער. (אַלע לאַכן)

געווינער: און נאָך א זאַך. מיסעס סילווערמאן איז אזוי נאָבל און גוט, אז זי וויל אפילו ניט דאָס געלד, וואָס מיר וועלן איר איינצאָלן אין דער פאָרם פון רענט און זי וויל גרינדן דאָ אין דער בראָנקס אזא סאָרט אנשטאַלט, אין וועלכן מיר, דאָס פאָלק, נויטיקן זיך, און לאָזט עס איבער צו אונז צו באַשליסן, וואָס פאר א סאָרט אנשטאַלט עס זאָל זיין. דאָס וועט זיין צום אנדענקען פון אירע צוויי זין, וועלכע זיינען געפאַלן אין דער מלחמה. (אייניקע שמאָצקען מיט די ליפּן. שטימען: „זייער פיין, זייער נאָבל“) נו, דעריבער האָב איך גערופן דעם מיטינג, מען זאָל גרינדן אזא געזעלשאַפט, וועלכע זאָל געזעצליך איבערנעמען די הייזער און צוטרעטן צו פּראַקטישער ארבעט.

לעוויצקי: משערמאַן, גיט מיר דאָס וואָרט.

געווינער: לעוויצקי האָט דאָס וואָרט.

ל ע ו ו י צ ק י : פריינדע ! מיר האָבן דאָ געהערט זייער א שיינע און פּאַטעטישע רעדע פון דעם טשערמאַן וועגן אַ נאָבעלער פרוי, אַן אַלטע רעוואָלוציאָנערין, וועלכע האָט אַזש געוואָרפן באָמבעס אויף דעם קיעווער גובערנאַטאָר און האָט פון דעסטוועגן ניט פאַרגעסן צו ווערן רייך דורך ספּעקולאַציע אויף ריל עסטייט און דורך עקספּלואַטאַציע פון די קלאָוק אַרבעטער ; וועלכע האָט פאַרלוירן צוויי זין אין דער קאַפּיטאַליסטישער מלחמה און איצט אום ריינצואוואַשן איר געוויסן, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט בלוט און טרערן פון אירע קרבנות, וואָס זי האָט אַזוי לאַנג עקספּלאָאַטירט און געזויגן, קומט זי און וויל אונז צוואַרפן אַ נדבה פון צוואַנציק טויזנט דאָלער. איך דערקלער קאַטעגאָריש, מיר דאַרפן ניט קיין נדבות, מיר ווילן ניט קיין הייזער ! די הייזער, צי זיי וועלן באַלאַנגען צו אונז אָדער צו איר, וועט ניט ענדערן די געזעלשאַפט אויף אַ האָר. וואָס מיר ווילן איז : א ל ע ה י י ז ע ר ! א ל ע פּעקטאָרים ! און א ל ע מיינס ! און קיין איין סענט ניט באַצאָלן !

(עס ווערט אַ טומל. עס הערן זיך שטימען : „באָלשעוויק ! פראַזן־שיסער ! יאָ, יאָ ! ניין, ניין !)

ע ר ש ט ע ר ש כ ן : (שרייט העכער פון אַלעמען) איר זיינט משוגע ! חסר דעה !

ל ע ו ו י צ ק י : צי איך בין משוגע צי חסר דעה, קען אַ קליין־בירגער ניט באַשטימען, און אַזאַ בורזשוי ווי איר (ווענדט זיך צום ערשטן שכן) קען מיך ניט משפּט'ן (אין אַ הויכער שטים) איצט איז אַ צייט פון איבערקערענישן, פון סאָציאַלע רעוואָלוציעס! מיר קאָנען ניט, דאַרפן ניט, טאָרן זיך ניט רעכענען מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון קליינבירגער ! (מיט פעראַכטונג) די וועלט האָט געוואַרט אויף דעם מאָמענט טויזנטער יאָרן. און ווער עס שטעלט זיך אין וועג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, איז אַ פאַררעטער, און מיט פאַררעטער וועלן מיר האַנדלען ווי זיי פאַרדינען ! איך קאָן פאַרשטיין די געפילן און די מאָטיוון פון דער מאַדאַם לענדליידי. זי

האט אפילו מיין סימפאטיע. ווען מען פארלירט צוויי זין אין א מלחמה, אין א קאפיטאליסטישער מלחמה איז דאס זייער א גרויסער קרבן. אבער דאס איז ניט אונזער שולד. מיר האבן זיי ניט געשיקט, און ווען די מאדאם לענדליידי מיינט ערנסט, וויל באמת תשובה טאן, דארף זי איבערגעבן די הייזער צו אונז, קאמוניסטן. מיר זיינען די איינציקע פריינט פון פאלק, ווען מען קען טרויען, אלע אנדערע זיינען פארעטער!

ערשטער שכן: (אין א תויכער ציטערנדיקער שטים) ווארפט אים ארויס! ווארפט אים ארויס! (גרויס געטומל).

געווינער: (קלאפט מיט דער האנט אין טיש) ארדנונג, ארדער!

לעוויצקי: (שרייט) מיך ארויסווארפן? מיך??!!

ערשטער שכן: איר זיינט א צושטערער! פארט אייך קיין רוסלאנד!

געווינער: ארדער, ארדנונג!

ערשטער שכן: טשערמאן, גיט מיר דאס ווארט!

געווינער: מיסטער סענסמאן האט דאס ווארט.

ערשטער שכן: מיסטער לעוויצקי האט דא געהאלטן א פלאם פייערדיקע רעדע, און וועלכער ער האט באוויזן, אז ער איז א פינסטערער פאנאטיקער, אז צוליב זיין ענגהארציקן פאנאטיזם איז ער בארייט אויסצו'הרג'ענען די גאנצע וועלט. ביי אים אין קאפ איז די וועלט ניט קיין לעבעדיגע וועלט מיט לעבעדיגע וועזנס, מיט געפילן, ווּאונשן, ליידנשאפטן, נאר א פרינציפ, אן אבסטראקטער פרינציפ — דער פרינציפ פון צושטערונג. די צוויי הייזער דארף ער ניט. ער וויל אלע הייזער, אלע פעקטארים, אלע מיינס און אויב מיסעס סילווערמאן מיינט עס באמת, וויל תשובה טאן, זאל זי איבערגעבן די הייזער צו אים, ער

ווערט שוין מאכן פון זיי א תכלית. (מיט היץ) ווארפט אים ארויס, דעם באלשעוויק! זאל ער פארן קיין רוסלאנד! (לעוויצקי סטראשעט אים מיט א קולאק).

ס א נ י א: מיר ווילן מאכן אויך אמעריקע פאר א רוסלאנד!

ג ע ו ו י נ ע ר: ארדער, ארדנונג!

ע ר ש ט ע ר ש כ ן: (הויך) מיר דארפן ניט רוסלאנד. אמעריקע איז גוט גענוג פאר אונז. מיר דארפן בלויז האבן א סך אזעלכע נאבעלע מענטשן ווי די סילווערמאנס און מיר וועלן לאכן פון אייער רוסלאנד! איך רעכן, אז דער פלאן אין אן אויסגעצייכנטער. איך מאך א פארשלאג, אז עס זאל ערוויילט ווערן א קאמיטע וואס זאל ארבעטן אין דער זאך.

צ ו ו י י ט ע ר ש כ ן: איך אונטערשטיץ.

ס א נ י א: גיט מיר דאס ווארט.

ג ע ו ו י נ ע ר: סאניא האט דאס ווארט.

ס א נ י א: איך וויל פרעגן דער מאדאם לענדליידי א פראגע. (ווענדט זיך צו בערטא׳ן) די הייזער גיט איר אונז שוין אוועק. נו, און וואס איז מכח דער פעקטארי?

ב ע ר ט א: (הויבט זיך אויף אין גוואלדיגן צארן) רופט מיך ניט מאדאם, מאדאם לענדליידי! מיין נאמען איז אייגפאך — מיסעס סילווערמאן! (זעצט זיך)

ס א נ י א: (פרעסנדיג די פראגע) און וואס איז מכח דער פעקטארי?

ע ר ש ט ע ר ש כ ן: און מיט די הייזער האט איר שוין געסעטלט?

ג ע ו ו י נ ע ר: ארדער, ארדנונג!

ל י נ ק אָ ו ו ס ק י : וואָס איז דאָ וואָס צו סעטלען ? מיר ווילן ניט גיין מיט דער בורזשואזי, מיט די קליין־בירגער, מיט דעם עמבראָידערי מאַנופעקטשורער און מיט דעם בורזשואזן שרייבער אָפּאַטאָווסקי ! די הייזער דאַרפן באַלאַנגען צו אונז !

ע ר ש ט ע ר ש כ ן : (מיט כעס) קיין רוסלאַנד ! קיין רוסלאַנד !

ג ע ו ו י נ ע ר : אָרדער ! אָרדנונג !

ל ע ו ו י צ ק י : איך זע, אַז יענער שכן האָט געמוזט אָפּמאַכן פריער מיט דעם טשערמאַן און דער מאַדאַם לענדליידי. עס מוז דאָ זיין אַ טריק, עפּעס קאָכט ער זיך מיר צופיל. מיר ווילן נ י ט ד ע ר ל אָ ז ן איר זאָלט אריינפירן דאָס פאָלק אין אַ בלאָטע. (ווענדט זיך צו בערטאַ'ן אין אַ שאַרפן טאָן) מאַדאַם, אויב איר זיינט באמת אַ רוסישע טאָכטער, ערצויגן געוואָרן אויף דער רוסישער ליטעראַטור און סימפּאַטיזירט מיט אונז, קאָמוניסטן, מ ו ז ט איר איבערגעבן די הייזער צו אונז. מיר ווילן ניט מאַכן קיינע קאָמפּראָמיסן, מיר ווילן מיט דעם בורזשואזן געזינדל ניט גיין צוזאַמען. א ו נ ז אָדער — ז י י .

ע ר ש ט ע ר ש כ ן : גייט אייך ! ווער דאַרף אייך !

ג ע ו ו י נ ע ר : אָרדנונג !

צ ו ו י ט ע ר ש כ ן : לעוויצקי, עס איז שוין צופיל, צופיל . . .

ג ע ו ו י נ ע ר : אָרדנונג, אָרדנונג, איר האָט ניט דאָס וואָרט.

ל ע ו ו י צ ק י : עס איז אַ טריק ! אַן אָנשטעל ! (צו בערטאַ'ן) מאַדאַם, מיינט איר דאָס ערנסט ? זיינט איר אַ רוסישע טאָכטער ?

ב ע ר ט א : איך גיב דאָס איבער צום פאָלק.

ל י נ ק א װ ס ק י : (װעלכער האלט די הענט אין די קעשענעס, גיט זיך אַ דריי איבער דעם צימער אומגעדולדיג, נעמט אַרויס איין האנט און װײַזט אויף די שכנים מיט פאראכטונג) פאַלק, פאַלק! װאָס װײסן זײ, אַט די פינסטערע מאסע!

ש ט י מ ע ן : מיר זײנען קליגער פון אײך, װאַרפט אים אַרויס!

(עס װערט אַ טומל. גענױנער קלאַפּט מיט דער האַנט אָן טיש און רופט צו אָרדנונג).

ל ע װ י צ ק י : מאדאם, קלײבט אויס צװישן אונז און זײ! גוד בײ. (גײט אַרויס).

ע ר ש ט ע ש כ נ ה: גיט מיר דאָס װאָרט.

ג ע װ י נ ע ר : איר האָט דאָס װאָרט.

ע ר ש ט ע ש כ נ ה : איך האָב געװאָלט פרעגן אַ פראגע. עס איז אפשר אַ נארישע פראגע, אָבער דאָך אַ פראגע. א י ך װאוין אויף דעם טאָפּ פלאָר, בעק, און מיסעס שװארצבארד װאוינט אויפן דריטן פלאָר, פראַנט און צאָלט בלויז מיט 2 דאָלער מער פון מיר. װאָרום קומט עס איר?

צ װ י י ט ע ש כ נ ה : טאקע פאַרװאָס? איך בין קראַנק, קוים װאָס איך פּלאַנטער מיט די פיס, איך װאָלט געצאָלט אפילו 25 דאָלער אַ מאָנאַט, אַבי צו װאױנען אויף דעם ערשטן פלאָר, און דאָרט װאױנט גאָר אַ יונג װײבעלע אָן קינדער, זיצט אימער אויסגעפּוצט מיט אַן אָנגעפּודערטן נעזל אין דער „װינדע" און שמײכלט.

ד ר י ט ע ש כ נ ה : עס איז גאָר קײן יושר ניט, אַז די קראַנקע מיט פּיצלאַך קינדער זאָלן װאױנען אויף דעם דריטן, פערטן און פינפטן פלאָר. מען װאָלט געדאַרפט זיך „איבערטשענדזשען" די געזונטע אויף דעם פינפטן פלאָר און די קראַנקע אויף דעם ערשטן פלאָר.

דריטער שכן: און ווער וועט באשטימען, וועלכע פרוי איז קראנק און וועלכע פרוי איז געזונט? מיר דאכט זיך, אז אלע פרויען זיינען קראנק. (אלע לאכן).

ערשטער שכן: ווען מיר וועלן רייזן אזעלכע פראגן, וועלן מיר קיינמאל צו קיין באשלום ניט קומען. ווארום רייזט איר ניט אזעלכע פראגן, ווען די הייזער באלאנגען צו מיסעס סילווערמאן? אלע וואוינען, אלע צאלן רענט, אלע זיינען מער אדער ווייניקער צופרידן, טא ווארום זאל עס זיין ביי אונז אנדערש? לאמיר זיך פארשטעלן, אז מיר צאלן רענט מיסעס סילווערמאן און פארגעסן, אז די הייזער באלאנגען צו אונז, וועלן מיר זיין צופרידן. (צום טשערמאן) מיסטער טשערמאן, נעמט מיין פארשלאג צום אפשטימען.

ערשטע שכנה: (נאאיוו, צום אוים די ווערטער) מען קאן אבער אזא זאך ניט פארגעסן. ווען עס איז יענעמס, איז דאס יענעמס. און ווען עס איז מיינס איז דאס מיינס. און ווען עס איז אונזער ווילן מיר אלע זיין גלייך. ווארום קומט אן אנדערן א בעסערער חלק?

צווייטער שכן: זיי צאלן דאך מער געלד דערפאר.

צווייטע שכנה: אבער איך בין קראנק, איך האב דריי קינדער.

צווייטער שכן: עס וועט זיך שוין אויספרעסן.

פרוי פוקס: כ'וויל די פארלאגע.

גענווינער: מיסעס פוקס האט דאס ווארט.

פרוי פוקס: איך פארשטיי אייך ניט, מיסעס סילווערמאן. איר זיינט דאך אזא קלוגע, אזא גוטע, אזא געראטענע און איר זאלט וועלן באגיין אזא נארישקייט. וואס הייסט איר וועט אוועקגעבן אייערע הייזער? וועמען וועט איר זיי אוועקגעבן?

צעצעליסטן ? זיי זיינען דאָך אַלע צעצעליסטן ! (ווייזט מיט די הענט אויף די שכנים) הלואי וואָלטן די הייזער געווען מיינע, וואָלט איך שוין געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיי . . .

פוקס: (הויבט זיך אויף פון שטול) נו טאַקע, אזא משוגעת!

צווייטער שכן: (אויפגערעגט) מען פרעגט אייך ניט, מיסטער פוקס !

פרוי טויבער: (די גראָסערי לידי פאַרשמייעט און פאַרשמירט לויפט אַריין מיט אומפּעט) וואו איז ער דאָרט וואו ? (צו־לויפנדיג צו טויבערן) וואָרום גייסטו ניט אַרונטער אין סטאָר ? דו ביסט דאָך געגאַנגען אויף פינף מינוט און עס איז שוין אַ האַלבע שטונדע !

טויבער: האָ ?

ערשטער שכן: (אים אין אויער) עס איז ביזי אין סטאָר, גייט אַרונטער.

טויבער: און איך וויל וויסן, וויפל מען וועט רייזן די רענט.

פרוי טויבער: (שאַרף צו בערטאַ'ן) יאָ, מאַדאַם. איר מיינט מיר מאַכן אַזעלכע גאָלדענע גליקן, וואָס איר זיינט גע־קומען רייזן די רענט ? וואָס טוט איר דאַרטן מיט דעם צוקער, וואָס ? ווער בעהאַלט דאָרטן ביי אייך דעם צוקער ? וואָרום קאָסט זעקס און צוואַנציק סענט אַ פונט צוקער ? (גרוים געלעכטער).

געווינער: מען גייט ניט רייזן די רענט, דרייט ניט קיין ספּאָדעק.

טויבער: (הויבט זיך אויף פון שטול. צו מיסעס טוי־בער) וויפל גייט מען רייזן ?

פרוי טויבער: (אים אין אויער) זיי זאָגן, אַז מען

וועט נים רייזן. גאַרניט רייזן, לאָז דאָס שוין איבער צו סאָניען. זי וועט שוין זען, אַז מען זאָל גאַרניט רייזן.

טויבער: (ווערט איבעראַשט פון די נייעס און אַ שמייכל צושפּרייט זיך איבער זיין פּנים) גאַרניט רייזן ?

געווינער: גאַרניט, גאַרניט רייזן, מיסטער טויבער !

טויבער: (גייט לאַנגזאַם אַרויס, שאָקלענדיק מיט דעם קאָפּ אומגלויבליך) גאַרניט רייזן ? גאַרניט רייזן ?

פרוי טויבער: (צו סאָניא'ן) וואו האלט עס ?

סאָניא: עס האלט ביי דער פעקטאָרי, די הייזער גיט זי שוין.

פרוי טויבער: (טאַמעוואַטע) וואָס הייסט זי גיט שוין די הייזער, עס האַלט ביי דער פעקטאָרי ?

סאָניא: זי וויל אונז אַוועקגעבן די הייזער.

פרוי טויבער: (גיט איר אַ צי ביים אַרבל) זיי ניט קיין נאַר, נעם דערווייל די הייזער —

סאָניא: זי וויל אָבער אונז מאכן שותפות מיט דער בורזשואזי, מיט דעם עמבראָאידערי מאַנופעקטשורער, דזשולערי סטאָר־קיפּער און דעם בורזשואזן שרייבער אַפּאַטאָווסקי.

פרוי טויבער: (גיט זיך אַ כאַפּ) דאָס ניט ! ניט מיט מיסעס אַפּאַטאָווסקי. זי איז דאָך אַזאַ קושענירקע. די וואַסער צאַפּט זי אויס, איידער זי קויפט עפּעס. (צו בערטאַ'ן) מאַדאַם, ווייסט איר ניט, וואו מען קריגט צוקער ? מיר ווערן דאָך אומ־גליקלאַך ! מיסטער נאַדעלסאָן „קראַסטעוויי" האָט צוקער, נעמט ער ביי אונז צו דעם גאַנצן טרייד. ווער באַהאַלט דאָרטן ביי אייך דעם צוקער ? וואָרום קאָסט זעקס און צוואַנציק סענט אַ פונט צוקער ?

ג ע ו ו י נ ע ר: איר האָט ניט דאָס וואָרט, מיסעס טויבער.

ג אָ ט ל י ב: (אַן אַלטער פּאַטריאַרכאַלישער טיפּ, וואָס וואוינט שוין ביי די סילווערמאַנס אַ סך יאָרן און וואָס ווערט אויסגעהאַלטן פון זיינע קינדער. ער איז אַ מאַן פון אַ יאָר פינף און זעכציק מיט אַ לאַנגער שניי־ווייסער באָרד מיט אַ קאַפּעליוש און אַ יאַרמולקע אונטער איר. ער טראָגט שוואַרצע קליידער און האַלט זיך זייער ציכטיק) קאָן איך האָבן דאָס וואָרט?

ג ע ו ו י נ ע ר: מיסטער גאָטליב האָט דאָס וואָרט.

ג אָ ט ל י ב: (פאַנגט אָן לאַנגזאַם מיט אַ גמרא ניגון, וועגנדיק יעדן וואָרט, וואָס ער רעט אַרויס) דער תלמוד זאָגט: לעולם ישלש אדם את נכסו. אַ מענטש דאַרף דריטלען זיין אייגנטום. שליש בצדקה: דאָס מיינט אַ דריטל דאַרף ער אַוועקגעבן אויף צדקה, און צדקה איז ניט קיין נדבה חלילה, נאָר גערעכטיקייט. שליש בפרגמטיא: — אַ דריטל זאָל ער אַריינלייגן אין פּריוואַט אייגנטום ווייל די וועלט קאָן נאָר דאַן האָבן אַ קיום, ווען יעדער האָט אַ חלק אין איר, ניט צופיל און ניט צו ווייניק, ווי עס שטייט אין דער הייליקער תורה: לרב תרבה נחלתו, ולמעט תמעיט נחלתו. (במדבר כו, נד). און מיסעס סילווערמאַן, ווי אַן אמת כשר'ע אי־דישע טכאָטער, האַנדלט דאָ אין דעם גייסט פון אידנטום. שליש דרך ארץ. (בבא מציאה, פּרק ג.) דאָס מיינט —

ל י נ ק אָ ו ו ס ק י: (אומגעדולדיק שלאָגט אים איבער) מיר דאַרפן ניט אייערע פאַרשימלטע דרשות, מיסטער גאָטליב.

ס ע ם: (פאַרדריסליך אויף לינקאָווסקי'ן, ווענדעט זיך מיט אַ בעטנדיקן בליק צו גאָטליבן) וואָס, וואָס זאָגט דער תלמוד, רבי גאָטליב?

ג אָ ט ל י ב: דער תלמוד זאָגט אויך: לא בדרדקי עצה, (שבת ט. ב.) דאָס מיינט, אז ביי קיין אינגלאַך, ביי חוצפה'ניקעס פרעגט מען ניט קיין עצות.

לינקאָווסקי: אין בית המדרש, מיסטער גאָטליב, איר פאַרשטייט ניט אונזער וועלט אנשויאונג. (סעם ווערט אין כעס און ווינקט צו געווינער'ן).

געווינער: שלאָגט ניט איבער, לינקאָווסקי, דרך ארץ אַ ביסל, איר האָט ניט דאָס וואָרט. (צו גאָטליב'ן) גייט אָן מיט אייער רעדע, מיסטער גאָטליב.

גאָטליב: און די תורה זאָגט: שאל אביך ויגדך, זקניך ויאמרו לאך. (דברים לב, ז.) דאָס מיינט: פרעגט ביי אונז אַלטע לייט, מיר ווייסן בעסער פון אייך — אינגלאַך. (צו זיין פרוי) נאַ, קום, מיין בת זוגי, עס וועט סיי ווי סיי דערפון גאָרניט ווערן. (וויל נעמען זיין אַלטע און גיין).

פרוי גאָטליב: (אַ פרוי איבער 60, דאַר און קליין אָבער זייער ציכטיק אָנגעטאָן, מיט אַ ווייס שטערן־טיכל אויפן קאָפּ) לאָזט מיר אויך זאָגן אַ פּאָר ווערטער?

געווינער: מיסעס גאָטליב האָט דאָס וואָרט.

פרוי גאָטליב: (לאַנגזאַם, די הענט פּאַרלייגט אויף דעם בויך) איך פאַרשטיי ניט, טאַטערשע, וואָס דו ווילסט דאָ אויפטאָן. ביי דיר זיינען געפאַלן צוויי זין אין דער מלחמה און ווילסט פאַראייביקן זייער אנדענקונג. האָסטו ניט געפונען קיין בעסערן פּלאַן ווי אַוועקגעבן דיינע הייזער צו די שכנים? נאָך איידער דו האָסט זיי אַוועקגעגעבן, קריגט מען זיך שוין ארום, וואָס וועט זיין נאָכדעם? איך פאַרזיכער דיר, ווייל איך בין עלטער פון דיר, אַז פונם פּלאַן וועט גאָרניט ווערן. איבערהויפּט איז צווישן אונז, דיינע שכנים, זיינען פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וואָס גלויבן ניט אין גאָט, האָבן קיין דרך ארץ פאַר אַלטע לייט און ריידן פון כל דבר אסור, פאָלג מיך, טאַטערשע, פאַרקויף דיינע הייזער און שטיץ אונזער דעי נוירסערי, וואָס מיר האָבן געגרינדעט אויף בעטגייט עווענין פאַר אָרימע אידישע קינדערלאַך, וועמעס מוטערס מוזן נעבאַך גיין

אין די שפּעטער אַרבעטן, זיך צו ערנערן. דו וועסט האָבן מער מצוה און אַ ליכטיקן גן עדן פאַר דיר און דיינע קינדער. (לעוויצקי קומט אַריין צוריק און רוימט עפּעס איין סאַניען אין אויער).

גאָטליב: יאָ, ריכטיג, טאַכטערשע, די בעסטע עצה, דאָס וועט זיין אַן אמת׳ער טרייסט פאַר דיר און פאַר די נשמות פון דיינע קינדער.

ערשטער שכן: מיסטער גאָטליב, מאַכט ניט צונישט אונזער פּלאַן.

גאָטליב: איך צונישט מאַכן? חס וחלילה! דער שכל איז מחייב, אַז עס וועט ניט אַרבעטן. צוערשט דאַרף מען האָבן גאָט אין האַרצן, דאַן קען מען מאַכן פּלענער. איר האָט פאַרגעסן אָן גאָט, דערפאַר האָבן אייערע פּלענער קיין האַפט, קיין ממשות ניט. קערט זיך אום צו גאָט און אייערע פּלענער וועלן זיין דויערהאַפט ווי גאָט אַליין.

ליגקאָווסקי: אין בית מדרש, רב גאָטליב!

גאָטליב: יאָ, אין בית מדרש, דאָרט וואו די אַלטע הייליגע תורה שטייט פאַרוויסט און פאַרלאָזן. דאָרטן, דאָרטן איז דער אמת אָן פּשט׳לאַך און אָן דריידלאַך. עס וועט אייך ניט העלפן, קינדערלאַך, עס וועט אייך ניט העלפן. קום, מיין בת זוגי, זאָלן זיי וויזן, וואָס זיי קענען אויפטאָן אָן גאָט. (זיי גייען לאַנגזאַם אַרויס, מורמלענדיג:) דער שכל איז מחייב, אַז עס וועט ניט אַרבעטן, דער שכל איז מחייב. (סעם און בערטאַ קוקן זיי נאָך מיט בענקנדיקע בליקן).

בערטאַ: (אויפגערעגט מיט אַ פאַרוואָלקטן פּנים, ווענדעט זיך צום טשערמאַן פּלוצלינג) מיין גלויבן, מיסטער געווינער, מיין גלויבן.

געווינער: (ניט פאַרשטייענדיק איר) וואָס מיינט איר, מיסעס סילווערמאַן?

בערטא: מיין גלויבן, מיין גלויבן, גיט מיר צוריק. מיין גלויבן.

גרווינער: (נאך אלץ ניט פארשטייענדיק) וואסער גלויבן, מיסעס סילווערמאן? איר זיינט דאך גאר א פריידענקערן.

בערטא: איך שעם מיך, מיינע פריינט, וועלכע גאראנטיעס האב איך, אז —

לינקאווסקי: קיין גאראנטיעס!

סאניא: מאדאם, האט איר דינסטן?

בערטא: איך האב ניט קיין דינסטן, איך האב מיטהעלפער.

סאניא: איר לעבט ווי א פאראזיט, איר טוט ניט קיין האנט אין קאלט וואסער.

בערטא: איך בין א מוטער פון קינדער, א פרוי פון א מאן, א שאפער!

לעוויצקי: האט אייער מאן באלאנגט צו דער סאציאליסטישער פארטיי?

גרווינער: ער האט באלאנגט נאר ער האט רעזיגנירט.

לעוויצקי: מען האט אים ארויסגעווארפן.

בערטא: (ניט מיט איר קול) ס'איז א ליגן!

לעוויצקי: מען האט אים ארויסגעווארפן, ער איז א פארעטער. (בערטא פאנגט אן זינקען אין שטול.)

סאניא: ער איז א פארעטער, א פארעטער!

לינקאווסקי: מיר קאנען דאס באווייזן.

ערשטער שכן: ווארפט זיי ארויס!

גענוויזער: (קלאפט מיט דער האנט אין טיש) ארדנונג!

(עס ווערט א טומל, פרוי גענוויזער נעמט זיך מונטערן בערטאן, לעוויצקי, לינקאווסקי און סאניא אפ. סעם שטייט אן אויפגערעגטער מיט אויפגעהויבענע קולאקעס אין דער ריכטונג פון לעוויצקי, לינקאווסקי און סאניא.)

פארהאנג

צוריק צו זיך

צווייטע ווערזי פון דעם ערשטן אַקט

דער דאָזיקער אַקט קומט פאָר אין אָקטאָבער 1915

דאָס גאַסטצימער ביי די סילווערמאַנס, גראָב און געשמאַקפול אויס־געשטאַטעט. רעכטס פון פאָרנט אַ טיר, וואָס פירט אין עסצימער. אַ ביסל העכער, אויף דער זעלבער וואַנט נאָך אַ טיר, די אויבערשטע העלפט פון גלאָז, וואו מען קען זען די קאָרידאָר־טיר וואָס פירט אין פאָרהויז אָדער זון־פאַרלאָר פול מיט וואַזאָנעס. אין דער וואַנט אַנטקעגן — צוויי פענסטער שיין פאַרפוצט, הויך־געוואקסענע וואַזאָנעס נעבן זיי. צווישן יעדע פענסטער אַ גרויסע טאַפּעצירטע סאָפע, צוויי טיפע טאַפּעצירטע פאָ־טעלן צושטעלט אין אַ האַלב צירקל. אַ באַוועגלאַכער עלעקטרישער לאָמפּ שטייט לינקס הינטער איינעם פון די פאָטעלן. אויף דער לינקער זייט אַ טיר מיט פאָרטיערעס וואָס פירט אין די אינערע צימערן. אין צענ־טער אַ טעפיך, אַ קליין לאַנג טישל מיט אַ פּרייהייטס־סטאַטוע אויף אים. אין לינקן ווינקל אַ פּיאַנאָ. אין רעכטן ווינקל אַ טישע־לע מיט אַ גרויסן קונסט זייגער אויף אים, עטלאַכע שטיקלאַך בריק־אַ־בראַק און איניקע אויל־בילדער אויף די ווענט. אין צימער איז האַלב־דונקל, בלויז דער באַוועגלאַכער עלעקטרישער לאָמפּ ברענט און די שיין פון עס־צימער און קאָרידאָר שיינט אַריין דורךביידע טירן רעכטס.

סילווערמאַן זיצט אין אַ הויז־זשאַקעט אין דעם פאָטעל לינקס, ביים עלעקטרישן לאָמפּ הינטער דעם פאָטעל, שטאַרק פאַרטיפט, לייענענדיק בערגסאָנ׳ס „שאַפנדע עוואָלוציע“. ער איז אַ מאַן פון אַ יאָר אַכט און פערציק, גוט געבויט, העכער פון מיטעלן וואוקס און פון אינטעליגענטן אויסזען. זיינע אויגן דריקן אויס אַ סך בענקעניש און אין זיין גאַנצן וועזן איז דאָס עפּעס עקשנות׳דיקס.

עס הערט זיך אַ קלונג. דאָס הויז־מיידל גייט עפענען די טיר און

עס קומט אַריין בערטאַ סילווערמאַן, אַ פרוי פון אַ יאָר פיר און פערציק, מיט שוואַרצע האָר און טיף־שוואַרצע אויגן. זי איז פון אינטעליגענטן אויסזען מיט שיינע אַריסטאָקראַטישע מאַניערן. זי איז אָן אַ הוט. אויף די אַקסלען אַ לייכטע פעלערינע און טראָגט עטלאַכע פעקלאַך אין די הענט, וואָרשיינלאַך קומענדיק פון די שפּייז־קראָמען. זי גייט דורך דעם קאָרידאָר, קוקט אַריין אין גאַסטצימער און רעדט אַרויס לייכט: „ער לייענט נאָך?" זי גיט איבער די פעקלאַך צו דער הויז־מיידל און גייט אַריבער אויף די שפּיץ־פינגער אין דעם צימער לינקס, באַפרייט זיך פון דער פעלערינע, שטעלט זיך אַוועק אין דער טיר צווישן די פּאָרטיערעס און רעדט ליבלאַך.

בערטאַ: יאַקאָב, דו לייענסט נאָך? דיין רעטונגס מלאך וועט — (זי רעדט אַרויס דעם נאָמען „יאַקאָוו" ווי מען רעדט עס אויס אין רוסיש. רוסיש איז איבערהויפּט זייער מוטער שפּראַך. זיי ריידן ענגליש מיט אַ לייכטן אַקצענט).

סילווערמאַן: (אויפגעוועקט ווי פון אַ חלום, גלייכט זיך אויס און קוקט זיך אום) אַ, ס'איז דו, בערטאַ? (מיט עקסטאַז) בערטאָטשקאַ, קום נאָר אַהער, העלף מיר, העלף מיר בויען אַ נייע וועלט.

בערטאַ: (גייט צו צו אים, לאַכט און זאָגט שפּאַסיג) ווידער בויען? וויפיל מאָל האָבן מיר שוין —

סילווערמאַן: (שטעלט זיך אויף און לייגט אַוועק דאָס בוך אויף דער סאָפאַ, לייגט אַרויף זיינע הענט אויף אירע שולטערן, קוקט איר אַריין אין די אויגן און רעדט מיט באַגייסטערונג) דאָס מאָל, בערטאַ, איז דאָס ניט קיין אילוזיע. עס האַנדלט זיך וועגן בויען די וועלט פון אינעווייניק אויס, בויען די וועלט דורך אַ טיפן פאַרשטיין איר, בויען דורך אינטואיציע.

בערטאַ: (ווערט גייגעריק) נו, לאָמיך הערן. (זי זעצט זיך אויף דער סאָפאַ).

סילווערמאַן: (שפּאַצירט אום הין און צוריק און גאַפט) וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע פילאָסאָפיע! עס איז, ווי וויליאַם דזשיימס זאָגט, דער אָטעם פון דעם פרימאַרגן, דאָס געזאַנג פון פויגעלאַך, די בשורה, וואָס זאָגט אונז אָן אַ נייע וועלט — אַ וועלט פון פרייהייט.

בערטאַ: נו, דאָס איז דאָך ניט קיין נייעס, יאַקאָב, אַ פרייע וועלט, אַ וועלט פון פרייהייט, דאָס איז דאָך וואָס יעדער איינער וויל, נאָך וואָס מיר אַלע בענקען אַזוי שטאַרק, דאָס וואָס עס איז שוין לאַנג פעסטגעשטעלט געוואָרן אַלס נויטווענדיק.

סילווערמאַן: יאָ, אָבער ביי דאָס רוב איז דאָס אַן אַבסטראַקציע, אַ פרומער וואונש אויפגעשטעלט מיט דעם שכל. ביי אים איז דאָס די ווירקלאַכקייט אַליין. ער גיט אונז אַ מעטאָדע אַריינצודרינגען אין דער אמת'ער ווירקלאַכקייט דורך — אינטואיציע.

בערטאַ: און ווי אַזוי טוט ער דאָס?

סילווערמאַן: אויף אַ זייער איינפאַכן אופן. בערגסאָן, גראַדע ווי וויליאַם דזשיימס, הייסט זיך אונז ניט פאַרלאָזן אינגאַנצן אויף דעם פערדל, וואָס הייסט אינטעלעקט און הייסט זיך אונז איינשפּאַנען אין דעם וואָגן, וואָס איז באַוואוסט אַלס דער שטראָם פון באַוואוסטזיין, וועלן מיר דאַן באַגרייפן, אַז מיר זיינען גרעסער ווי מיר דענקען, גרעסער ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט. מיר זיינען כמעט, הערסט, בערטאַ, כמעט ווי קליינע אומשולדיקע קינדער.

בערטאַ: (ערשטוינט) ווי קליינע אומשולדיקע קינדער גאָר?

סילווערמאַן: יאָ, מיר זיינען ווי קליינע אומשולדיקע קינדער פון דעם אייביק שאַפנדן גייסט. און נאָך מער, מיר זיינען פערזענלאַך און אַנזאַמלענד, מיר ענטהאַלטן אין זיך די גאַנצע

פארגאנגענהייט און האָבן אפילו א פאָרגעפיל פאר דער צוקונפט און עס איז א סברה, — הערסט, בערטאַ, עס איז א סברה, אז ווען מיר שטאַרבן, בלייבט אונזער פערזענלאַכע ערפאַרונג נאָך אונז.

בערטאַ: (גיט זיך אַ הויב אויף פון דער סאָפא כמעט דער־שראָקן) אוי, דאָס איז דאָך וואָס מיין באָבע האָט געזאָגט.

סילווערמאַן: (גיט אויף איר אַן אויפמערקזאַמן קוק, נעמט איר אַן ביי די הענט און זיי זעצן זיך ביידע אויף דער סאָפא) דיין באָבע? נו, וואָס מאַכט עס אוים. איך האָב דאָס אויך אמאָל געהערט, אמאָל, גאָר אמאָל, ווען איך בין נאָך געווען א סטודענט אין קיעווער אוניווערסיטעט און מיר סטודענטן האָבן אָפּגעהאַלטן א בעראַטונג וועגן פּלענער צו גיין אין פאָלק. פּלוצלינג האָט מען אונז סיגנאַליזירט, אז פּאָליציי קומט. האָבן מיר זיך געלאָזט לויפן, האָט עמיצער א געשריי געטאָן: „אין בראָדסקי׳ס שול״. מיר זיינען אוועק אהין און דאָרט בייגעוואוינט איינע פון יענע סצענעס, וואָס קריצן זיך אויף אייביק איין אין זכרון. עס איז געווען א שבת פארנאַכט אין בין השמשות, בלויז איין יאָרצייט ליכט האָט געברענט אין דעם שלש סעודות שטיבל און דיקע שאָטנס האָבן זיך געשפּרייט אין די ווינקלען און אַן אומהיימלאַכע שטימונג האָט געהערשט, ווען עפּעס אַן אומבאַקאַנטער, דאַרער, בלאַסער יונגער־מאַן — דער פּרוש ווי מען האָט אים גערופן — האָט גענומען זאָגן תורה און גערעט עפּעס פון קבלה און א רב חיים וויטאַל און כמעט געזאָגט דאָס, וואָס בערגסאָן לערנט אזוי מייסטערהאַפט וועגן דעם שאַפנדן גייסט, וואָס ווירקט און געדייעט אויף דער מאַ־טעריע, וואָס שיידט זיך אוים, וואָס איז באַוואוסטזיניק און אז מ י ר זיינען קינדער פון יענעם שאַפנדן גייסט, און אונזער איינציקע אויפגאַבע אויף דער ערד איז זיך צו פּאַרפּאָלקאָמען דורך תורה און מעשים טובים. (פּויזע).

בערטאַ: (נייגעריק) נו, נו.

סילווערמאַן: און איצט, מיט דרייסיק יאָר שפּעטער

קומט בערגסאָן, און באַשטעטיקט יענעם דאַרן, בלאָסן פּרוש׳ס תורה, נאַטירלאַך אין אַ מאָדערנער שפּראַך און אין אַן אָריגינעלער פאָרם, אָבער דאָך אַ באַשטעטיקונג פון דעם פּרוש׳ס תורה. איז דאָס ניט מערקווירדיק, בערטאַ ?

ב ע ר ט אַ : איז דאָך דאָס ווידער דער אַלטער, אַלטער דואַליזם פון קראַפט און שטאָף.

ס י ל וו ע ר מ אַ ן : (הויבט זיך אויף ברוגז׳לאַך) נאַ, בערטעלע, ערגער מיך ניט. עס טוט מיר וויי, ווען דו האַלטסט זיך נאָך ביי יענער פלאַכער טעאָריע. דער „אַלטער, אַלטער דואַליזם" איז טויט, טויט, און טויטע זאַכן קאָנען גאָרניט שאַפן. דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ וועלט פון גייסט, וואָס פילט, וואָס דענקט, וואָס ווייסט, וואָס וויל, וואָס האָט באַגערן. נאָר מיר חכמים, ווילן ניט וויסן דערפון. מיר בלאָנדזשען אַרום אין דער פינסטערניש און שרייען : ליכט, ליכט ! ווען דאָס ליכט איז גאָר אין אונז אַליין.

ב ע ר ט אַ : איך פאַרשטיי דיך ניט.

ס י ל וו ע ר מ אַ ן : איך קען זיך עס מיר גאַנץ גוט פאָרשטעלן. מיר זיינען אַזוי צוגעוואוינט צו דענקען מעכאַניש, דאָס מיר קאָנען קוים באַגרייפן דאָס רעאַלע. אָט באַטראַכט זיך אַליין. ווער ביסטו ?

ב ע ר ט אַ : (אַביסל ערשטוינט בייט אום איר זיץ) איך בין בערטאַ, בערטאַ סילווערמאַן.

ס י ל וו ע ר מ אַ ן : (זעצט זיך נעבן איר אויף דער סאָפאַ) אַ טעות, בערטאַ. אַ טעות, דו ביסט אַ באַוועגונג, וואָס האָט אָנגענומען די פאָרם וואָס מיר רופן מענטש. מען האָט דיך סאָרטירט, קלאַסיפיצירט און אָנגעקלעפּט אַ צעטל, וואָס מיר רופן בערטאַ סילווערמאַן. אין דער אמת׳ן ביזטו דאָך גאָר אַכט צענטל בלוט און וואַסער און די איבעריקע צוויי צענטל באַשטייען פון

פאַרשידענע מינעראַלן און גאַזן. דו האַלטסט זיך אין איין בייטן. פריער האָבן אונז די געלערנטע געזאָגט אַלע זיבן יאָר, היינט זאָגן זיי אַלע דריי מאָנאַטן, מאָרגן קאָנען זיי קומען און זאָגן אַלע פערטל שטונדע — די געלערנטע האָבן אַ טבע צו בייטן זייער מיינונג — וואָס זשע איז דאָס אַזוינס אין דיר, וואָס דענקט, וואָס געדענקט, וואָס פּלאַנט, וואָס ווילֿ, וואָס האָט באַגערן, וואָס האָט זיך פאַרליבט?

בערטאַ: (זייער נייגעריק) יאָ, יאָ, וואָס זשע איז דאָס אַזוינס?

סילווערמאַן: דאָס זיינען מיר, דאָס וואָס עס באַשטייט אייביק און ווערט אַלעמאָל גרעסער און גרעסער מיט ערפאַרונג. מיר קאָנען דאָס ניט באַגרייפן מיט דעם שכל. מיר קאָנען דאָס בלויז פילן אין לעבן. לעבן איז אַ פּראָצעס, אַ ים, אין וועלכן מיר שווימען און פון וועלכן מיר ציען אונזער גאַנצע קראַפט צו דיינקען און צו ווירקען.

בערטאַ: וואָרום זשע ווייסן מיר דאָס ניט?

סילווערמאַן: מיר ווייסן דאָס ניט, ווייל מיר ווילן דאָס ניט וויסן. מיר ווערן אָפּגעצווייגן פון דעם שטראָם מיט קונציקע געוועבן פון ווערטער און טעאָריעס. אָט ווען מיר וואָלטן זיך אַריינגעלייגט אין אָט דעם שטראָם און מיט אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו דער שטימע פון אונזער הארצן, דאַן וואָלטן מיר געקאָנט כאַפּן דעם זין פון אונזער גאַנצער עקזיסטענץ.

בערטאַ: (שטרענגט זיך אָן) איך, איך קאָן דאָס טאַקע ניט כאַפּן. הייסט עס, אַז מיר שטאַמען ניט פון אַפּן? פון אַ נידעריגער וועזן?

סילווערמאַן: מעגלאַך. ער קלאַסיפיצירט אונז טאַקע צוזאַמען מיט די רוקן־ביינערדיקע חיות. אָבער אין אונז,

זאגט בערגסאָן, האָט דער שאַפנדער גייסט געפונען זיין העכסטן אויסדרוק. ער האָט זיך מאַניפעסטירט אין אונז אַלס ג ע ו ו י ס ן, וואָס זאָגט אונז אָן דורך ל י י ד ן , ווען מיר האַנדלען אומגע־רעכט.

ב ע ר ט א : (טראַכט אַביסל) מאָדנע. ווי עס קוקט אויס, האָט דער שאַפנדער גייסט גאָרניט געקענט געפינען קיין שענערן וועג אונז צו באַשאַפן ווי נאָר דורך א נידריקערע וועזן ? איך קאָן ניט זען די נייע פרייע וועלט, וואָס בערגסאָן האָט ענטדעקט. מיר שטאַמען פון אַפן, מיר זיינען אַן ענטוויקלונג זאָל זיין פ ו ן אָדער ד ו ר ך דעם שאַפנדן גייסט, איז דאָס מסתמא ווידער א קונצי־קער געוועב פון ספּינאָזא, העגעל, פּיכטע און מיכאַילאָווסקי און דערצו דער אָבערגלויבן פון מיין באָבען פון א לעבן נאָך דעם טויט אַלס צוגאָב. וואָרום זיינען מיר איבערהויפּט געבוירן ? וואָס איז דער זין פון דאָס שלעכטס אין דער וועלט ? אָט זאָל ער אונז ד אָ ס קלאָר מאַכן.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (אַביסל אין אַ פאַרלעגנהייט און צו דער זעלבער צייט צופרידן פון בערטאַ׳ס קורץ־געפּאַסטע און קלוגע פראַגן, פאַנגט אָן שטאַמלען) מיר, מיר זיינען פאַראַנטוואָרטליך, בערטא. עס העננגט אָפּ פון אונזער אייגענעם ווילן. (געפינט די ריכטיקע ווערטער) אָט שטעל זיך פאָר, בערטאַ, ווען מיר מענטשן, זאָלן האָבן א באַוואוסטזיניקע באַציהונג צו יעדער זאַך. ווען מיר זאָלן פאַרבינדן דעם ווילן מיט געוויסן און קוקן אויף זאַכן ווי זיי ז י י־נ ע ן און ניט ווי זיי ד ו כ ט ן זיך אונז אויס, ווען מיר זאָלן זיין אָרענטלאַך און וועלן צוגעבן, ווען —

ב ע ר ט א : (שלאָגט אים איבער) אָבער דער דעטערמיניזם, דער עקאָנאָמישער דעטערמיניזם !

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : דעטערמיניזם ! (גיט איר אַ שנעל אין נאָז) נא ! אָט האָסטו דיר דעטערמיניזם ! (הויבט זיך אויף).

בערטא: (האַלב דערשראָקן און האַלב אין שפּאַס) אום גאָטעס ווילן, וואָס איז מיט דיר היינט, יאַקאָב ?

סילווערמאַן: איך, איך בין ניט שולדיק, בערטא. עס איז אָנגעצייכנט געוואָרן אין הימל מיט א ביליאָן טריליאָן יאָרן צוריק, אז איך זאָל דיר א שנעל טאָן אין נאָז. גלויבסטו אין דעם, בערטא ? דער עקאָנאָמישער דעטערמיניזם איז א וואָרט, א טעאָריע, א פארבייגייענדער שטן, וואָס ציטערט פאר דעם ווילן אימת מות. אונזער גאַנצער דענקען און טראַכטן, אונזער גאַנצע טעטיקייט באַווייזט דעם אומזין פון דעם עקאָנאָמישן דעטערמיניזם. אָט שטעל זיך פאָר, ווען קארל מארקס לעבט און קומט קיין אמעריקע, וואָס וואָלט ער געוואָרן ?

בערטא: (לעבט אויף ביים בלויזן דערמאָנען דעם נאָמען פון קאַרל מאַרקס, הילכיג ווי אַ קליין קינד) אַ פּראָפעסאָר פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

סילווערמאַן: אין אונזערע אוניווערסיטעטן ?

בערטא: וואָלט ער געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקס־צייטונג“.

סילווערמאַן: מיט זיין שווערער דאָגמאַטישער שפּראַך ? דו פארגעסט אז די סאָציאַליסטן אין אמעריקע ליבן לייכטע לעזע שטאָף.

בערטא: וואָלט ער —

סילווערמאַן: געוואָרן אַן אַפּרייטאָר אָדער גאָר אַ קאַטער ביי קלאָוקס.

בערטא: (אין כעס) וואָס פעלט דיר איין !

סילווערמאַן: אָדער גאָר אַ קאָסטאָמער פּעדלער.

בערטא: (הויבט זיך אויף אַן אויפגערעגטע. ערשטוינונג אין איר קול) יאַקאָב !

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (בּאַרואיקט איר) שאַ, שאַ, אָט זייַנען מיר דאָך ביידע, דו און איך, באַשטימט געווען צו זיין מעדיקער. האָט זיך מ י ר גאָר געגלוסט גיין אין פאָלק און בין ארויסגעטריבן געוואָרן פון דעם אוניווערסיטעט און צעבראָכן דאָס האַרץ פון מיינע גוטע ליבע עלטערן. דיינע עלטערן זיינען רואינירט געוואָרן פון דעם פּאָגראָם אין קיעוו און איר זיינט שפּעטער געצוואונגען געוואָרן עמיגרירן קיין אַמעריקע. מיר דאָ, אין אַמעריקע, אַנשטאָט ענדיקן אונזער שטודיום, האָבן זיך גאָר גענומען בילדן קאָלאָניעס, יוניאָנס און קאָאָפּעראַטיווע שעפּער ביז די ליבע מאַסן האָבן אונז געטריבן צו פאַרצווייפלונג און איצט בין איך — וואָס בין איך, בערטאַ, אַ פאַבריקאַנט אָדער אַן עקספּלואַטאַטאָר ?

ב ע ר ט א : אַ מעטאַפיזיקער, אַ בורזשואַזער אידעאָלאָג געוואָרן.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : און דו ?

ב ע ר ט א : אַ זעלבסטצופרידענע בורזשויקע, וואָס לעבט פון פרעמדער אַרבעט.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (כמעט אין כעס) קאָנסט זיך נאָך אַלץ ניט באַפרייען פון די פלאַכע קינדערשע איינרייַדענישן ? (זעצט זיך אין איינעם פון די פאַטעלן).

ב ע ר ט א : איך וואָלט געוואָלט וויסן, צו דו וואָלסט אַזוי פילאָזאָפירט, ווען דו גייסט אַרום אָן אַרבעט און דיינע קינדער האָבען ניט קיין ברויט.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : מעגלאַך, אַז ניט, ווען דער מאָגן רעדט, מוז דער געוויסן שווייגן, אין דעם זייַנען מיר גראַדע ענלאַך צו חיות. אָבער מיר שטייען העכער פון זיי בלויז מיט אונזער באַוואוסטזיין. אָט שטעל זיך פאָר, ווען מיר זאָלן ניט זיין בלויז קיין שרייפלאַך פון אַ גרויסער ראָד, וואָס באַוועגט זיך צוועקלאָז און זינלאָז —

ב ע ר ט א : מיר זיינען דאָך אָבער יאָ, און דיין שאַפנדער גייסט ווייסט וועגן דעם אַלץ און טוט גאָרניט.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : דער שאַפנדער גייסט העלפט מסתמא די, וואָס העלפן זיך אַליין.

ב ע ר ט א : דאָס ווייס איך.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : ער האָט מסתמא ליב שטאַרקע, שטאָל־צע און זעלבסטבאַוואוסטזיניקע שעפער, מענטשן וואָס זיינען פּריי־איק צו שמידן זייער אייגענעם שיקזאַל דורך אַרבעט און פרייען שאַפן.

ב ע ר ט א : (גיט זיך אַ הויב פון איר זיץ אומגעדולדיק) זאָג דיר, וואָס דו ווילסט, יאַקאָב, דיין שאַפנדער גייסט איז מסתמא אַ אַנמעכטיקער מאָנאַרך.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : ניין, ער איז ניט קיין אַנמעכטיקער מאָנאַרך, נאָר אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרך און וויל מסתמא מיר זאָלן אים העלפן שאַפן אַ בעסערע וועלט.

ב ע ר ט א : וואָס — — ששש . . . (עס הערט זיך דער אָפּ־שטעל פון אַן אויטאָמאָביל) דיין רעטונגס מלאך, יאַקאָב, דער דאָק־טאָר. (זי צושטעלט די פּאָטעלן און מאַכט ליכטיק אין צימער.)

(אַ קלונג. דאָס הויז מיידל גייט עפענען די טיר און עס קומט אַריין דר. מייקל קליגער, אַ מאַן פון אַ יאָר 48, וואָס קוקט אויס פיל אינגער. ער איז אַ אידיש־שפּרעכנדער אַנאַרכיסט, וואָס ספּעקולירט אין ריעל עסטייט. ער איז גוט געבויט, העכער פון מיטל וואוקס מיט אַ שוינעם שטערן און קורצע האַרטע האָר. ער איז זייער רירעוודיק און לייזנשאַפּטלאַך און איז אימער גרייט אַרויסצורופן עמיצן אויף אַ דועל אין ווערטער.)

ד ר . ק ל י ג ע ר : גוטן אוונט, מיינע פריינט, וואָס מאַכט איר ? (רייכט זיי די האַנט) שוין אַ שאָק מיט יאָרן זיך מיט אייך ניט געזען.

סילווערמאַן: איך דאַנק דיר, בין צופרידן דיך צו זען, מייקל.

בערטאַ: וואָס מאַכט איר, דאָקטאָר? אייער פאַמי־ליע? און וואָס מאַכט עפּעס די ליבע, גוטע איסט־סייד?

דר. קליגער: גוט, פיין, אַ דאַנק. אָבער ווענן דער איסט סייד וועל איך אייך טאָקע ניט דערציילן. אַז מען אינטערעסירט זיך אַזוי שטאַרק, וואָרום קומט מען טאָקע ניט אַמאָל אַראָפּ? איר פאַרגעסט, אַז מען דאַרף בילדן די מאַסן.

בערטאַ: (אַביסל אין פאַרלעגנהייט) גערעכט, געוואָרן אמת'ע בורזשויען. אָבער אין דעם זיינט איר שולדיק. ווען ניט איר —

דר. קליגער: וואָס זשע, איר האָט חרטה

בערטאַ: (אַרונטערלאָזנדיק די אויגן) איך וואָלט בעסער וועלן די איסט־סייד זאָל קומען צו אונז איידער מיר צו זיי.

דר. קליגער: ניט קיין שלעכטע זאַך. אָבער ווי אַזוי, אַז איר, בורזשויען, האָט אייך פאַרקליבן אויף דער וועסט סייד און לאָזט פון זיך גאַרניט הערן. די איסט סייד איז זייער שטאָלץ און וויל, אַז מען זאָל איר אַ ביסל אונטערפירן.

סילווערמאַן: וואָס אַזוי שפּעט, מייקל?

דר. קליגער: זיך פאַרשפּעטיקט ביים לאָיער און דאַן, וואָס פאַר אַ מבול פון רעדנער אויף די גאַסן! מען האַלט אין איין פאַרטומלען די מוחות פון די אַזוי אויך פאַרטומלטע מאַסן.

בערטאַ: נו, זעצט אייך, דאָקטאָר. (דער דאָקטאָר זעצט זיך אין איינעם פון די פאָטעלן) איר האַנדלט נאָך אַלץ מיט ריל עסטייט?

ד ר. ק ל י נ ע ר: א ברירה האט מען. אז עס מאכט זיך אמאל מאכן א פאר דאלער פון האנט צו האנט — ווארום דען ניט? עס קומט צוניץ. מיר שטיצן אונזערע פארטיי־ציי־טונגען און בילדן די מאסן. וואס איז געווארן מיט א י י ע ר ע הייזער אין די בראנקס?

ב ע ר ט א: מיר האבן מער צרות ווי נחת פון די הייזער. מיר זיינען באגאנגען א גרויסע נארישקייט, וואס מיר האבן דארטן געוואוינט א שטיקל צייט. זיי ווייסן, אז מיר זיינען ראדיקאלן און נוצן דאס אויס אויף א זייער קונציקן אופן פאר זיך. פאר דער קלענסטער נארישקייט רופט מען אפ.

ד ר. ק ל י נ ע ר: ווארום גיט איר זיי ניט איבער צו קיין אגענט?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: זעסט, מייקל, מיין גוטע ליבע בער־טא וויל האבן אייגנטום, אבער וויל קיין פאראנטווארטליכקייט ניט טראגן.

ב ע ר ט א: (ברוגז׳לאך) איך וואלט דיר מוחל געווען דאס אייגנטום צוזאמען מיט דער פאראנטווארטליכקייט.

ד ר. ק ל י נ ע ר: איר האט עס דאך אליין געוואלט, בערטא, פערזענליך אויפפאסן, עפעס טאן, עס זאל ניט אויסקוקן אזוי פראזאאיש....

ב ע ר ט א: און ווי האבן מיר, וואס האבן זיך ערצויגן אויף דער רוסישער קולטור, וואס האבן אונזער גאנץ לעבן גע־גלויבט, אז פריוואט אייגנטום איז דער קוואל פון אלע צרות, גע־קענט ווערן מיט אמאל אזעלכע הייסע אנהענגער פון פריוואט אייגנ־טום? איך קען זיך ניט צוגעוויינען צו דעם געדאנק...

ד ר. ק ל י נ ע ר: מען דארף גארניט זיין קיין גרויסער אנהענגער פון פריוואט אייגנטום. איך גלויב נאך איצט אויף

אז עס איז דער קוואל פון אלע צרות, אבער אז די סאציאלע רעוואלוציע קומט נים. און ווי קען מען זיין אזוי פאסיוו, אזוי נאריש, ווען אלע מאכן געלד ?

בערטא: (זיפצט) מיר געפינען שוין תרוצים, אבער טיף אין הארצן — נ־נא (הויבט זיך אויף) שוין נאך אונטער־ברויט, דאק־טאר ?

דר. קליגער: יא.

בערטא: נו, וועט איר טרינקען א גלעזעלע טיי. (אפ).

דר. קליגער: וואס מאכסטו, יאקאב ? ווי גייען עפעס דיינע געשעפטן ?

סילווערמאן: עס האט זיך אביסל פארבעסערט. אבער לעצטן יאר האט עס נים ווייט געהאלטן אז איך, א קא־פיטאן פון דער קלאוק אינדוסטריע, זאל זיך צוריק אריבערפעק־לען אויף דער פינפטער סטריט נעבן דער בויערי.

דר. קליגער: (וואונדערט זיך) דו ?

סילווערמאן: יא, איך. דו ווייסט דאך, אז אין ניינצן צוועלף איז געווען מ י י ן יאר. מען האט נים געסטרייקט, די קאנטראקטארס האבן צוגעשטעלט די ארבעט אין צייט. ווארע האב איך געקראגן גענוג און אין צייט, און דו וועסט נים גלויבן — איך האב פארדינט פינף און זיבעציק טויזנט דאלער. האב איך נאטירלאך זיך גלייך גענומען מאכן רעפארמען, פארגרעסערן די פראדוקציאן און פארקלענערן די אויסגאבן. איז אין ניינצן דרייצן אפגעגאנגען גלאט און האב זיך פארגרייט מיט א גרויסן סטאק ווארע אויף ניינצן פערצן. ווער האט געקאנט פאר־אויסזען די מלחמה ? איז זי דאך געקומען און מיך שיעור נים רואינירט. איך האב פארלוירן גאנצע זעכציק טויזנט דאלער.

דר. קליגער: (שטארק איבערראשט) זעכציק טויזנט דאלער ! ?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : און דער שפּאַס איז געווען, וואָס איך האָב געמוזט אָנהאַלטן מיינע געזעלשאַפטלאַכע פאַרבינדונגען אַזוי ווי גאָרניט וואָלט פּאַסירט.

ד ר. ק ל י ג ע ר : (ווי ער וואָלט גאָרניט געקאָנט קומען צו זיך פון די נייעס) זעכציק טויזנט דאָלער ? ! דערמאָן זיך, וויפל ריעל עסטייט מען קאָן קויפן פאַר דעם געלט.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : דאָס איז געווען אַ גרויסער אומ־גליקלאַכער קלאַפּ פאַר אַלעמען און נאָך מער פאַר אונז, ראַדיקאַלן. מיט איינמאָל איז צורונען געוואָרן דער חלום פון אַ גאַנץ לעבן און אין דער נשמה איז געוואָרן וויסט און ליידיק.

ד ר. ק ל י ג ע ר : יאָ, יאָ, עס איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ, אָבער פאַרצווייפלט ווערן דאַרף מען ניט. (באַמערקט דעם בוך אויף דער סאָפאַ, נעמט עס און לייענט) „שאַפנדע עוואָלוציע" — בערגסאָן. ווידער מעטאַפיזיקס ?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : דאָס איז אַ מעטאַפיזיקער פון גאָטס גנאָדן.

ד ר. ק ל י ג ע ר : יאָ, איך האָב עפּעס געהערט פון אים, אָבער וואָס קען ער זאָגן מער ווי קאַנט ? עס איז מער ניט ווי אַ ווידערהאָלן פון אַלטע געדאַנקען.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : אַ טעות, אַ טעות מייקל. וויליאַם דזשיימס האָט זיך דערקלערט פאַר זיינעם אַ תלמיד. נעד און איך זיינען גאָר באַגייסטערט פאַר אים. דו ווייסט, אונזער נעד נעמט איצט אַ פּאָסט גראַדיואַייט קורס אין האַרוואַרד.

ד ר. ק ל י ג ע ר: ער האָט, דאַכט זיך, געלערנט פּי־זיקס.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : יאָ, אָבער ער האָט זיך פאַראינטע־רעסירט מיט פּסיכאָלאָגיע און פילאָזאָפיע, טאָ זאָל ער לערנען.

איך דענק אויך, אז פּסיכאָלאָגיע איז איינע פון די אינטערעסאַנט־סטע וויסנשאַפטן. הענגט דען ניט אָפּ אַלעס פון דעם ווי מען דענקט? ווען מען זאָל קאָנען אויסגעפינען די פונקציעס פון דעם ווילן, וואָלט מען אפשר געקאָנט איבערבויען די וועלט אין דער קורצסטער צייט און אָן אַ טראָפּן בלוט צו פאַרגיסן.

ד ר. ק ל י ג ע ר: יאָ, מיר האָבן זיך די לעצטע צייט גענומען ארויסצוגעבן די אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע קלאַ־סיקער.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: וועט איר אפשר אויך ארויסגעבן אַ פּאָר ביכער וועגן עקאָנאָמיקס?

ד ר. ק ל י ג ע ר: יאָ, דאָס קאַפּיטאַל פון קאַרל מאַרקס.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: דאָס קאַפּיטאַל פון קאַרל מאַרקס? ווער וועט אים לייענען און פאַרשטיין?

ד ר. ק ל י ג ע ר: וואָס מיינסטו מיט עקאָנאָמיקס?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: איך מיין פּשוט פּאָליטישע עקאָנאָ־מיע, וועגן דעם ווי אַזוי דאָס געזעלשאַפט אייגנטום ווערט גע־שאַפן, פאַרוואַלטעט און צוטיילט. ווען אונזערע ארבעטער זאָלן האָבן אַ גוטן באַגריף וועגן די אויסגאַבן און איינגאַמען פון דער געזעלשאַפט אָדער פון אַ אינדוסטרי, וואָלטן זיי זיך ניט גע־באַפּט אַזוי שנעל צו ווערן פאַבריקאַנטן. יעדער אַפּרייטאָר אָדער קאַטער דענקט, אַז עס איז לייכט. זיי ווערן פאַבריקאַנטן און העלפן נאָר פאַרגרעסערן דעם כאַאָס, וואָס הערשט אַזוי אויך אין דער נאָדל אינדוסטריע.

ד ר. ק ל י ג ע ר: מיר גייען ארויסגעבן קראָפּאָטקין׳ס „קעגנזייטיקע הילף“.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: זיך ענדליך געכאַפּט. אפשר וואָלט איר אויך ארויסגעגעבן אַ פּאָר אַמעריקאַנער קלאַסיקער?

ד ר. ק ל י ג ע ר: צום ביישפיל?

ס י ל וו ע ר מ א ן: נו, לאָמיר זאָגן, דזשאָן דוואיס „שאַפנדע אינטעליגענץ" אָדער וויליאַם דזשיימס „פּראַגמאַטיזם", אָדער זיין „דער ווילן צו גלויבן".

ד ר. ק ל י ג ע ר: (כמעט דערשראָקן) דער ווילן צו גלויבן?

ב ע ר ט א: (וועלכע איז צוריקגעקומען און זעצט זיך אויף דער סאָפע מיט באַדויערונג) יאַקאָב לייענט שוין ווידער מעטאַפּי־זיקס.

ס י ל וו ע ר מ א ן: (צום דאָקטאָר) עס איז גאָרניט אויס־געשלאָסן, אַז אויך דו, דו אַליין ביסט אַ גלויביקער. יעדער איינער פון אונז גלויבט. אַנדערש, וואָס מאַכט דיך אַזוי פאַרביסן קעגן דער איצטיקער אָרדנונג?

ד ר. ק ל י ג ע ר: וואָס עס מאַכט מיך פאַרביסן? די פינסטערע ווירקלאַכקייט, די רויב פון די רייכע, די אומוויסנ־הייט פון די מאַסן.

ב ע ר ט א: ריכטיג.

ס י ל וו ע ר מ א ן: יאָ, אָבער פאַרוואָס? וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט דיר, איך מיין, וועלכע מאָראַ־לישע אָדער עטישע מאָטיוון טרייבן דיך צו זיין אַזוי פאַרביסן?

ד ר. ק ל י ג ע ר: איך פאַרשטיי דיך ניט, יאַקאָב.

ס י ל וו ע ר מ א ן: ווייל דו ווילסט ניט.

ד ר. ק ל י ג ע ר: אָבער פאַרט.

ס י ל וו ע ר מ א ן: האָט די וועלט מלחמה דיר ניט געמאַכט זיך צו פאַרטראַכטן: ווי איז דאָס מעגלאַך, אַז מען זאָל איבערנאַכט פאַרראַטן דאָס, וואָס מען האָט אַ לעבן לאַנג געגלויבט?

ד ר . ק ל י ג ע ר : דאָס איז די פרוכט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער לערע פון פאָלגן און זיין געהאָרכזאַם.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : איז פאָלגן און געהאָרכזאַמקייט אַ פאַרברעכן ?

ד ר . ק ל י ג ע ר : עס ווענדט זיך וועמען מען פאָלגט. וואָלטן די מאַסן געווען ערצויגן אַנאַרכיסטיש —

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (כמעט אין פאַרצווייפלונג) אָבער די ליידנשאַפטן. די ווילדע ליידנשאַפטן פון די מאַסן !

ד ר . ק ל י ג ע ר : ליידנשאַפטן זיינען נאַטירלאַך און גוט. מען דאַרף זיי נאָר געבן אַ ריכטונג.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : אָבער אום גאָטעס ווילן, עס איז דאָך פאַראַן אַזוי פיל ריכטונגען. ווער קאָן אָפּשאַצן וועלכע ריכטונג איז די ריכטיקע ?

ד ר . ק ל י ג ע ר : די אַנאַרכיסטישע. מיר גאַראַנטירן יעדן איינצלנעם פרייהייט און די פולע ענטוויקלונג פון זיין איך.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (לאַכט ביטער) כאַ, כאַ, כאַ ! אַ פיי־נער וויץ ! איר גאַראַנטירט — איר פאַרגעסט אָבער אַריינצו־נעמעם אין חשבון דעם ווילן.

ד ר . ק ל י ג ע ר : דער ווילן איז ניט עפּעס איבערנאַ־טירלאַכעס. מען דאַרף אים בלויז איבן, געבן אַ ריכטונג.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (טרויעריק) יאָ, יאָ, יאָ, איך ווייס. איך ווייס. (קליינע פויזע) מיר זיינען קליינע כוואַליעלאַך אויף דעם ברויזנדן ים פון ליידנשאַפטן און ווייסן קיינמאָל ניט, וואו מיר וועלן לאַנדן. איך בין דיר באמת דאַנקבאַר געווען לעצטן יאָר, וואָס דו האָסט מיר דאַן איינגערעדט צו קויפן די הייזער אין די בראָנקס. עס דאַרף ניט נעמען לאַנג, אַז אַ קאַפּיטאַן פון דער

נאָדל אינדוסטריע זאָל געשליידערט ווערן צו דער ערד. עפּעס אַזוי ווי אַ היישעריק האָט זיך אָראָפּגעלאָזט אויף דער נאָדל אינ־דוסטריע לעצטן יאָר. די באַנקראָטן, קאָנסאָליאַציעס, „עקסטענ־שאָנס“ און די גאַליקע בליקן פון די אַרבעטער! איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. גאַנצע פערציק אַרבעטער האָבן ביי מיר געבעטן אַ „עקאַונט“ און געשאָלטן — אָט פּונקט ווי מיר, פּאַב־ריקאַנטן, וואָלטן געווען שולדיק אין זייער ליידיק־אַרומגיין.

ד ר. ק ל י ג ע ר: (אין ערנסטער ענטריסטונג) פוי, וואָס פאַר אַ כאַאָטישע וועלט! און דו באַשולדיקסט מיך נאָך אין געברויכן צו האַרטע אויסדריקן אין מיינע אַרטיקלען. אָבער ווי קאָן מען אַנדערש? איך ווער אַן אויפגעקאָכטער, דאָס בלוט זידט אין מיינע אָדערן, ווען איך זעץ זיך שרייבן קעגן דער פינ־סטערער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג און דאָס זיינע קריסטן, קריסטלאַכע פעלקער. יאָס פאַר אַ שפּאָס!

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: איך טראַכט אָפט און עס פאַרדריסט, וואָס אונזערע אור־אור־אור־עלטערן האָבן זיך ניט געוואָלט צו־הערן צו דעם שטילן טרוימער פון נצרת —

ד ר. ק ל י ג ע ר: ער איז געווען אַן אַנאַרכיסט.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: מיר וואָלטן אפשר געווען געמאַכט אַ בעסערן תכלית פון זיין לערע. זיי האָבן דאָך געמאַכט אַ צי־מעס פון אים און סערווירן אים בלויז אום זונטאָג מיט שפּיז און שווערד און זעכצן אינטשיקע קאַנאָנען. (קליינע פּויזע) דו ווייסט, מייקל, וואָס עס פעלט דער וועלט?

ד ר. ק ל י ג ע ר: וואָס?

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: אַ סאַטיריקער. אַ גרויסער שפּאָטער און לאַכער. מען קען בלויז לאַכן, לאַכן איבער די ווייטאָקן פון דער וועלט. און דו ווייסט, מייקל, איך באַשולדיק מער פון אַלע־מען די מאַסן. ז י י זיינען עס די, וועלכע האַלטן אונז אין שקלאַפעריי.

ד ר. ק ל י ג ע ר: אַ מאָדנער געדאַנק. זיי — אונז?

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: (מיט איבערצייגונג) יאָ, זיי — אונז. וואָס וואָלטן מיר, די שאַפנדע אינטעליגענץ ניט געקאָנט אויפטאָן, ווען די מאַסן זאָלן ערלאַך און אויפריכטיק גלויבן אין די אידעאַלן. וועלכע מיר פּריידיקן זיי?

ד ר. ק ל י ג ע ר: אָבער, גוטער יאַקאָב, זיי זיינען דאָך אַזוי אומוויסנד.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן: (ענטוזיאַסטיש) אומוויסנד, נעבאָך, אומוויסנד, באַלד טוט מען זיי אָן אַ העמדעלע פון אומוויסנהייט, זיי ווייסן, זיי ווייסן. עס פעלט זיי בלויז דער גלויבן, דער ריינער אויפריכטיקער גלויבן אין דער זאַך. איך שטיי מיט די מאַסן טאָג־טעגלאַך אויף דעם שלאַכט־פעלד און איך גלויב, אַז איך האָב עפּעס אַ באַגריף וועגן זיי. זיי האָבן פאַרגרעסערט זייער מאָגן אויף דעם חשבון פון זייער געוויסן. זיי, מיר, יעדער איינער פון אונז. און דערפאַר איז מעגלאַך געווען אַזאַ וועלט־קאַטאַסטראָפע.

(אַ קלונג. מאַדזשי גייט עפענען די טיר און עס קומען אַריין נעד און מאַקסוועל, סעם און לוסי מיט געפּילדער און געטומל).

ס ע ם: (אַ בחור פון אַ יאָר פופצן, הויך־שול סטודענט, הויך און שיין געוואַקסן, איז צודרינגליך און פרעגט אויף אַלץ קשיות) אַ דעבאַטע! אַ דעבאַטע!

ל ו ס י: (אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף, זייער חנ׳עוודיק, מיט שוואַרצע לאָקן איבער די שולטערן, אַ ביסל צובאַלעוועט) צווישן נעד און דעם סאָציאַליסטישן רעדנער.

ב ע ר ט אַ: (ערשטוינט) נעד, דו, אויף די גאַסן?

נ ע ד: (אַ בחור פון אַ יאָר דריי און צוואַנציק, אַ סטודענט אין האַרוואַרד אוניווערסיטעט, הויך און שיין געוואַקסן, ערנסט און

באשיידן, מיט אריסטאקראטישע מאניערן. איז געקומען צו גאסט. גייט צו און באגריסט זיך מיט דעם דאקטאר, איז א ביסל אויפגערעגט) וואס פאר א שטומפּיקייט! זיי, זיי, אלע זיי, און מיר?

סילווערמאן: (שמייכלט) נו, וואס האט ער געענטפערט?

מאקסוועל: (א בחור פון א יאר ניינצן, א סטודענט אין קאלאמביא אוניווערסיטעט, שוואך אנטוויקלט, טראגט ברילן, איז עט־וואס איינגעבויגן. האט באגריסט דעם דאקטאר) ער האט געזאגט, אז מען וועט אים ערוויילן, וועט די ארבעטער זיין גוט. (לאכט).

סעם: און ער האט געזאגט, אז די ראביים און די פריעס־טער זיינען אלע פאר די קאפּיטאליסטן.

לואיס: און ער האט געזאגט אז קינדער ארבעטן פאר זעקס סענט א שטונדע.

סילווערמאן: אבער וואס האט ער געענטפערט נעד'ן?

נעד: געענטפערט! די זעלבע אלטע ארגומענטן. זיי, די קאפּיטאליסטן, וואל סטריט... עס שיינט, אז אנשטאט מארך, איז ביי זיי וואל סטריט אין קאפּ.

דר. קליגער: וואס זשע, וואל סטריט איז טאקע אזא צדקת?

נעד: עמיצער דארף דאך הערשן. מיר זיינען א פאלק נעבוירן אין פרייהייט. די גאנצע איניציאטיווע איז איבערגעגעבן געווארן צו אונז, דאס פאלק, נאר אויב דאס פאלק ווייסט ניט, קאן ניט אדער וויל ניט —

בערטא: (מיט ווייטאק אין איר קול) דארף מען עקספּלו־אטירן קינדער פאר זעקס סענט א שטונדע?

נעד: (פעסט) מיר זאלן ניט און ווילן ניט זיין קיין פאלק

פון נעבאכס, מאמאשא, און מיר וועלן ניט דערלאזן זיי זאלן מאכן פון אונזער לאנד א פאטערנאליזם.

ד ר. ק ל י ג ע ר: (איבערראשט) און דאס אלעס האסטו גע־לערנט אין הארווארד, נעד? דו האסט דאך באלאנגט צו דער סאציאליסטישער סטודענטישער געזעלשאפט.

נ ע ד: איך האב רעזיגנירט פון דער רייד־און־פראזן גע־זעלשאפט.

ד ר. ק ל י ג ע ר: רעזיגנירט?

נ ע ד: יא, רעזיגנירט; נאר מען רעדט, נאר מען דעבאטירט, מען פלאנט, מען רעכנט אויס אויף א האר, פונקט ווי מיר וואלטן געווען מעכאנישע באשעפענישן, וועמען מען קאן אנציען פאר צוקינפטיקע האנדלונגען. אין הארווארד האב איך געלערנט וועגן דעם ווידערשפרוך, דעם ג ר ו י ס ן ווידערשפרוך צווישן ו ו י ל ן און ג ע ו ו י ס ן, ג ל ו י ב ן און ה א נ ד ל ו נ ג.

ד ר. ק ל י ג ע ר: נו, נו, דערצייל אונז טאקע עפעס וועגן דעם גרויסן ווידערשפרוך.

נ ע ד: וואס פאר א זין האט עס צו ווארפן די גאנצע שולד אויף יענעם, ווען יעדער איינער פון אונז שפילט זיין ראליע — שלעכט.

ד ר. ק ל י ג ע ר: וואס מיינסטו?

נ ע ד: האבן מיר ניט די מעגלאכקייט זיך אויסצודריקן, צו דעמאנסטרירן אונזער ווילן אלע צוויי אדער פיר יאר?

ד ר. ק ל י ג ע ר: נאכדעם ווי די קאפיטאליסטן האבן פארכאפט פיר פינפטל פון דעם אייגנטום פון אמעריקע, עס גע־הייליקט מיט דעם געזעץ פון „באשטימטע רעכט" און האלטן אן אר־מייען פון אדוואקאטן, סאלדאטן מיט הארמאטן און זייערע גרייט

צו פאראורטיילן און צו דערשיסן יעדן איינעם, וואָס וואַגט צו צווייפלען אין די הייליקע רעכט פון די רייכע ?

נ ע ד : מיר זיינען אַ דעמאָקראַטיע !

ד ר . ק ל י נ ע ר : געוועז.

נ ע ד : נו, זאָל זיין אזוי, אָבער ווער איז שולדיק, וואָס מיר זיינען פארגליווערט געוואָרן ?

ב ע ר ט א : און אז מען איז פארגליווערט, שוואַך אַ־ער אומוויסנד, האָט מען אַ רעכט אויסצוניצן יענעמס אומגליקלאַכע לאַגע פאר פערזענלאַכע צוועקן ?

נ ע ד : מיר, אַמעריקאַנער, האָבן קיין רעכט צו זיין פאר־גליווערט, שוואַרך אָדער אומוויסנד. עס איז ניט איינגעשריבן אין אונזער קאָנסטיטוציע . . .

ד ר . ק ל י נ ע ר : דער אומגליק וואָס מענטשן און גע־זעלשאַפטן ווערן פארגליווערט איז דאָס, וואָס מען פארלאָזט זיך אויף יענעם, אויף דעם שטאַאט און זיינע הערשער. קיין שטאַאט, קיין הערשאַפט — אָט וואָס מען דאַרף !

מ א ק ס ו ו ע ל : און ווי אזוי וועט איר דאָס דורכפירן, דאָקטאר ?

ד ר . ק ל י נ ע ר : דורך ערציען, דורך בילדן די מאַסן, זיי מאַכן צו דענקען, צו זיין זעלבסטשטענדיק. אָט למשל, ווי העגרי דייוויד טהאָרא, אָדער ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן.

נ ע ד : (איבעראַשט) איז עמערסאָן געווען אַן אנארכיסט ?

ד ר . ק ל י נ ע ר : מסתמא. ער האָט געזאָגט : די בעסטע רעגירונג איז די, וועלכע רעגירט אַמווייניגסטן. און דאַן זיין ברוק פארם פראָיעקט — אַן עכט אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטי־שע קאָלאָניע.

נ ע ד: ווי קונציק איר טייטשט אויס יעדע פראזע, וואס א באַרימטער מאן לאזט פאלן. ווארום אויך ניט אריינעמען צווישן די אנארכיסטן דזשעפערסאָן און לינקאָלן?

ד ר. ק ל י נ ע ר: וואס דענקסטו? דזשעפערסאָן איז טאקע געקומען גאנץ נאָנט צו אונזער וועלט־אנשויאונג. א רע־גירונג איז ביי אים ניט מער ווי א אינסטרומענט, א מיטל, וואס מען דאַרף בלויז האָבן פאר געוויסע צוועקן, און ווען א רעגירונג שטעלט זיך אין וועג אָדער שטערט די נאטירלעכע פארלאנגען פון דעם פאָלק, מעג זי דאס פאָלק אראפּווארפן, מאכן א רעוואָלוציע. דער איינצלנער איז ביי אים געשטאנען פיל העכער פון דער גע־זעלשאפט, העכער פון יעדער מאכט — דאס וואס מיר זאגן דאך.

נ ע ד: און לינקאָלן?

ד ר. ק ל י נ ע ר: נו, יאָ, לינקאָלן. לינקאָלן איז געווען פאר די אָרימע, פאר די מאסן.

נ ע ד: און פאר רעגירונג, און פאר געזעץ, און קעגן די ווילדע קאפּריזן פון איינצלנע אָדער שטאאטן.

ד ר. ק ל י נ ע ר: נו, יאָ, דאס וואס מיר ווילן דאך.

נ ע ד: אָבער איר ווילט דאך ניט קיין רעגירונג, קיין גע־זעץ, קיין הערשאפט.

ד ר. ק ל י נ ע ר: פון גרופּן אָדער קלאסן.

נ ע ד: אָבער עמיצער דאַרף דאך אָנפירן מיט קהל'שע אנגעלעגנהייטן.

ד ר. ק ל י נ ע ר: אָנפירן. יאָ, אָנפירן פרייוויליק, וואס עס וואקסט ארויס פון די אינערלעכע פארלאנגען.

נ ע ד: און ווען די פארלאנגען זיינען ניטאָ?

ד ר. ק ל י נ ע ר: זיי זיינען דאָ ביי יעדן איינעם פון אונז. מען דאַרף זיי נאָר אַנטוויקלען.

נ ע ד: (אין כעס) וואו איז געווען דער ענטוויקלטער ווילן פון די אָנפירער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין איירא̇פּא זיך שטעלן קעגן דעם בלוטיקן קריג?

ד ר. ק ל י נ ע ר: (קוקט דאָ אויף נעד'ן, דאָ אויף סיל־ווערמאַנען און קנייטשט מיט די פּלייצעס) זאָג מיר, יאַקאָב, ווער ווער מען האָט בעאיינפלוסט: דער טאַטע דעם זון, אָדער דער זון דעם טאַטן? (אַלע לאַכן).

מ א ק ס ו ו ע ל: נו איצט, נעד, מעגסטו זיך שוין אָנ־שליסן אָן דער מנורה געזעלשאַפט.

נ ע ד: ווער, איך?

מ א ק ס ו ו ע ל: יאָ, דו. מען מוז דאָך ערגעץ באַלאַנגען, מען לעבט דאָך ניט פאַר זיך.

נ ע ד: איך, איך בין ניט אין גלות. איך בין אַן אמע־ריקאַנער.

מ א ק ס ו ו ע ל: ביז זיי וועלן דיר געבן צו פילן, אַז דו ביסט אַ איד און וועלן זיך אַנטזאָגן דיך אַריינצונעמען אין דער דעלטאַ־פּי ברודערשאַפט.

נ ע ד: איך וויל גאָר ניט באַלאַנגען צו זיי. (גיט אַ שפּאַ־ציר איבער דעם צימער אומרואיק) איך וויל גאָר ניט באַלאַנגען צו זיי. —

(עס ווערט טויט שטיל אויף עטלאַכע סעקונדן. עס פילט זיך, אַז מען האָט אָנגערירט אַ טיפע וואונד און אַ טיפער צער שיינט אַרויס פון אַלעמענס אויגן).

מ א ק ס ו ו ע ל: (רייסט איבער די שטילקייט) אָבער עס פאַרדריסט, עס טוט וויי.

נ ע ד : עס טוט ווײ. נו, זאָלן מיר אנטלויפן קײן פּאַ־לעסטינע ? (פּויזע) מיר וועלן קעמפן, קעמפן דאָ אין אונזער לאַנד, קעמפן מיט האַנט און מאַרך און דאָס חתמענען מיט בלוט אויב נויטיק. —

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : מיט ארבעט און געוויסן.

נ ע ד : אָפּשטעמפּלען אונזער ווילן אויף דעם פּנים פון אונזער לאַנד און זײ מאַכן גאָפּן.

ב ע ר ט אַ : זײ שרעקן זיך טאַקע פאַר אונזער ווילן, פאַר אונזערע אידעאַלן.

נ ע ד : ניט שרעקן זיך וועלן מיר זײ מאַכן, מאַמאַשאַ, נאָר גאָפּן און באַוואונדערן, ווען מיר וועלן באַזײטיקן דעם גרויסן ווידערשפּרוך און ווידער ווערן גאַנץ.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : (צו מאַקסוועל'ן) מיר זײַנען ניט אין גלות, מאַקסוועל. מיר האָבן זיך ערוואָרבן בירגערשאַפט אין אונזער לאַנד דורך אונזער ארבעט. מיר זײַנען אַמעריקאַנער, אַמע־ריקאַנער פון אידישער אָפּשטאַמונג.

ס ע ם : אויב מיר זײַנען אַמעריקאַנער, טאָ וואָרום גײען מיר ניט אין טשוירטש ?

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : הערסט, הערסט, מײקל ? (צו סעמ'ען) די טשוירטשעס און די רעליגיעס דאַרפן האָבן פרישע לופט — אויסלופטערן פון זיך דעם באַרבאַריזם. — אַזוי זאָגט וויליאַם דזשײמס.

ס ע ם : טאָ זאָלן מיר אויסלופטערן דעם באַרבאַריזם פון די טשוירטשעס און רעליגיעס, פּאַפּאַ. דו וועסט זען, ווען איך וועל ענדיקן הויך־שול, וועל איך אַרײַנטרעטן אין דעם אידיש־טעאָ־לאָגישן סעמינאַר.

ד ר. ק ל י נ ע ר : (פארוואונדערט) אין טעאלאגישן סעמי־נאר ?

ס ע ם : איך וויל וויסן מיין פאלק, קענען זיין געשיכטע . . . ווער זיינען מיר ?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : הערסט, הערסט, מייקל ?

ד ר. ק ל י נ ע ר : (צו סילווערמאנען) סעם וועט נאך ביי דיר אויסוואקסן א רב און מאכן גרינג דאס געוויסן פון זיין טשע־רעדע.

סעם : איך וויל גארניט זיין קיין ראבאי, און ווען אפילו איך זאל וועלן (פארשעמט ארונטערלאזנדיק די אויגן) טאר איך דאך ניט . . . עס שטייט דאך אין דער ביבעל . . . ראבי בלום האט מיר געזאגט.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (אין כעס) האט ער דיר אויך גע־זאגט, אז עס איז א ווילדער בארבארישער מנהג ?

ב ע ר ט א : וואס פאר א רעכט האבן מיר געהאט צו פאר־גיסן דיין בלוט, צו שטעמפלען דיך מיט עפעס, ווען דו ביסט נאך געווען אזוי יונג, אזוי הילפלאז ?

ס ע ם : עס איז גוט, עס איז סאניטאריש, עס איז א הייל־ליקער אידישער מנהג.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : הערסט, הערסט, מייקל. (צו סעמען) מיר האבן קיין רעכט זיך צו שטעלן אין דעם וועג פון פראגרעס. מיר זיינען אמעריקאנער, א פאלק אין ווערן. וואס וועט ווערן פון אמעריקע, ווען יעדער פאלק אדער גרופע איינגעבוירענע אדער איינגעוואנדערטע, וועלן זיך האלטן ביי זייערע מנהגים, צייכנס און גלויבנס ?

מ א ק ס ו ו ע ל : דארפן מיר הייסט עס זיין די ערשטע אויפצוגעבן ? איך פארשטיי ניט.

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: מען דאַרף קעמפן, קעמפן קעגן דער פינסטערניש, רעליגיעזער אָדער נאַציאָנאַלער. די מענשהייט איז אונזער נאַציאָן, די וועלט אונזער פאַטערלאַנד און צו בילדן די מאַסן — אונזער רעליגיע.

מ אַ ק ס וו ע ל: אָבער, דאָקטאָר, עס שאַדט דאָך ניט, ווען מען ווייסט די געשיכטע, די רעליגיע פון אַן אייגן פאָלק.

ב ע ר ט אַ: עס איז ניט נויטיק אָנצושטאָפּן דעם קאָפּ מיט פינסטערניש און אַבערגלויבן.

ד ר. ק ל י נ ג ע ר (מיט אויטאָריטעט) די אידישע רעליגיע איז איין גרויסע דאָגמאַ.

ס י ל וו ע ר מ אַ ן: (צו מאַקסוועלן) קאָנען מיר אין אַ וועלט, וואָס האַלט זיך אין אומאויפהערלאַכן וועקסלען, האַלטן באַ געזעצן, וואָס זיינען פאָרמולירט געוואָרן טויזנטער יאָרן צוריק? דו וואָלסט געדאַרפט נעמען אַ קורס אין בערגסאָן, מאַקסוועל, וואָלסטו פאַר־שטאַנען.

נ ע ד: אָבער דער ווילן, פּאַפּאַ, דער פּרעכטיק אומבאַזיגבאַ־רער ווילן פון די אידן. עס איז דאָך אינטערעסאַנט צו וויסן, וו אָ ס האָט געמאַכט די אידן אומבאַזיגבאַר אין אַלע צייטן און אונטער אַלע אומשטענדן טראָץ זייערע צאָלרייכע און מעכטיקע־רע שונאים? עס איז דאָך אַ וואונדער, די גרעסטע פּסיכאָלאָגישע רעטעניש.

מ אַ ק ס וו ע ל: (צום דאָקטאָר) אויב די אידישע רעליגיע איז אַ דאָגמאַ, דאַן איז דאָס אידישע פאָלק אַ רעליגיע.

ס י ל וו ע ר מ אַ ן: הערסט, הערסט, מייקל?

ד ר. ק ל י נ ג ע ר: (צו סילווערמאַנען) המ... וואָס פאַר אַ הויכע מיינונג ער האָט עס וועגן זיינע אידן.

(דער געשפּרעך ווערט אונטערבראָכן פון דעם רינגען פון דעם טע־

לעפאָן. מאַקסוועל גייט ענטפערן. דאָס הויז־מיידל פירט לאַנגזאַם אַריין אַ טישעלע אויף רעדלאַך, אויף וועלכן עס איז סערווירט טיי, וואַרעניע און געבעקס. זיי שטעלן אַלע צו שטולן און מען זעצט זיך טרינקען).

מ אַ ק ס וו ע ל : מיסטער פוקס ? נו, וואָס ווילסטו ? וואַרט אַ ביסל, פּאַפּאַ וועט — (ער קומט אַריין צוריק און זאָגט צו סילווערמאַנען) דיין פּייאיקער סופּעראינטענדענט.

ס י ל וו ע ר מ אַ ן : (גייט צום טעלעפאָן אין עס צימער, עס הערט זיך זיין שטים) מיסטער פוקס ? נו, וואָס ווילט איר ? די פּייפּ רינגט, איך זאָל שיקן נאָך דעם פּלאָמבער ? די „מאַנקי־רענטש" האָט זיך צעבראָכן ? קאָן מען אפשר וואַרטן ביז מאָרגן אין דער פרי ? ניין ? נוט, שיקט נאָך דעם פּלאָמבער. (גייט אַריין און זעצט זיך אויף זיין שטול).

ב ע ר ט אַ : (צום דאָקטאָר) מיר האָבן אייך צו פאַרדאַנקען פאַר דעם עגמת נפש.

ד ר. ק ל י ג ע ר : (ברוגז'לאַך) אַז עס פאַלט אַזוי שווער, קאָן מען דאָך די הייזער פאַרקויפן. מען דאַרף וויסן ווי אַזוי צו פאַרוואַלטן ריעל עסטייט.

נ ע ד : און איר ווייסט, דאָקטאָר ?

ד ר. ק ל י ג ע ר : איך האָב זיך שוין אויסגעלערנט.

נ ע ד : אָט זעט איר, דאָקטאָר, אפילו איר, וואָס וואָלט געדאַרפט זיין אַ ביישפּיל, טוט, וואָס אַלע טוען.

ד ר. ק ל י ג ע ר : אָבער איך העלף בילדן די מאַסן.

ב ע ר ט אַ : און מיט דעם רייניקט איר אָפּ, הייסט עס, אייער געוויסן ?

ד ר. ק ל י ג ע ר : געוויסן, געוויסן. עס איז איין אַריינגעפּלאַנצטער קוואַטש. מענטשן האָבן עטלאַכע געוויסנס,

פאר אין דער וואכן און פאר שבת, פאר דער ווייב און פאר דער געליבטער, פאר געשעפט און פאר צדקה. אונזער געווימן איז דאך ניט ווי זייערער —

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: געווימן איז אלץ.

ד ר. ק ל י נ ע ר: וואס איז אזוינס געווימן? קאנסט עס דערקלערן?

נ ע ד: געווימן שיינט צו זיין א פראדוקט פון דעם עלאן וויטאל, דער סאמע עצם פון דער וועלט.

מ א ק ס ו ו ע ל: געווימן איז א פונקציע פון די מארך־צעלן.

ס ע ם: געווימן איז גאט, רבי בלום האט מיר געזאגט.

ל ו ס י: איך ווייס, וואס געווימן איז.

ב ע ר ט א: וואס איז אזוינס געווימן?

ל ו ס י: געווימן איז א שיינע דרעס. (געלעכטער).

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: געווימן איז דער ווייטאג, וואס זאגט אונז אן, אז מיר זיינען אומגערעכט.

ד ר. ק ל י נ ע ר: עס איז א פונקציע פון דעם מארך און גייט אלעמאל האנט אין האנט מיט דעם זכרון.

נ ע ד: נו, דאקטאר, אייער מארך פונקציאנירט אנארכיס־טיש און דאך האנדלט איר עכט קאפיטאליסטיש. ווי אזוי דער־קלערט איר דעם ווידערשפרוך?

ד ר. ק ל י נ ע ר: (באליידיקט) מיר בילדן, מיר בילדן די מאסן, מיסטער, א הונדערט פראצענט.

ב ע ר ט א: (טרויעריק) און מיר, נעד, זיינען בעסער? מיר בילדן אפילו די מאסן אויך ניט.

(אַ קלונג און עס קומט אַריין מיסטער געווינער, אַ שכן פון די סילווערמאַנ׳ס, פון זייערע הײַזער אין די בראָנקס. ער איז אַ מאַן פון אַ יאָר 30 מיט אַ גוטמוטיקן פּאַלקסטימלאַכן פּנים, אַ טוער אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אין אַרבעטער רינג. ער איז אָנ־געטאָן ווי אַ גוט באַצאָלטער אַרבעטער).

בערטאַ: (לויפט אים אַנטקעגן און פרעגט אין שרעק) עפּעס וועגן די הייזער?

געווינער: ניין, וואָס פאַלט אייך איין. איך בין געקומען זען גענאָסע סילווערמאַן. (ער גייט אַריין אין גאַסטצימער אַביסל צוטומלט און באַגריסט יעדן איינעם. בערטאַ בעט אים זיצן).

סילווערמאַן: וואָס ברייינגט אייך אַהער, פריינט געווינער?

געווינער: (אין אַ פּאַרלעגנהייט) איך, איך בין געשיקט געוואָרן אַלס קאָמיטע פון אונזער ברענטש אייך איינצולאַדן צו פייערן צוזאַמען מיט אונז דעם צען־יאָריקן יובילעאום פון אונזער ברענטש, וואָס איר האָט געהאָלפן גרינדן.

סילווערמאַן: (אין אַ פּאַרלעגנהייט) גוט, אויב איר האָט ניט דאַגעגן. אָבער איר ווייסט דאָך מסתמא, אַז איך בין מער ניט קיין מעמבער פון דעם אַרבעטער רינג און — און —

געווינער: דאָס מאַכט ניט, אָבער איר זיינט דאָך אַן אַלטער אויסגעפּרובירטער קעמפער און אַ מעמבער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

סילווערמאַן: עס טוט מיר זייער לייד אייך צו זאָגן, פריינט געווינער, אַז איך האָב אויך רעזיגנירט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

געווינער: (איבעראַשט) רעזיגנירט? וואָס הייסט? זינט ווען?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: זינט איך האָב אויסגעפונען, אַז דער סאָציאַליזם איז נים דער איינציקער אמת פון דער וועלט.

ג ע ו ו י נ ע ר: (פיל באַדייטנד) אַזוי גאָר? וואָס זשע, הייסט עס, אַז קאַרל מאַרקס האָט אַ מיסטייק געמאַכט?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: אַ קליינינקן טעות. ער האָט גע־וואָלט איינשפּאַנען דעם מענטשן אין אַ פאָרמולע, אין זיין געשיכ־טעס־מאַטעריאַליסטישן וואָגן, אָבער דער מענטש איז נים אַזא מעכאַניזם, וואָס מען קאָן איינשפּאַנען. דער מענטש האָט אַ ווילן, און דער ווילן פּראָטעסטירט.

ג ע ו ו י נ ע ר: איך פאַרשטיי אייך נים. וואָס הייסט דער ווילן פּראָטעסטירט? וואָס זשע, מיר ווילן דען נים?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: (ווייך) עס טוט מיר לייד, פריינט געווינער, אָבער איך האָב מורא, אַז מיר ווילן נים.

ג ע ו ו י נ ע ר: (איבעראַשט, שמעקט מיט דער נאָז) וואָס זשע, דאָס איז די לופט, די לופט פון דער וועסט סייד?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: אַט שטעלט אייך פאָר, למשל, פריינט געווינער, אַז סאָציאַליזם איז געקומען, נאָר האָט מיט זיך נים געבראַכט די געווינשטע פרייהייט און גליק. וואָלט איר דאָס וועלן?

ג ע ו ו י נ ע ר: וואָס הייסט? קאַרל מאַרקס האָט דאָך געזאָגט, האָט וויסנשאַפטלאַך באַגרינדעט. —

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: גלויבט איר, הייסט עס.

ג ע ו ו י נ ע ר: ניין, איך גלויב נים, איך בין אַ פריי־דענקער. (הויבט זיך אויף אין איילעניש פון שטול) אהא, איך פאַר־שטיי שוין! (מיט נצחון אין זיין קול) קאַרל מאַרקס האָט גע־זאָגט, אַז איינגאַנצן בייט איבער די מאָראַל. (מיט זיכערקייט) קאַרל מאַרקס האָט קיין מיסטייק נים געמאַכט. אַך, די לופט! די

לופט פון דער וועסט סייד? האט קיין פאריבל ניט, מיסטער סילווערמאן. גוטע נאכט. (לויפט ארויס אין איילעניש).

ב ע ר ט א : (טרויעריק) נאך א שונא.

(עס קלינגט דער טעלעפאן. מאקסוועל גייט ענטפערן).

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : מיסעס פוקס? נו, וואס? דזשייק, דעם טויבן גראסערי מענ׳ס באי האט צעבראכן א שויב? זיין פאטער איז אין ביזנעס, און פאפא קאן אים קלאגן פאר דעמע־דזשעס? וואס? שיעור ניט דערהרג׳עט דעם אלטן גאטליב?

ב ע ר ט א : (אין פארצווייפלונג) פארקויפן, פארקויפן.

פ א ר ה א נ ג

צוריק צו זיך

אָריגינעלער צווייטער אקט

דער דאָזיקער אקט קומט פאָר אין אפריל 1917

אַן אַפּאַרטמענט אויף ער וועסט סייד, רייך מעבלירט. רעכטס און לינקס פירן טירן אין זייטיקע צימערן. אַנטקעגן, צו רעכטס אַן אָפענע טיר, וואָס פירט צו אַ קאָרידאָר. אַנטקעגן צו לינקס פירט אַ טיר אין דער ביבליאָטעק. עס הענגען אַ פּאָר אויל בילדער אויף די ווענט. אַנטקעגן אַ גרויסער זייגער, וואָס שטייט אויף דעם דיל פינף צאָל די הויך.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף זיצט הער און פרוי סילווער־מאַן, מאַקסוועל און סעם, זייערע קינדער, הער סאָנהיים, זייער פריינט און גאַסט, מאַדזשי, אַ מולאַטקע, אַרום טיש זייער אויפגעלייגט. עס איז נאָך אָוונט־ברויט. דאָס געפעס שטייט נאָך אויף דעם טיש. אַלע אויגן זיינען אָנגעשטעלט אויף דער טיר לינקס.

לוסי פאַרשטעלט אַלס אַן אַלטיטשקע פרוי מיט אַ שאַל אויף דעם קאָפּ קומט מבקר חולה זיין איר פריינדן זעלדע גיטל. הויבט אָן צו איר ריידן און אויספרעגן אויף איר געזונט. אַלע קייכן פון געלעכ־טער. ווען זי ענדיקט, ברעכט אוים אַ בראַוואָ. זי לויפט אין דער טיר פון וואַנען זי איז געקומען, קומט ווידער אַרויס, דאָס מאָל פאַר־שטעלט, אָנגעטאָן ווי אַ יונג ווייבל מיט אַ שווערן פאַר־מאַנטל און ווייסן הוט, ווי זי קומט דאָס ערשטע מאָל צום בוטשער קויפן פלייש.

מבקר חולה זיין.

. . . . . גוטן אָוונט, גוטן אָוונט, זעלדע גיטל ! שוין לאַנג קראַנק ? ווארום קראַנק ? אַ מאַך זיך ניט נאַריש, זעלדע גיטל !

אזא גוטע, אזא טייערע היים ווי דו האָסט ! דעם כבוד וואָס מען גיט דיר אָפּ ! און דו ? אזא נאַר ! דו וואָלסט דאָך געדאַרפט טאַנצן, הוליען, שפּרינגען, אַזוי פיל נחת קיין עין הרע ! וואָס זשע, די זייטן ? דער בויך ? די פּלייצעס ? ווי אַזוי איז עס געקומען ? מסתמא זיך אַרויסגעכאַפּט אָן אַ יאַקל ! אָ, ווען איך זאָל כאָטש האָבן אַ צענטל נחת פון דעם, וואָס דו האָסט ! ווען מיינע קינדער זאָלן מיר כאָטש באַהאַנדלען — אָ, די שניר ! איך זינדיק חלילה ניט, נאָר איך האָב מורא פאַר איר ! אַ גאַנצינקן טאָג נאָר זי שעלט, שעלט און שעלט, שעלט און שעלט ! אָ דער ניט גוטער זאָל דאָס כאַפּן ! אויף שונא ציון זאָל דאָס פאַלן ! וואָס האָט דיר דער דאָקטאָר געזאָגט ? פאַרשריבן אַ רעצעפּט ? אַ זיסן ? אַ זויערן ? נאַ, לאָמיר נאָר פאַרזוכן. (פאַרזוכט) אוי ! עס איז דאָ גאָר ווייניק, איך זאָל אַזוי לעבן ! גוט, גוט, אַ רפואה׳לע דיר אין דיין לעבער. נאַ, זיי מיר געזונט. מיין טייערע זעלדע גיטל. עס זאָל מער קיין קאַנקהייטן ביי דיר אין הויז ניט זיין. האָב מיר אַ גוטע נאַכט. גאָט זאָל זיין מיט דיר און דו זאָלסט זיין אין גיכן מיט גאָט.

דאָס פּלעפּער מיידל

האַו דו יו דו, מיסטער ציפּקאָוויטש ! אַר יו די באָסער כשר ? איך וויל די בעסטע טשיקן ! די בעסטע פלייש ! מיין מאַן איז אַ פּאָריער, יו נאָו. אַ פּאָריער, און פאַרדינט 200 דאַלער אַ וואָך, יו נאָו. 200 דאַלער ! דו מיינסט ער איז אַ גרינהאָרן ? יו אַר פוליש אַזוי צו דענקען. ער פאַרדינט צוויי הונדערט דאַלער אַ וואָך און קאָן טאַנצן — באַ ! הויך און שלאַנק און רירעוודיק, אַז אַלע סיידים און קיידים ווערן די כפּרה ! ער איז אַ ספּאָרט און קאָן אַלע טענץ : פּאָלקאַ, מאַזורקאַ, וואָן סטעפּ, טו סטעפּ, טאַנגאָ, שימי און וואַלס. (דרייט זיך אוים ווי אין אַ וואַלס און גיט אַ שימי) און קליידט זיך — באַ ! נאַטהינג באָט סילק סטאָקינגס ענד סילק שוירטס און פּעטענט לעדער שוס ! ענד יו

סי טהי דיימאָנד ? ענד דהי פּאָר קאָוט ? אַלאַסקאַ סיעל ! ענד דהי האַנימון ! עס וועט קומען גלייך נאָך דעם סיזאָן און אין אמבאַסאַדאָר האָטעל אין אַטלאַנטיק סיטי ! ענד האו מאַטש איז אַ פּונט טשיקן ? און פליייש ? (קוקט זיך איין) דאָס איז פליייש ? פוי ! עס איז גאָר רויט ! נאַ, איך וויל די פרישע, בעסטע, יו נאָו ! מיין מאַן איז אַ פּאָריער ! און הערינג ? און פלאָ־מען ? איר האָט עס ניט ? סקיוז מיר, וואו קריגט מען ער־געץ פרישע הערינג ? ער איז ניט קיין גרינהאָרן, יו נאָו ! און בענטשן ליכט ? און פּעציאַ ? ווי אַזוי מאַכט מען דאָס פּעציאַ, מיסטער ציפּקאָוויטש ? (קוקט אויף דער זון) אוי, וויי איז מיר, שוין צייט ליכט צו בענטשן. (אין היילעניש) סקיוז מיר, מיסטער ציפּקאָוויטש, וועל קומען שפּעטער, נאָך ליכט בענטשן.

סאָנהיים: פּראַכטפאָל, וואונדערבאַר ! זי באַזיצט אמת׳ן טאַלאַנט !

בערטאַ: יאָ, ווען מיר האָבן באַמערקט איר פיינע באָ־אָבאַכטונגס קראַפט, טעמפּעראַמענט און אַ נייגונג נאָכצונעמען האָבן מיר גלייך פאַר איר באַשטעלט די בעסטע לערער פון דער דראַמאַטישער קונסט.

סילווערמאַן: איך בין אַ גרויסער פאַרערער פון דער דראַמאַטישער קונסט. קיין צווייג פון קונסט קאָן זיך ניט פאַר־מעסטן מיט דראַמע ווי אַ מיטל אַרויסצוברייינגען די טיפסטע און פאַרבאָרגנסטע קנייטשן פון דער מענטשלאַכער נשמה.

בערטאַ: און איך וואָלט געגעסן אָפּערא מיט ברויט.

סילווערמאַן: און דענקט צו וויפל הונדערטער און טויזנטער מענטשן די אידעען פון אַ דראַמע קענען איבערגעגעבן ווערן !

(לוסי סילווערמאַן, אַ ביסל פאַררויטלט און פאַרשעמט גייט צו צו סילווערמאַנ׳ס שטול און טוליעט זיך צו אים).

ס אַ נ ה י י ם : (רייכט איר די האַנט און דאַנקט איר) גוט, זייער גוט, מיס סילווערמאַן, איר באַזיצט אמת'ן טאַלאַנט. ווען גייט איר אויף דער בינע?

ל ו ס י : (שטעלט זיך אין אַ פּאָזע פון אַ ראָמאַנטישער אַקטריסע, שטייף און אָנגעצויגן) אייערע קאָמפּלימענטן מיין לאָרד, זיינען מיר זייער אנגענעם, און מיין בינע נאָמען איז לוסיל דע־סילוואַ.

ס ע ם (קרימט זיך נאָך) לוסיל דע סילוואַ. לוסי סילווערמאַן שטייט איר ניט אָן. (מיט פאַראַכטונג) אָו, אָו!

ב ע ר ט אַ : (גיט אַ בייזן קוק אויף סעמ'ען) ווען זי וועט ענדיקן הויך־שול פּיליכט, ווען מען וויל זיין אַ גרויסער קינסט־לער אָדער קינסטלערין, דאַרף מען זיך צוערשט ערווערבן אַ גוטע בילדונג ווי ביי די רוסן.

ס אַ נ ה י י ם : די רוסן זיינען אַ מערקווירדיק פאָלק!

ב ע ר ט אַ : דאָס בעסטע, דאָס קינסטלערישסטע!

ל ו ס י : קאָנעטשנאָ! זיכער.

ס ע ם : (מיט אַ באַהאַלטענעם סאַרקאַזם) ס'פאַרשטייט זיך, וויל דו און פּאַפּאַ זיינען דאָרטן געבוירן.

ב ע ר ט אַ : און זיך ערצויגן און איינגעזויגן די גרויסע רוסישע קולטור.

ס ע ם : מיט די גרויסע רוסישע פּאָגראָמען.

ב ע ר ט אַ : (ווערט אין כעס) רעד ניט אַזוי, דאָס האָט דער צאַר מיט זיינע שוואַרצע מאות געמאַכט. זע, וואָס דאָס גרויסע רוסישע פאָלק האָט איצט אויפגעטאָן.

ס א נ ה י י ם : די רעוואָלוציע!

ב ע ר ט אַ : דער איינציקער שטראַל אין דער פינסטער־

ניש פון איירָאפּאַ. עס וואָלטן געדאַרפט אויסברעכן רעוואָלוציעס איבעראַל. און זעט צו וואָס דאָס גרויסע רוסישע פאָלק האָט זיך געכאַפּט אויף מאָרגן נאָך דער רעוואָלוציע — צו בילדונג. אוני־ווערסיטעטן אויף דעם פראָנט! איז דאָס ניט אַ סימבאָל פון דער גרויסער רוסישער נשמה? ערשט איצט וועט דאָס גרויסע רוסישע פאָלק קאָנען אומגעשטערט אַנטוויקלען און אַרויסווייזן זיין זשעני, זיין קינסטלערישן טעמפּעראַמענט!

סילווערמאַן: עס זאָל זיך נאָר ניט איבער׳חזר׳ן דאָס זעלבע ווי אין 1905. אייפערזוכט צווישן די פּאַרטייען זאָל ניט באַגראָבן די רעוואָלוציע.

בערטאַ: גלויב ניט אין דעם, יאַקאָוו, זיי וועלן לערנען פון די טעות׳ן, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין 1905 און זוכן זיי אויסצומיידן.

סילווערמאַן: (שמייכלט) אייפערזוכט ווייסט ניט פון קיין טעות׳ן און פון קיין רעכנונג.

בערטאַ: איצט איז דאָך עפּעס אַנדערש! אין 1905 איז די רעוואָלוציע געמאַכט געוואָרן מערסטנס פון דער אינטע־ליגענץ און שטאָטישע אַרבעטער. הייַנט האָט דאָס פאָלק אַליין, דאָס גרויסע, ברייטע, קינסטלערישע רוסישע פאָלק האָט געמאַכט די רעוואָלוציע. זי איז געקומען פון אונטן און ניט פון אויבן.

לוסי: קאָנעטשנאָ! זיכער!

סילווערמאַן: דאָס איז דאָס ערגסטע דערביי. ווען עפּעס קומט פון אונטן, איז דאָס אַ זיכערער דורכפאַל...

בערטאַ: נאַ, נאַ, מיין טייערער, און דו ביסט עס גע־גאַנגען אין פאָלק. צוהערן פון דיר אַזעלכע רייד!

סילווערמאַן: עס איז ניט מיין שולד, בערטעלע, עס איז אַ זאַך פון ערפאַרונג, פון זען, פון פאַרשטיין.

סאָנהיים: אַלעס רוט אויף ערפאַהרונג און פאַרשטיין.

בערטאַ: דאָס איז דאָך פּינקטלאָך וואָס דאָס גרויסע

רוסישע פאָלק האָט געטאָן : עס האָט געדענקט, פארשטאנען און געהאנדלט — געמאכט די רעוואָלוציע !

לוסי : קאָנעטשנאָ ! זיכער !

בערטא : איר וועט זען, איר וועט זען, וואָס דאָס גרויסעברייטע רוסישע פאָלק וועט נאָך אויפטאָן. קאָן דען עמיצער פארשטיין זיין גרויסע קינסטלערישע נשמה, ווי מיר וואָס האָבן זיך ערצויגן אויף זיין גרויסער רייכער קולטור ? די גאנצע געשיכטע פון דעם רוסישן פאָלק איז דאָך א ליד, איין גרויסע פאָעמע.

לוסי : קאָנעטשנאָ ! זיכער !

סעם : (מיט איינגעהאַלטענעם כעס) דו האָסט דאָך א פאַטענט צו פארשטיין דאָס רוסישע פאָלק !

לוסי : יאָ, יאָ, א גאָלדענעם מעדאַל פאר ענדיקן די גימנאזיע. (גייט צו צו איר און קושט איר).

סעם : און דאָס אידישע פאָלק ? (סילווערמאַן, סאָנהיים און בערטא קוקן זיך איבער).

מאקסוועל : איצט דארפן מיר קלערן פון דעם אמעריקאנער פאָלק. מיר זיינען דאָך שוין אויך אריינגעטראָטן אין דער מלחמה. (בערטאַ'ס פנים ווערט פאַרוואָלקנט).

סאָנהיים: אונזער רעגירונג האָט ענדליך געמוזט נעמען א שטעלונג.

סילווערמאן : (ערנסט) און איך גלויב ניט, אז דאָס איז די בעסטע שטעלונג. מלחמות וועלן ניט אָפּשאפן קיין מלחמות און מיינע זין וועל איך ניט לאָזן גיין פארגיסן קיין בלוט. (בערטאַ'ס פנים שיינט אויף. זי און מאַדזשי נעמען אַרונטער דאָס געפעס פון טיש און שטעלן דאָס אַוועק אויף אַ קליין טישל. מאַדזשי פירט עס אַוועק אין דער טיר אַנטקעגן, רעכטס).

בערטא : ווען מען וואָלט געקענט מאכן רעוואָלוציעס אָן

בלוט צו פארגיסן ! און זע ווי לייכט די רעוואָלוציע האָט זיך איינגעגעבן. עס איז כמעט קיין בלוט נים פארגאָסן געוואָרן.

סילווערמאַן : די רעוואָלוציע פאנגט זיך ערשט אָן.

בערטא : דאָס גרויסע רוסישע פאָלק ווייסט ווי אויס־צומיידן בלוט פארגיסונג. הונדערט יאָר האָט עס געטרוימט און ענדליך איז זיין טרוים געוואָרן א ווירקלאכקייט און די ווירק־לאכקייט וועט זיין פונקט אזוי שיין ווי זיין טרוים.

לוסי : קאָניעטשנאָ. זיכער !

סעם : און דאָס אידישע פאָלק טרוימט שוין צוויי טויזנט יאָר.

סילווערמאַן : וואָס האָסטו זיך עפעס היינט צו־רעדט פון דעם אידישן פאָלק ?

סעם : איך קאָן ניט ליידן . . . פון לאה סילווערמאַן ווערט לוסיל דע סילווא, און מאמאשא האלט אין איין ריידן פון דעם גרויסן, ברייטן, קינסטלערישן רוסישן פאָלק און זיינע טרוי־מען און ווירקלאכקייט, און ווער זיינען מיר ? האָבן מיר גאָר קיין טרוימען ניט ? איך פארשטיי ניט . . .

סילווערמאַן : האָב איך דיר ניט גענוג קלאָר גע־מאכט, אז מיר זיינען אמעריקאנער, אמעריקאנער פון אידישער אפשטאמונג ?

סעם : אמעריקאנער פון אידישער אפשטאמונג ! און דאָך האלט די מאמע אין איין פארגעטערן דאָס רוסישע פאָלק, עפעס אזוי ווי עס וואָלט געוועזן דאָס איינציקע פאָלס וועלכעס ווערט צו לעבן אויף דער וועלט.

סילווערמאַן : נו, סעם, מען קאָן דאָך ניט אויס־מעקן פון זכרון די יוגנט, די איבערלעבונגען, די ערציאונג, וואָס

מען קריגט אין אַ געוויסן לאַנד. און די רוסישע ליטעראַטור איז דאָך טאַקע עפּעס. און די רוסישע אינטעליגענץ, איר גייסט פון אויפאָפּפערונג האָט טאַקע צו זיך קיין גלייכן אין דער וועלט. און די רעוואָלוציע איז דאָך פּאַרט אַ ליכטיקער שטראַל אין דער געדיכטער פינסטערניש!

סעם: מיר זיינען אַמעריקאַנער פון אידישער אָפּשטאַ־מונג און דאָך ביסטו דער פּאַרזיצנדער פון דער קאָמיטע פון קלאָוק פאַבריקאַנטן צו העלפן די אידישע מלחמה־קרבנות אין רוסלאַנד. און זיינען מיר טאַקע בלויז אַמעריקאַנער פון אידי־שער אָפּשטאַמונג האָבן מיר ניט קיין ספּעציעלע פּראָבלעמען, איז ניטאָ קיין אידיש פאָלק?

סילווערמאַן: אז מען וויל, איז עס דאָ. עס ווענדט זיך ווי מען דענקט.

סעם: און איך דענק אַז עס איז דאָ, פּאַפּאַ! (פּויזע, ענטשלאָסן) איך דענק אַרויסצוטרעטן פון קאָלאָמביאַ אוניווערסי־טעט און אַריינטרעטן אין אידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר. איך וויל קענען לערנען מיין פאָלק, זיין פאַרגאַנגענהייט. איך וויל לערנען פון דעם ערשטן קוואַל. איך וויל וויסן: זיינען מיר די ערג־סטע? אָדער די בעסטע?

(סילווערמאַן און בערטאַ קוקן זיך איבער מיט ערשטוינונג, לאַכן הערצליך).

מאַקסוועל: (אַן אויפריגער סטודענט פון ביאָלאָגיע) מיר זיינען ניט די ערגסטע און ניט די בעסטע. מיר זיינען רוקן־ביי־נערדיקע חיות, וואָס האָבן זיך ענטוויקלט פון ניט רוקן־ביינער־דיקע חיות, און די ניט רוקן־ביינערדיקע חיות פון צעללען, און די צעליקע פון איינצל־צעליקע און די איינצל־צעליקע? (צו סילווערמאַן) פּאַפּאַ, ער וואָלט געדאַרפט נעמען אַ קורס אין ביאָ־לאָגיע, וואָלט ער געוואוסט! (אַלע לאַכן).

סאַנהיים: אַז איר וועט ענדיקן בשלום, וועל איך זען אייך פאַרצושלאָגן אַלס ראַבאַי צו אונז אין טעמפּל שערי צדק, אויב איר וועט ניט האָבן דאַגעגן.

לוסי: (רייצט זיך) ראַבאַי סעמיועל סילווערמאַן!

סעם: (אויפגערעגט און פאַרשעמט) איך וויל ניט זיין קיין ראַבאַי. איך וויל בלויז שטודירן דאָס אידנטום פון ערשטן קוואַל. אגב ווען איך זאָל אפילו וועלן זיין אַ ראַבאַי (פאַרשעמט אַרונטער־לאָזנדיק די אויגן) טאָר איך דאָך ניט, עס שטייט דאָך אין דער ביבל. . . ראַבאַי בלום, האָט מיר געזאָגט . . . (סילווערמאַן, סאַנהיים און בערטאַ קוקן זיך איבער)

סילווערמאַן: ראַבאַי בלום האָט דיר געזאָגט . . . (פויזע) האָט ער דיר אויך געזאָגט, דערקלערט די געשיכטע דער־פון, אַז עס איז אַ ווילדער באַרבאַרישער מנהג. וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר געהאַט צו שטעמפּלען דיך מיט עפּעס, ווען דו ביסט נאָך געווען אַזוי הילפלאָז?

בערטאַ: וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר געהאַט צו פאַר־גיסן דיין בלוט, מאַכן אָפּעראַציעס?

סעם: עס איז סאַניטאַריש, עס איז אַ הייליקער אידי־שער מנהג! (הויבט זיך אויף פון זיין שטול).

סילווערמאַן: עס איז נאָך ניט צו שפּעט, עס איז נאָך ניט צו שפּעט, סעם, קאָנסט עס נאָך טאָן אויף דיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט. (פויזע).

(סילווערמאַן, בערטאַ, סאַנהיים און מאַקסוועל הויבן זיך אויף פון זייערע שטולן).

לוסי: (שטיפעריש) ראַבאַי סעמיועל!

סעם: עמלק.

סאַנהיים: (אין פאַרלעגנהייט) ווירקלאַך, ווירקלאַך, איר רוסישע אידן, האָבן מוט.

סילווערמאַן: מוט צו פאַרוואַרפן אַלטע פאַרשימל־טע מנהגים, וועלכע האַלטן אונז צוגעשמידט צו דער פאַרגאַנגענהייט.

בערטאַ: איצט וועלן מיר זיך גיין איבערטאָן (צו מאַקס־וועל'ן און סעם'ען) ווילט איר אפשר גיין מיט אונז אין דער אָפּע־ראַ, קינדער?

מאַקסוועל: איך מוז בייוואוינען אַ מיטינג פון די דזשואיש ביג בראַדהערס אַסאָסיאיישאַן.

סעם: און איך האָב וואָלונטירט אַלס סעקרעטער פאַר דעם קאַמפּיין־וואָך פון דזשואיש רעליף און היינט איז אַ וויכ־טיקער מיטינג.

בערטאַ: נו, לוסיטשקאַ, קום.

לוסי: (שטיפעריש) ראַבאַי סעמיועל.

סעם: עמלק, עמלק לאַנד! (בערטאַ און לוסי אָפּ לינקס. מאַקסוועל און סעם אָפּ אין דער אָפענער טיר אַנטקעגן רעכטס).

סאַנהיים: (ניט דרייסט) ווירקלאַך, ווירקלאַך, עס איז זייער געוואַגט. קיין דייטשער אָדער אַמעריקאַנער געבוירענער איד וואָלט ניט געוואַגט אַזוי צו דענקען וועגן . . .

סילווערמאַן: דאָס איז דאָך דער אומגליק מיט זיי, וואָס זיי וואַגן ניט, זיינען פויל צום דענקען! וואָס איז דען אַזוינס דאָ הייליגס אָדער ערהאַבענעס צו פאַרגיסן בלוט פון אַ קינד פון אַכט טאָג? מנהג? טראַדיציע? אָבער ניט אַלע מנהגים און טראַדיציעס זיינען גוט, זיינען שיין, זיינען ווערט געהאַלטן צו ווערן!

סאַנהיים: אפשר איז דאָס טאַקע סאַניטאַריש?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : וואָלט עס די מעדיציניש[ע] וויסנ־
ט ערקלערט אלס אזעלכע.

ס אַ נ ה י י ם : אפשר נעמט עס די מעדיציניש[ע] וועלט
ניט אָן, ווייל זיי ווילן ניט צוטיילן אונז אידן דעם קרעדיט דער־
פאַר.

מ אַ ק ס ו ו ע ל און ס ע ם (קומען אַריין אָנגעטאָן און
רייכן די חענט צו סאַנהיים און סילווערמאַן). גוטע נאכט ! גוטע
נאכט ! (אָפּ).

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : די ריינע וויסנשאַפט רעכנט זיך ניט
מיט אזעלכע זאכן, ווי קרעדיט אָדער טובות. ווען עס וואָלט גע־
ווען א פאקט, וואָלט עס די מעדיצינישע וויסנשאַפט אנערקענט
פון וועמען עס זאָל ניט קומען.

ס אַ נ ה י י ם : דאָך אָנגעמענדיק אז מיר זיינען אמערי־
קאַנער פון אידישער אָפּשטאַמונג, אָדער ווי מיר דייטשע אידן
האַלטן, אַמעריקאַנער פון אידישן גלויבן, עס דאַרף דאָך זיין
עפּעס אזוינס, וואָס זאָל אונז באַצייכענען, אז דאָס זיינען מיר
און ניט קיין אַנדערע.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : איז די רעליגיע ניט קיין גענוג
גוטער סימן ?

ס אַ נ ה י י ם : דאָס איז דאָך אַ זייער וויכטיקער ריטואַל
פון דער אידישער רעליגיע, און חוץ דעם זיינען דאָך פאַראַן מאַסן
אידן, וואָס זיינען ניט רעליגיעז ווי איר למשל . . .

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : איך האַלט ניט, אז מיר אַמעריקאַנער
דאַרפן האָבן באַזונדערע צייכנס אָדער באַזונדערע מנהגים, וואָס
גייען להיפך צום געזונטן מענטשן־פאַרשטאַנד. ניט נאָר מיר,
נאָר אַלע פעלקער און גרופּן אין אַמעריקאַ דאַרפן איבערטוישן זייע־
ערע צייכנס, מנהגים און גלויבנס אין ליכט פון א גרעסערער, ברייטע־

טערער פאַרברידערונג. מיר זיינען אַמעריקאַנער, אַ פֿאָלק אין ווערן און ווי קאָנען מיר ווען עס איז ווערן דאָס, וואָס די געשיכטע האָט פאַר אונז אָנגעצייכנט — צו ווערן די האָפנונג פון דער וועלט, פון דער מענשהייט — ווען יעדער פֿאָלק, יעדע גרופּע איינגעבוי־רענע אָדער אריבערגעקומענע וועלן זיך האַלטן ביי זייערע צייכנס, מנהגים און גלויבנס ?

ס אַ נ ה י י ם : געוואָגטע געדאַנקען, מיסטער סילווערמאַן, געוואָגטע געדאַנקען. עס ווייזט אויס, אַז רוסלאַנד איז די מוטער פון אַלע ראַדיקאַלע געדאַנקען.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : עס איז דאָ, אפשר, אַ שטיקל אמת אין דעם, אָבער די דאָזיקע געדאַנקען האָב איך געלערנט פון אַן אמעריקאַנער — אַן אמת׳ער אַמעריקאַנער, וויליאַם דזשיימס. ער, און טיילווייז דער יעצטיקער פּרעזידענט האָבן מיך געמאַכט פאַר דאָס, וואָס איך בין, אַן אַמעריקאַנער און בלויז אַן אַמעריקאַנער.

ס אַ נ ה י י ם : ווירקלאַך, ווירקלאַך, איר געפינט נאָך גע־נוג צייט נאָך אייער׳ע געשעפטס־שטונדן צו לייענען, צו שטודירן. איר זיינט מערקווירדיק, מיסטער סילווערמאַן.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : עס איז גאַנץ נאַטירלאַך, אַז אַ פאָ־טער, וואָס פילט פאַראַנטוואָרטליכקייט צו זיינע קינדער, זאָל זיי נאָכפאָלגן אויף דעם פעלד פון געדאַנק און וויסן און דאָס מיט זיי דיסקוטירן אין דעם קרייז פון זיין פאַמיליע. און אין וויליאַם דזשיימס האָב איך געפונען דעם בעסטן טיפּ, דעם טיפּישסטן פאָר־טרעטער, דעם פאָרלויפער פון דעם אַמעריקאַנער, וואָס האַלט אין ווערן.

ס אַ נ ה י י ם : איר זיינט וואונדערבאַר, מיסטער סיל־ווערמאַן !

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : איך בין בלויז נאַטירלאַך, מיסטער סאַנהיים. מען דאַרף קוקן די פאַקטן אין די אויגן און האָבן מוט

צו האנדלען אין איינקלאנג מיט די פאקטן.

(בערטא און לוסי קומען אריין אנגעטאן ווי צו גיין אין דער אפערא).

בערטא: עס טוט מיר לייד, יאקאוו, וואס דו קענסט זיך היינט ניט אנציען ווי א דזשענטלמען.

סילווערמאן: און איך בין גראדע צופרידן, וואס איך האב היינט די געלעגנהייט צו זיין נאטירלאך. (מאדזשי, קומט אריין, דערלאנגט די מענער זייערע היט און מאנטלען און זיי טוען זיך אן. עס קלינגט. נעד מיט א רענצל אין האנט פארסאפעט, פארשוויצט, שטארק צוטראגן און אויפגערעגט, לויפט אריין באגריסנדיק מיט האלבע אפגעהאקטע ווערטער. בערטא און סילווערמאן מיט אמאל ערשטוינט און אין איין שטימע). וואס איז דאס? וואס איז פלוצלינג?! וואס האט פאסירט?

נעד: (נעמט ארונטער די הוט און מאנטל און שטאמלט) איך, איך, איך האב וואלונטירט! (אלע בלייבן שטיין ווי געליימטע פאר עטלאבע סעקונדן, ביז זיי קומען צו זיך.)

סילווערמאן: (בלאס און אויפגערעגט) וואדוואָ-לונ־טירט, וואו?

נעד: (שנעל און אויפגערעגט, ווישט זיך דעם שווייס). אין דער ארמיי! אין דעם לופט סקאדראן פון דער ארמיי!

(סילווערמאנס פנים קריגט אלערליי קאלירן. בערטא הויבט אן זינקען צום דיל. מאנהיים כאפט איר אונטער און זעצט איר אוועק אין א שטול. לוסי מאכט אן ערנסט פנים).

מאדזשי: (לויפט אריין מורמלענדיק) וואס איז געשען? וואס קען איך טאן?

סילווערמאן: (אויפגערעגט גיט א גיי פאראויס צו נעד'ן אויפהויבנדיק איין האנט. איראניש) מיין לאנד! גערעכט אדער אומגערעכט, הא?

נ ע ד: (שלינגט שווער) גיין, מיין לאנד, מיין לאַנד איז גע־רעכט! איז גערעכט!

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: גערעכט, הא, גערעכט! גערעכט! וואָס? גערעכט פארגיסן בלוט?

(בערטאַ קריגט היסטעריקע. פאַנגט אָן וויינען. נעד לויפט צו צו איר. העלפט איר זיך צעשפּיליען).

נ ע ד: נא, מאַמעלע, זיי שטאַרק! זיי אַ שטאָלצע מוטער — (קושט איר, לוסי גייט צו צו בערטאַ'ן לאַסטשעט איר).

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: ווארום האָסטו ניט געשריבן, טעלע־גראַפירט, טעלעפאָנירט?

נ ע ד: (שטאַמלט) ניט, ניט געווען קיין צייט. געקומען אזוי אזוי פּלוצלינג. דער פּראָפעסאָר האָט געהאַלטן אַ פּאַטריאָטישע רעדע. געגעבן אָנצוהערעניש: די אַנגלאָ־זאַקסן האָבן געבראַכט אומאָפּהענגיקייט. די אײַרישע און די דייטשן האָבן געקעמפט פאַר דער יוניאָן. און איצט איז געקומען די צייט פאַר די אידן און אַנדערע פעלקערשאַפטן צו באַווייזן וואָס זיי קאָנען טאָן פאַר זייער לאַנד. נו, האָבן מיר אַלע אידן פון אונזער קלאַס וואָלונטירט. ענטשולדיקט, וואָס איך האָב ניט געשריבן. (לאַשטשעט בערטאַ'ן).

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: און איין רעדע, איין פּאַטריאָטישע רעדע האָט געמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דיין קאָפּ?! ווי, ווי קענסטו דאָס?

נ ע ד: עס איז ניט איין רעדע, פּאַפּאַ. עס איז אַ לאַנג שטודירן און נאָכדענקען.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: שטודירן וואָס? ווי קאָנסטו דאָס? 23 יאָר האָב איך דיך ערצויגן, געזען אין דיר איינפלאַנצן העכע־רע פּליכטן, אַלגעמיינע מענטשלאַכע אידעאַלן און איצט, איצט ועסטו גיין הרג'ענען, שיסן, שטעכן, פאַרניכטן. ווי, ווי, ווי קאָנסטו דאָס?!

נ ע ד : איך קאָן, איך וועל קאָנען, די פּליכט רופט, די דייטשן האָבן — —

ס י ל וו ע ר מ אַ ן : וואָסער פּליכט ? וועלכע פּליכט ? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן דיר די דייטשן געטאָן ? דו ווייסט גאַנץ גוט מיין מיינונג וועגן מלחמה.

נ ע ד : (דרייסטער) איצט איז ניט קיין צייט זיך צו רעכע־נען מיט פּערזענלאַכע מיינונגען. ווען מיין לאַנד רופט, ווען מיין לאַנד איז גערעכט, ווען מיין לאַנד גייט קעמפן פאַר הויכע מענטש־לאַכע אידעאַלן, פאַר די זעלבע אידעאַלן, וואָס דו האָסט אין מיר איינגעפלאַנצט . . . ווי, פּאַפּאַ, האָסט דאָך געדאַרפט זיך פרייען, זיין שטאָלץ אויף מיר, וואָס איך האָב וואָלונטירט.

ס י ל וו ע ר מ אַ ן : (אין גוואַלדיקן וואוט לויפט צו צו נעד׳ן און דראָט מיט אַ פינגער). דו וועסט ניט הרג׳ענען ! דו וועסט ניט הרג׳ענען ! דו וועסט ניט גיין !

ס אַ נ ה י י ם : (צוטומלט צו סילווערמאַנ׳ען) ווירקלאַך, ענט־שולדיקט, עס איז אַ פאַמיליען־אַנגעלעגנהייט, מיין זיין דאָ איז איבעריק. איך וויל גיין.

ס י ל וו ע ר מ אַ ן : (אין דער זעלבער באַפעלנדיקער פּאָזע) איר מעגט דאָ זיין ! איר מעגט דאָ זיין !

ס אַ נ ה י י ם : ניין, ניין, איך קאָן ניט, עס איז צו אינטים. איך שטער אייך זיך אויסצוריידן. גוטע נאַכט, גוטע־נאַכט. (לאָזט זיך גיין אין דער אָפענער טיר).

ס י ל וו ע ר מ אַ ן : (צו מאַדזשי׳ן) רינג פאַר דעם שאָ־פער, זאָל ער אָפּפירן דעם הער, וואו ער וויל. גוטע נאַכט, ענט־שולדיקט, מיסטער סאַנהיים.

ל ו ס י : (צו נעד׳ן) דו וועסט זיין אַן אָפיצער ? יאָ ? (נעמט אים אַרום און גיט אים אַ קוש).

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (אראפּוואַרפנדיק פון זיך דעם מאַנטל) דו וועסט ניט גיין ! דו וועסט ניט פאַרגיסן קיין בלוט ! (פּויזע).

ב ע ר ט א : ווארום האָסטו ניט טעלעפאַנירט ? ווארום האָסטו זיך ניט באראַטן ?

נ ע ד : אָבער וואָס איז דאָ זיך צו בארא‍טן ? ווען מיין לאַנד האָט ערקלערט מלחמה, איז דאָס ניט מיין עסק ? קאָן איך ארומגיין די הענט אין די קעשענעס, אָדער פאַרטוזעצן מיין שטור־דיום ? ווי קאָן מען דאָס ? ווי קאָן מען דאָס ? !

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : מען קאָן, מען דאַרף קאָנען. ביסטו ניט גרוים גענוג צו אונטערשיידן פון פראַזן ביז פאַקטן ? וואו איז דיין אַנאַליטישער שכל ? וואו איז דיין אינדוקטיווע מעטאָדע ?

נ ע ד : (אין פאַרצווייפלונג) גאָט ! קאָן מען איצט קלערן וועגן אַזעלכע זאַכן ?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : גראָדע איצט ! איצט איז די צייט ! ביסטו איצט ניט באַהערשט פון דיינע ווילדע ליידנשאַפטן פון דער חיה אין דיר ? !

נ ע ד : ניין, פּאַפּאַ, ניין ! איך בין באַזעעלט פון די העכ־סטע מענטשלאַכע אידעאַלן ! בין איך דען איך ! ? בין איך א וועלט פאַר זיך אַליין ? באַלאַנג איך ניט צו א פאַמיליע, צו א גרופּע, צו א פאָלק, צו א לאַנד, צו דער וועלט ? און ווען א פאָלק באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס פאָדערט ארוים די וועלט, ערקלערט זיך פאַר דעם בארעכטיקטן הערשער פון דער וועלט, און וויל איר מיט זיין אויטאָקראַטישן שטיוול צודריקן, קאָן איך שטיין פון דערווייטנס און צוקוקן ? עס וואָלט דאָך געווען א זינד ! א פאַרברעכן ! די גרעסטע פּייגהייט !

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : מלחמה איז א פאַרברעכן ! די גרעסטע פּייגהייט ! און דו ווילסט עס אָוועקגעבן דיין יונגן בלי־ענדן לעבן אויף דעם מזבח פון דעם גרעסטן פאַרברעכן, פון דער גרעסטער משוגעת ?

נ ע ד : פרייהייט און גערעכטיקייט שטייען העכער פון אלץ אין דער וועלט.

ס י ל וו ע ר מ א ן : וועט די מלחמה איינוואָרצלען, באַ־פעסטיקן פרייהייט און גערעכטיקייט ?

נ ע ד : זי וועט אין א געוויסער מאָס. מיר האָבן דערויף דאָס וואָרט פון דעם נביא פון ווייסן הויז.

ס י ל וו ע ר מ א ן : ביזטו נאאיוו !

נ ע ד : עס איז בעסער צו שטאַרבן אין דעם נאאיוון גלויבן אז גערעכטיגקייט וועט געשען איידער צו לעבן און צוקוקן ווי גע־רעכטיגקייט ווערט געטראָטן מיט די פיס !

ס י ל וו ע ר מ א ן : זיי זיינען איינער ניט בעסער פון דעם צווייטן. זיי טרעטן אלע גערעכטיגקייט מיט די פיס !

נ ע ד : ניין ! איך האָב אויפמערקזאם שטודירט די פראַגע. די דייטשן האָבן געמוזט ברייגנען די מלחמה אויף דער וועלט. עס איז א פועל יוצא פון זייער עקאָנאָמישן סיסטעם.

ס י ל וו ע ר מ א ן : דאָס איז דאָס ! עס איז א פראַגע פון עקאָנאָמישע סיסטעמען, עקאָנאָמישע אינטערעסן. וואָס פאַר א רעכט האָבן מיר זיך צו מישן, צו העלפן איין גרופע עגאאיסטישע פעלקער קעגן א צווייטער גרופע ?

נ ע ד : וואָלט עס ניט געווען די גרעסטע געפאַר פאַר דער וועלט די דייטשן זאָלן זיגן ? דער אופן ווי זיי פּראָדוצירן, זייער אָפּזועצן סחורה, זייער קאָנקורענץ, זייער שטאַאט — עס איז ניט קיין פאָלק, עס איז א מעכאניזם ! זיי ווילן מעכאניזירן די וועלט, דער׳הרג׳ענען די נשמה פון דער וועלט !

ס י ל וו ע ר מ א ן : אזוי, מעכאניזירן די וועלט, דער׳הרג׳־ענען די נשמה פון דער וועלט ! און מיר ? מיר אין אמעריקע וואָס טוען ? האָבן מיר עפּעס א סך רעספּעקט פאַר די נשמות פון אונזערע מיטבירגער ? עס איז אין דעם סיסטעם אין דעם

פארפלוכטן סיסטעם, און די דייטשן זיינען אין דעם פרט ניט ערגער פון אלע אנדערע!

נ ע ד: דו פארגעסט, אז די דייטשן זיינען די גרעסטע אנטיסעמיטן!

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: נאר ניט געשפילט אויף מיינע סטרונעס! מיר דארפן דאס ניט געדענקען גראדע איצט, ווען זיי שטייען אין א טויט־קאמף מיט דער וועלט!

נ ע ד: האט ניט דאס גוואלטזאמע פאלק ערקלערט א בלאקאדע און געשטערט אונז פריי זיך צו באוועגן אויף די ימים? איז דאס ניט דיין עסק? ביזטו א וועלט, א רעפובליק, א בירגער פאר זיך אליין? האסטו ניט געשווארן, האסטו ניט געגעבן אן ערבות דיין לעבן, דיין אייגנטום און דיין הייליקע ערע, צו דער פארטיידיקונג און דאס שטערבן נאך גליק פון דיינע מיטבירגער?

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: יא, איך האב געגעבן! אבער איך האב ניט געגעבן אין ערבות מיין געוויסן! איך האב רעכטן, וועלכע קיין מאכט אין דער וועלט קאן ביי מיר ניט צונעמען. איז דאס דער איינציקער בעסטער און ערנהאפטסטער וועג צו דינען מיינע מיטבירגער מיט דעם, וואס איך וועל שרייען הורא, ווערן היסטעריש, טאן וואס אלע טוען? האט דער דאזיקער קאנטינענט געווארט טויזנטער יארן באהאלטן אין זיין שויס זיינע אוצרות פאר אונז, מיר זאלן ווערן רייך און מעכטיק בכדי צו גיין אין אלטע, אלטע אויסגעטראטענע וועגן? זיינען מיר ניט שטארק און מעכטיק גענוג צו זיין אנדערש, צו גיין אונזער אייגענעם וועג? וואס, אום גאטעס ווילן, וועט אונז די מלחמה ברענגען? פרייהייט? דעמאקראטיע? א נייע וועלט־ארדנונג? אבער ־אס קאן דאך נישט געשען איבערנאכט, דאס זיינען דאך ניט זאכן, וואס מען קאן אויסשטרעקן די האנט און נעמען! זיי זיינען דאך באגריפן, אין אונז, זיי געשען מיט אונזער איינשטימיגקייט. זיינען מיר דערצויגן דערצו? זיינען מיר צוגעגרייט דערצו?

ווייז מיר! איבערצייג מיר! מאך מיר דאָס צו זען! (פויזע) די וועלט איז אַן עקאָנאָמישע אייג־היים. דו ווייסט דאָס! די געזעלשאַפט איז אַ פּראָבלעם פאַר אינזשינירן, דו ווייסט דאָס! זיינען מיר ווילִיק זיי צו געבן אַ מאַנ־דאַט און זיך אונטערצואווארפן זייער ענטשיידונג? (פויזע).

געד: עס זיינען דאָ אַנדערע, טיפערע מאָטיוון.

סילווערמאַן: וועלכע מאָטיוון?

געד: דער וואַקסנדער אַנטיסעמיטיזם.

סילווערמאַן: און דו ווילסט עס פאַרשטאָפּן זייערע מיילער מיט מענטשן־פלייש?

געד: דו וואָלסט געדאַרפט זען די אויגן פון מיינע ברי־דער, די קריסטלאַכע סטודענטן, ווי זיי האָבן געקוקט, ווען דער פּראָפעסאָר האָט דערמאָנט די אידן אין זייער פליכט צום לאַנד, און איינער האָט מיר אפילו אַריינגעלאַכט אין פּנים און באַמערקט: איצט באַווייזט, וואָס איר, אידן, קאָנט אויפטאָן!

סילווערמאַן: איינער!

געד: ליידער האָט ער בלויז אויסגעדריקט דאָס, וואָס פילע דענקען.

סילווערמאַן: לאַך פון זיי!

געד: עס איז צו ערנסט צו לאַכן, פּאַפּאַ. מען קאָן דאָס ניט איגנאָרירן. עס איז די מיינונג פון זיי, אַז מען מוז דאָס חתמענען מיט בלוט.

סילווערמאַן: מיט בלוט? ניט מיט אַרבעט? ניט מיט גייסטיקן שאַפן? זיינען מיר ניט קיין אונטערנעמער? אַרבע־טער? צוטיילער? באַקליידן מיר ניט אַמעריקע מיט דער גרעסטער

ווירקזאַמקייט ? שטאַרבן מיר ניט אַ לאַנגזאַמן אויסצערענדען טויט? (טרויעריק אין אַ נידריקן טאָן, פאַרשעמט) מיר, מיר פאַרמאַכן אונ־זערע אויגן, רייסן שטיקער פון אונזער געוויסן, פאָלגן דעם געזעץ פון קאָנקורענציע מיט דער גרעסטער אכזריות. אָו, אָו, (דריקט צוזאַמען די ציין) וואָס פאַר אַ שטומפּיגקייט !

נ ע ד : מיר דאַרפן זיך באַנוצן מיט דער געלעגנהייט און פאַרשטאַרקן אונזער פּאָזיציע.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (אין שטאַרקער אויפרעגונג) וואָסער פּאָזיציע ? וועלכע פּאָזיציע ? יועלכע פּריווילעגיעס, גענימן מיר ? מיר דאַרפן זיך פאַר קיינעם ניט אויספּיינען ! דאַרפן קיינעם ניט געפעלן ! קיין שוחד ! קיין כאַבאַר ! גאָט, וואָס טוט זיך דאָ !

נ ע ד : איז דיר דען שווער זיך אַריינצוטראַכטן אין אונזער לאַגע, פּאַפּאַ, אין דער אויסנאַמלאַגע אין וועלכער מיר, די שטודירנדע יוגנט, געפינט זיך ? זיי באַטראַכטן אונז אַלס אַ נידעריקערע ראַסע און באַהאַנדלען אונז אַלס אַזעלכע. עס איז שוין נמאס געוואָרן די באַליידיקונגען, שטעך־ווערטלאַך, דאָס דולדן, דאָס פאַרפאָלגן, דאָס אויסשליסן אונז, דאָס ניט אַריינעמען אונז אין זייע־רע ברודערשאַפטן. עס פאַרדריסט, עס פאַר׳סם׳ט אונזערע הער־צער, און לאָזט איבער אַ ביטער געפיל, אַ צואוויטאָקטע נשמה. —

ס י ל ו ו ע ר מ א ן : (שנעל מיט היץ) וויליק, וויליק, וויליק, וויליק צו ליידן ! וויליק צו זיין אויסגעשלאָסן ! וויליק צו זיין פאַרפאָלגט ! איז דאָ אַן אורזאַכע דערפאַר ? (לאַנגזאַם צע־צויגן די ווערטער) איז דאָ אַן אורזאַך דערפאַר ? און דו ווילסט עס אויסבייטן : אונזערע ליידן, אונזערע איבערציינגונגען, אונזער געוויסן פאַר דער פּריווילעגיע צו באַלאַנגען צו זייערע ברודער־שאַפטן ? אונזער אויסשליסונג איז אַ פּריווילעגיע, וועלכע מיר דאַרפן האַלטן טייער, טייער — ווייל אומזיסט (פּויזע) אונזער ליידן, אונזערע איבערציינגונגען, אונזער געוויסן זיינען ניט צום

פארקויפן, ניט צום אויסבייטן. דאָס איז דער סימבאָל פון אונ־זער וועזן. די איינציקע זאכן, אויף וועלכע מיר זיינען אייפער־זיכטיק. (פויזע. אַ טויטע שטילקייט הערשט אין צימער. סילוועער־מאַן שפּאַצירט ארום פאַרטיפט אין געדאַנקען). זיי וועלן אונז ניט דערשרעקן, ניט ברעכן אונזער ווילן, ניט רייבן דאָס, אויף וואָס מיר זיינען שטאָלץ, ניט מאכן בויגן אונזערע קני און איינשטימען מיט זייער טעמפּן, אויבערפלאַכלאַכן בליק אויף דער וועלט. (פויזע) זיי האָבן דאָך מיך אויך ארויסגעטריבן פון דעם אוניווערסיטעט דערפאַר, וואָס איך האָב געוואָגט צו גלויבן, אז די וועלט איז געשאַפן געוואָרן פאר דעם מענטשן — פאַר אַלע מענטשן און ניט פאַר אַ קליינער גרופּע מענטשן אָדער קלאַס. (פויזע) זיי ווילן ניט, זיי ווילן ניט די פיר טויזנט יאָריקע ערפאַרונג, וואָס לעבט אין אונז און שטראָמט ארויס פון אונז אלס אייביקער פּראָטעסט צו זייער מגושמ'דיקער מאכט־איז־רעכט־וועלט. זיי האָבן מורא פאַר דעם פלאַם פון אונזער פייער, פאַר דער רוט פון אונזער שאַרפזין, פאַר דער פילבאַרקייט און שטרענגקייט פון אונזער גע־וויסן. דערפאַר — זייער אַפּזונדערונג, דערפאַר — זייער האַס (פויזע). זייער האַס איבערציינגט אונז, אַז מיר זיינען גערעכט. (פויזע). מיר זיינען גערעכט. מיר ווייסן דאָס און דאַרפן זיין גרייט צו צאָלן פאַר דער פּריווילעגיע צו זיין גערעכט.

ב ע ר ט אַ : (פּלוצלינג) גערעכטיגקייט, דער גערעכטיקער צאָרן פון פאָלק האָט געבראַכט די רעוואָלוציע.

נ ע ד : (גייט צו צו בערטאַ'ן) מאַמעלע, דו האָסט דאָך באַ־דויערט, וואָס איך בין געווען צו יונג און מיך ניט געקאָנט שיקן קעמפן, אַנטיילנעמען אין דער רעוואָלוציע פון 1905.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : אַ רעוואָלוציע איז דאָך ניט קיין מלחמה ! איך אליין וואָלט געלאָפן מיט שמחה, זיך געשעצט גליק־ליך צו אָפּפערן מיין בלוט אין אַ רעוואָלוציע פאַר פרייע, אָפענע

וועגן, פאר גרויסע געלעגנהייטן, פאר דער ענטוויקלונג פון דער הייליקער פערזענלאכקייט — אבער מלחמה?

נ ע ד: שטעלט אייך פאר, פאפא, מאמא, דאס פרייע אמע־ריקע און דאס באפרייטע רוסלאנד אויף דער פרידנס קאנפערענץ, עס איז דאך ממש —

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: און דו דענקסט, אז יענע, וואס טיילן זיך אפ, וואס האבן מורא מיט אונז זיך צו פארמעסטן, וואס זיצן פעסט אויף זייער בארג פון גאלד און טראכטן שטענדיק ווי צו באפעסטיקן זייערע פריווילעגיעס וועלן האבן אפשיי פאר רעכט און גערעכטיקייט?

נ ע ד: מיר, דאס פאלק, וועלכע שטייען אויף דער וואך, וועלן דאס פאדערן.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: דו ווייסט מיין מיינונג וועגן דעם פאלק?

נ ע ד: מיר זיינען א דעמאקראטיע, קלוג אדער נאריש, מיר באשטימען דעם גאנג פון דער געשיכטע.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: קיינמאל ניט! עס זיינען די פיהרער וואס מאכן געשיכטע.

נ ע ד: עס איז אלץ איינס.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: עס איז ניט אלץ איינס. פאקטן, פאקטן, געהעריק פארגעלייגט קאנען דאס ענדערן. (פעסט) בלייב דא, בלייב דא, אונזער לאנד דארף אונז לעבעדיקע, פורכטלאזע, בערייטוויליקע צו לערנען, רעטן, אמעריקאניזם — פאר אמעריקע!

נ ע ד: א שווערע אויפגאבע. דער גרעסטער איבערצייגנ־דער פאקט וועט זיין ווען מיר וועלן צושטעלן א צעטל פון פיל וואלונטירן וועלכע זיינען געגאנגען מיט פרייד פארגיסן זייער בלוט פאר אונזער לאנד. דאס פאלק דענקט ניט מיט דעם קאפ, עס דענקט מיט דעם הארצן.

ס י ל ו ו ע ר מ א ן: דער גרעסטער אומגליק. איך מאן

פארשטיין און רעספעקטירן דיינע געפילן. דו ווילסט דינען דיין לאנד, התמענען מיט בלוט דיין איבערגעגעבנהייט, אָבער איז דאָס ניט די גרעסטע נארישקייט צו גיין פארגיסן בלוט כדי צו געפעלן דעם מאב ?

נ ע ד : ניין, ניט צו געפעלן דעם מאב. מיר זיינען גע־רעכט. איך פיל דאָס אין מיין הארצן. דו ווייסט דאָך גאנץ גוט, וואָס וויליאם דזשיימס לערנט. ניט אלע פּראָבלעמען קען מען לייזן מיט ר׳עם ריינעם פארשטאנד.

ס י ל וו ע ר מ א ן : דו פארשטייסט ניט דזשיימס׳ן ! דזשיימס ערלויבט, בלויז אין געוויסע פעלע און אונטער געוויסע אומשטענדן, אונזער ליידנשאפטלאכער נאטור צו ענטשיידן געוויסע אמת׳ן און בלויז נאָך דעם ווען אלע לאָגישע באווייזן זיינען אויס־געשעפּט. דו ווייסט גאנץ גוט, וואָס פאר א גרויסן רעספּעקט ער האָט פאר פאקטן !

נ ע ד : אָבער ער האלט אויך, אז געפילן זיינען פאקטן, וועלכע מען קאָן ניט איגנאָרירן.

ס י ל וו ע ר מ א ן : געפילן אין דעם רעאלם פון גלויבן, וואָס וואַקסט ארויס פון דער טיפעניש פון אונזער געמיט, און אויך נאָכדעם ווי א ריכטיקער אורטייל ווערט געמאכט און אויסגעגליט אין די פייערן פון צווייפל. דאָן, דאָן איז דאָך דאָס אינטואיציע, און ווי קען מען צוזאמענפּאָרן אינטואיציע מיט מלחמה ? פיל־סטו דען צו הרג׳ענען ? פילסטו דען צו פארגיסן בלוט? באַ־טראכט זיך, באַדענק זיך, אורטייל אליין. וועט עס ברענגען נוצן ? וועט עס זיין די לעצטע מלחמה ? וועט עס אויסוואָרצלען פון מענטשלאכע הערצער די פאלשע אידייען ? וועלן די באַ־גריפן פון גוט און שלעכט, אמת און פאלשקייט, רעכט און אומ־רעכט, מיינס און דיינס, מאָראליש און אונמאָראליש נאָך דער מלחמה זיין אנדערש ווי איצט ? (פּויזע) עס איז דאָ בלויז איין פעלד פון ערע, אויף וועלכן מיר דארפן קעמפן און זיך ניט אָפּ־שטעלן פאר קיינע קרבנות און דאָס איז : דאָס פעלד פון ביל־

דונג, פון וויסן, פון פאקט! (באַפעלנדיק) בלייב דאָ! איך וועל דיך באַגלייטן מיט שטאָלץ אויף דעם דאָזיקן איינציקן שלאַכטפעלד!

נ ע ד: דו ביסט פאַלשטענדיק גערעכט, פאַפאַ. אָבער קאָנסטו ניט זען אז אין די פראַגן פון בילדן די מאַסן זיינען ניט נאָר מיר פאַראינטערעסירט, נאָר די גאַנצע וועלט? און איך האָב פאַלשטענדיק צוטרויען צום נביא פון ווייסן הויז. איז זיין דערקלערונג פון צווייטן אַפּריל ניט קיין גאַראַנטיע, וואו דער דאָזיקער גרויסער מאַן וויל אונז פירן? אַ ליג פון נאַציאָנען! פרייהייט פאַר קליינע פעלקער! איינטיילן די וועלט אַזוי, אַז יעדעם פאָלק זאָל קענען פריי און אומגעשטערט זיך אַנטוויקלען! און דאָס מיינט דאָך דאָס אָפּשאַפן פון גרענעצן, דאָס מיינט דאָך אַן אינטעליגענטער קאָנטראָל פון דעמאָקראַטישע רעגירונגען איבער מענטשלאַכע טעטיקייטן — אַן אַלוועלטלאַכע פאַראייניקונג פון פרייע פעלקער פאַר שלום, פרייהייט, און גערעכטיקייט צו אַלע נאַציאָנען! עס איז דאָך איבערוועלטיגענד! עס איז דאָך דער חלום פון דיין לעבן, פאַפאַ!

ס י ל וו ע ר מ אַ ן: דו ביסט נאָך צו יונג, מיין זון, צו באַגרייפן די פאַרפירערישקייט פון ווערטער. גענוג שיינע ווערטער זיינען שוין געזאָגט געוואָרן, אָבער זיי זיינען געפאַלן אויף טויבע אויערן און פאַרשטאָפטע הערצער. דו וואָלסט זיך געדאַרפט דורכגיין מיט מיר אַ ביסל אין דער געשעפטס־וועלט, און זען, ווי מענטשן פאַסמאַקעווען זיך, זיינען פריילאָך, ווערן פעטער פון טאָג צו טאָג. דו וואָלסט געדאַרפט זען, אויף וואָס דאָס פאָלק פאַרשווענדט געלט, זיך איבערצייגן, אַז דעם פאָלקס קאָפּ ליגט נאָך טיף אין זיין בויך. קאָנען ווערטער מאַכן מענטשן ניט זיין אַזוי פאַרברעכעריש עגאָאיסטיש? קאָנען שיינע פראַזן מאַכן מענטשן דענקען ערלאָך? וועלן זיי אריינגעבן אַנדערע הערצער, אַרויפזעצן אַנדערע קעפּ אויף די מענטשן? (פּויזע) מיט מיין גאַנצער אַכטונג צו דעם נביא פון ווייסן הויז, פאַר דעם מוטיקן און העכסטן דעמאָקראַט, פאַר דעם קאָפּ און האַרץ פון אַמעריקע; אָבער עס רעדט ניט איצט דער פרייער אומגעבונדענער מאַן, עס רעט דער פּרעזידענט אויף דער

אויפפאָדערונג פון די אינטערעסן פון די פאַרבאַנדן פון די סוחרים. איז עס ניט אַ געפאַר פאַר אונזער פרייהייט נאָכצוגעבן דער דאָזיקער גרויסער מיטעלמעסיקייט ?

נ ע ד : עס וועט אַנדערש זיין. עס וועט אַנדערש ווערן. מיר, דאָס אַמעריקאַנער פאָלק, זיינען אין תוך אידעאַליסטיש, צו־טרויאיש, בראַוו און אַרבעטזאַם. וואָרום זאָלן מיר זיין אַזוי פּע־סימיסטיש און גלויבן, אַז ווען מיר וועלן צוריק קומען, וועלן מיר זיך לאָזן באַהערשן פון די פאַרבאַנדן פון סוחרים, פון די אינטע־רעסן פון קאַפּיטאַל ?

ב ע ר ט אַ : וואָרום האָסטו ניט וואָלונטירט אין רויטן קרייץ ?

נ ע ד : איך בין אַן אַמעריקאַנער, מאַמאַשע, מיין ספּעציאַ־ליטעט איז פיזיקס און ווי קאָן אַן אמת פרייער אַמעריקאַנער זיך באַהאַלטן אונטער אַ קליידל פון זיכערקייט ? איך גיי דאָרטן, וואו איך קאָן אַממערסטן זיין נוצליך פאַר מיין לאַנד !

ס י ל וו ע ר מ אַ ן : דו גייסט נאָך ניט !

נ ע ד : זיי אַ שטאַרקער, בראַוווער, פאָטער. מיר וועלן וואונ־דער באַווייזן אויף דעם פעלד פון ערע פאַר די פרייהייט פון די פעלקער. (פויזע) הא ! (ער פאַרטראַכט זיך) וואָס זע איך ? הא ! (שטעלט זיך אויף פון שטול) איך זע ! (לויפט אַרום איבער דעם צימער אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס זוכן) איך זע ! איך זע !

ס י ל וו ע ר מ אַ ן : (איבעראַשט פון זיין פּלוצלינגדיקער פאַר־ענדערונג. בערטאַ ווערט זייער אויפמערקזאַם, גלייכט זיך אויס אין שטול און שטרענגט אָן איר בליק אויף נעד'ן) וואָס, וואָס זעסטו ?

נ ע ד : (שטאַמלט) איך, איך זע, ער איז אַ גענִיוס ! אַ גע־ניוס !

ס י ל וו ע ר מ אַ ן : ווער ? ווער ?

נ ע ד : דער טיפזיניקסטער דיפּלאָמאַט ! דער גרעסטע קאָפּ ! דער נביא פון ווייסן הויז !

סילווערמאן: וואָס איז מיט דיר, נעד?!

נעד: איך גיי! איך פאַרשטיי! עס איז מיר איצט קלאָר געוואָרן. ער האָט נאָכגעגעבן די אינטערעסן, די פאַרבאַנדן פון סוחרים פון דער גרויסער, גרויסער מיטלמעסיקייט אום צו ראַטעווען די ערע פון אַמעריקא פאַר דעם אורטייל פון דער געשיכטע! עס איז די טיפסטע דיפּלאָמאַטיע!

סילווערמאַן: (ווערט בלאַס און פאַנגט אָן צו ציטערן, בערטא ווערט נאָך מער אויפמערקזאַם) נו, איז וואָס?

נעד: איך גיי קעמפן פאַר דער ערע פון אַמעריקא, פאַר דעם גוטן נאָמען פון מיין לאַנד! אַז די געשיכטע זאָל אונז ניט פאַראורטיילן ווי אַ פאָלק פון מאַטעריאַליסטן. (פויזע).

סילווערמאַן: (וואַקלענד, ניט דרייסט, ער פילט די שטאַרקייט פון נעד'ס אַרגומענט און זאָגט שוואַך). איך רעספּעקטיר דיין אידעאַליזם, נעד, אָבער איך קאָן ביי זיך ניט פועל'ן.

נעד: (שאַרף) דו דאַרפסט, דו מוזט זיין אַ שטאַרקער בראַווער פאָטער! מיר וועלן וואונדער באַוויזן אויף דעם פעלד פון ערע און ווען מיר וועלן צוריקקומען — גיב מיר דיין צושטימונג, גיב מיר דיין ברכה! (ער בויגט איין דעם קאָפּ און פאָדערט ער זאָל אים בענטשן) בענטש מיך! פּאַפּאַ, בענטש מיך!

סילווערמאַן: (ציטערט, די הענט פאַנאַנדערגעשפּרייט) איך גלויב ניט, נעד, איך גלויב ניט, איך וויל גאַראַנטיעס!

נעד: וועלכע גאַראַנטיעס? איז אונזער ווילן, אונזער גלויבן, אונזער בערייטוויליקייט ניט די בעסטע גאַראַנטיע?

סילווערמאַן: איך גלויב ניט, נעד, איך גלויב ניט! צו פעסט איז איינגעוואָרצלט דער עגאָאיזם, די אַמביציעס, די ליידנשאַפטן, דער האַס און נקמה אין די מענטשלאַכע הערצער. דיין אידעאַליזם וועט ניט שענער מאַכן זייער לעבן! דיין טויט וועט ניט צאַמען זייערע ליידנשאַפטן!

נעד: (היזגעריסן) עס איז פאַר אַמעריקע, מיין לאַנד! פאַר

דעם נביא פון דעם ווייסן הויז, פאַר דעם קאָפּ און הארץ פון פאָלק. פאַר זיין קאָפּ, פאַר זיין ווילן מעג מען זיך מקריב זיין.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : (דרייסטער) ניין, ניין, ניין ! קיין קרבן ! קיין בלוט ! דער צוועק היילגט ניט די מיטלען ! דיין קאָפּ און דיין ווילן לעבט פאַר זיך אליין !

נ ע ד : מיין קאָפּ און מיין ווילן לעבן פאַר פרייהייט, פאַר אַ ריינעם אומבאַפלעקטן נאָמען פון מיין לאַנד און פאָלק ! ער־לויב, פאָטער, גיב מיר דיין ברכה ! (שטעלט זיך פאַר סילווערמאַנ׳ען און בויגט איין דעם קאָפּ).

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : (זייער גערירט אָבער ניט ענטשלאָסן) אַזוי לאַנג ווי מיין קאָפּ קאָן נאָך דענקען און מיין הארץ קאָן נאָך פילן, וועל איך דיר מיין ברכה ניט געבן — איך קען ניט מסכים זיין צו פאַרגיסן בלוט.

נ ע ד : (עפנט ברייט די אויגן אין אַ סטראַשנדער פּאָזע) פּאַפּאַ, איך בין שוין 23 יאָר אַלט. איך האָב שוין אַ רעכט אויף זיך אַליין.

ס י ל ו ו ע ר מ אַ ן : (שאַרף) אַזוי לאַנג ווי דו לעבסט נאָך פון דער פּרוכט פון מיינע הענט, דו עסט נאָך מיין ברויט און פּו־טער, ביסט נאָך ניט אַלט גענוג.

נ ע ד : (פאַרשעמט, ווערט זייער אויפגערעגט, ציטערט, שלינגט שווער) דו, דו האָסט, דו, דו, גיב, דו האָסט, דיין שולד, דו האָסט (דרייסט און שטאַרקער) וועל איך גיין אויף קעסט עסן ברויט און פּוטער ביי אַנקל סעם ! גוד באַי ! (לויפט אין קאָרידאָר. בערטאַ הויבט זיך אויף האַסטיק פון שטול. סילווערמאַן קוקט אים נאָך זייער גערירט, מיט אויסגעשטרעקטע הענט און שטומען בליק. אָטעמט שווער. לוסי שטייט פאַרשטיינערט.)

ב ע ר ט אַ : (אין גרויס פאַרצווייפלונג) נעד ! נעד ! אַה נעד ! (פאַלט אין אָנמאַכט אויף אַ שטול).

פ אָ ר ה אַ נ ג